STEVEN SPIELBERG DIGITAL
YIDDISH LIBRARY NO. 18976

SHAYNFLEYTS

Lev Berinsky

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18976-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189761T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

לעוו בערינסקי

שײַנפּלײץ

לעוו בערינסקי / געקליבענע ווערק

צוויי בענד

באַנד איינס

פּאָעזיע

א׳

אויף די בבֿלישע וועגן

פֿון די ביכער:

דער זוניקער וועלטבוי (1988)

רענדסבורגער מיקווה (1994)

CALYSTEGIA SEPIUM (1995)

פֿישפֿאַנג אין ווענעציע (1996)

לופֿטבלומען (2001)

ב׳

פֿאַרלירט ניט מײַן שפּור

פֿון די זשורנאַלן:

״סאָוועטיש היימלאַנד״, ״די גאָלדענע קייט״, ״נײַע וועגן״,

״גילגולים״א״אַ

און

פֿון ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע כּתבֿ־ידן: 2011-1981

ג׳

RELICTA

לעוו בערינסקי

שײַנפֿלײץ

לידער און פּאָעמעס

שער־בלאַט: זאַכאַר שערמאַן
קאָרעקטור: אליעזר ניבאָרסקי
צוגעגרייט צום דרוק: יצחק ניבאָרסקי

דאָס בוך גייט אַרויס אַ דאַנק דעם איציק און געניאַ מאַנגער־פֿאָנד
און דעם בית שלום עליכם

עכּו, 2015

LEV BERINSKY / SELECTED WORKS

in two volumes

VOLUME I

POEMS

SHINETORRENT

Cover: Zakhar Sherman

Proof-reading: Eliezer Niborski

Preparing for print: Yitshok Niborski

ISBN 978-965-7348-41-3

©

All rights reserved

Akko, 2015



אַ ייִדישער דיכטער אין ייִדיש

לעוו בערינסקי איז אַן אולטראַמאָדערנער דיכטער מיט ביז גאָר אָריגינעלע מעטאַפֿאָרן און אַסאָציאַטיווער סימבאָליק. ער איז געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור נאָך דעם חורבן, וואָס די אַשמדאַים, היטלער און סטאַלין, האָבן געבראַכט אויף אונדזער פֿאָלק און זײַן קולטור. ווי אַ פּאָעט איז בערינסקי נישט אַרויסגעוואַקסן פֿון דער שעפֿערישער סבֿיבֿה פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין מיזרח־אייראָפּע, אָדער אַמעריקע. שטעלט זיך דעריבער אַ פֿראַגע: דורך וועלכע קאַנאַלן האָט בערינסקי זיך פֿאַרנאָפּלט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און מיט דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע, ווי ער וואָלט געווען אַ בן־דור פֿון אונדזערע גרויסע פּאָעטן?

פֿון דער פֿאַרהעלטענישמעסיק יונגער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע זינט י. באָוושאָווער, אַבֿרהם רייזען ביז משה־לייב האַלפּערן, יעקבֿ גלאַטשטיין און רייזל זשיכלינסקי (...) באַקומט מען דעם ענטפֿער אויף דער אויבנדיקער פֿראַגע.

אין וועלכער מיליע געדײַעט די פּאָעזיע בײַ פֿעלקער ביז זי דערגייט צו די סטאַנדאַרטן, צו וועלכע עס האָבן דערגרייכט אונדזערע גרויסע דיכטערס צווישן די צוויי וועלט־מלחמות? פֿון דער געשיכטע פֿון אַנדערע מערבֿ־אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן ווערט קלאָר, אַז בײַ אַלע פֿעלקער האָט געמוזט זיך שאַפֿן אַן ענלעכע מיליע. ס׳איז בלויז אַן אונטערשיד אינעם דויער פֿונעם דיכטערישן פֿאָלקישן אָנהייב ביז דער פּאָעטישער ראַפֿינירטקייט. אין דער פֿראַנצייזישער דיכטונג האָט דאָס געדײַען פֿון פֿראַנסואַ וויִאָן ביז פּאָל ווערלען געדויערט אַ 400 יאָר. אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט עס גענומען ווייניקער פֿון אַ יאָרהונדערט. די נישט אויפֿגעשריבענע פֿאָלקסדיכטונג איז אַריבערגעוואַקסן אַלע רעליגיעזע און אַסימילאַנטישע העמונגען און וווּלקאַניש אַרויסגעבוירן די גרויסע ייִדישע דיכטונג. די מיליע, וואָס עס האָבן נאָך געהאַט אַ איציק מאַנגער, אַ יעקבֿ פֿרידמאַן און ישׂראל שטערן, האָט בערינסקי נישט מער געהאַט. ווי אַ ייִדישן פּאָעט האָט בערינסקין אַרײַנגעראַטעוועט אין אונדזער ליטעראַטור זײַן ייִדישע היים, זײַן דיכטערישע אינטויִציע און זײַן פּאָעטיש וויסן. אייגנטלעך איז לעוו בערינסקי אַ פּאָעט, וואָס האָט דעם טאַלאַנט זיך דיכטעריש אויסצודריקן אויך אין רוסיש. אָבער אין בלוט איז בערינסקי אַ ייִדישער דיכטער אין ייִדיש.

אין אונדזער תּקופֿה, ווען די וועלט איז געוואָרן איין גרויסע שטאָט, איז די מאָדערנע פּאָעזיע געוואָרן אַן אוניווערסאַלע, מיט כּמעט די זעלבע מעטאַפֿאָרן און אַסאָציאַציע־שאַפֿנדיקער סימבאָליק ווי אין אַלע מערבֿ־אייראָפּעיִשע קולטורן. איז אויך דער ייִדישער מאָדערנער פּאָעט אַן אוניווערסאַלער, און לעוו בערינסקי געהערט צו די מאָדערניסטישע ייִדישע פּאָעטן, וואָס מיר האָבן נאָך...

מרדכי צאַנין, 1996

א



אויף די בבֿלישע וועגן



די פֿריילעכע וועלט

*

אַך, אַ פֿריילעכע וועלט שטראַלט און דרייט זיך און קלינגט, און די זון שײַנט אַזוי,
אַז דאָס אײַז אויף די בערג ווערט צעשמאָלצן, און די אייביקע מענטשן,
וואָס זיי שטאַרבן נישט מער (און דעם אמת געזאָגט,
איז נאָך קיין מאָל ניט קיינער געשטאָרבן), –
אײַלן, לויפֿן און ברעכן דעם קאָפּ, זענען גליקלעך און גרינג.

דאָקטאָר לאַנדאַו האָט תּמיד געגלייבט: אונדזער וועלט
ווערט כּסדר אַלץ מער "אייגנאַרטיק" (מיר פֿערזענלעך געפֿעלט
אַזאַ טערמין – "strange world" – אין דעם פֿאַך אַסטראָפֿיזיק).

דאָקטאָר לאַנדאַו, ווער אָבער קען אײַך דאָ, זענט איר נאָך היזיק,
צי געפֿונען האָט איר שוין אַ בעסערן רוים ווי אַ טרוים? –
בלי ערד־דרייעניש, האַרצשמערץ, קאָפּווייטיק און הינערפּלעט,
ס'הייסט, אַ פּלאַנעט
אָן קיין לײַד און יסורים, בלויז חשק און פֿלירט
צווישן בלומען און פֿייגל – און עמיגרירט
אין אַ וואַלדיקן שטערנלאַנד... אַוי!

צי מיר ווייסן בכלל,
וואָס מיר נעבעך געווינען, אונדזער דאָזיַן פֿאַרלירנדיק?

אַך, די ערדקויל, דאָס טומלען, די טײַכן, רוסאַלקעס – דער קוואַל
פֿון מײַן טרער און מײַן זוניקן גליק־שאָפּ – מײַן ליריק.

וו.ט.ר. – וויסנשאַפֿט־טעכנישע רעוואָלוציע

אַ מאַשין אויף צו מעלקן דעם הימל און פּוצן די צײַן
ווערט אַרויסגעלאָזט האַלב־אויטאָמאַטיש
פֿון די בעסטע, אין דר׳ערד, פּאָלימערן (אַ כעמיקער ווייסט, וואָס סע הייסט).

אַ טויט־אַעראָבוס אויף דרײַ הונדערט פּלעצער רײַסט אויף לאַטקעלעך די אַטמאָספֿער,
און זיי שיטן זיך – בלויע צי רויטע ווי רויזן,
און מיר כאַפּן זיי גליקלעך, די שטיקלעך, און שטופּן זיי
צו די אויסגעריבענע הויזן...

– מענטש, וו׳היין לויפֿסטו, ווען שלאָפֿסטו, וואָס מאַכסטו?
– איך מאַך די וויסנשאַפֿט־רעוואָלוציע!
– הער, וואָס מיינסטו מיט דעם, אַ גן־עדן?
– איך מיין די טעכנישע רעוואָלוציע!

– יאָ, און וואָס זשע וועט זײַן נאָך דער וויסנשאַפֿט־טעכנישער רע...?
– רעוואָלוציע!

אוי, ראָמאַנטישע ווערטער, נאָסטאַלגיע נאָך דער פֿאַרלוירענער קינדהייט:
No pasaran!
Rot Front!
Даёшь!
וו.ט.ר!

און די ערד, ווי אַ האַק־מישער, דרייט זיך, מאָלט איבער די געטלעכע וועלטן
מיט קאַיאָרן און שטערן, פּלאַנעטן, מאָלעקולן, אַטאָם
נאָכאַנאַנד – אויף האַלב־אויטאָמאַטן און האַלב – אויף טאָמאַטן.

אַ גליקלעכער חלום

דער גליקלעכסטער חלום פֿון אונדזער מענטשהייט איז אפֿשר געווען
דער, וואָס אויסגעטרוימט האָט אים אין שלאָף מענדעלייעוו, עליו־השלום,
און געשילדערט זײַן שווערע חזיונות־טאַבעלע, גראַדעקיק און ריין,
אונדזער וועלט – און די וועלט, און די מענטשהייט לעבן איצט אין זײַן חלום.

"La vida es sueño" – האָט נאָך געזאָגט קאַלדעראָן:
"דאָס לעבן איז חלום". "Жизнь есть сон"

קאָליריק און כעמיש ז׳געוואָרן דאָס היגע יאָרהונדערט,
און קליינע קוואַדראַטלעך, ווי האָניק־קעמערלעך, שטעקן אין מוח
בײַ די מענטשן, בײַ קינדער, בײַ הינער און הינט אפֿשר אויך...

פֿאַר חלום פֿאַרהונגערט... פֿאַרוווּנדערט...

וואַך אויף, קום צו זיך, כּישוף־מאַכער, צעשיט דײַן מיראַזש
פֿון זאַמד SiO_2, פֿונעם ים H_2O, פֿון אַזאָטישן הימל...

"Life's a Dream" – איצטער גרייט איך זיך גופֿא שוין כאַפּן אַ דרימל,
ווו די ערד איז – אַ זון, און דער מענטש קאָן אָפּלעבן ביז אַזש...

באַקרעפֿטיקט מיט ווײַן מיך, מיט עפּל באַפֿרישט, מיט אַ בלום!
ווײַל קראַנק כ׳בין פֿון ליבע – ניט פֿון כעמיש־אַלכעמישע פֿאָרמלען און סטראָפֿן.
איך פֿיל, ווי די וויִעס פֿאַרקלעפּן זיך מיר – און אַרום
פֿאַרבײַטן זיך שטיל די לאַנדשאַפֿטן, דאָס ליכט און די שטאָפֿן.

הבֿל־הבֿלים – ווי שלמה פֿלעג דרשען, איבערשרײַען דעם זשום,
לײַדער האָט דמיטרי איוואַנאָוויטש שוין אים אויף דער וועלט ניט געטראָפֿן.

די ראַקעטיזאַציע און דער צאָרן פֿון דער שטילער נאַטור

טויזנטער יאָרן פֿלעג זיך זעצן אַ בין אויף דער בלום,
און די בלום פֿלעג זיך שאָקלען אונטערן ווינט, און זי וויגן...

הײַנט פֿאַרפֿולקומען בינען זייער אַעראָדינאַמיק, זעלבסט־ווענטילאַציע:
דער גוף ווערט בײַ זיי אויסגעצויגן, דער שאַרבן מער שאַרף,
און פֿון הינטן די שטעכלקע רוקט זיך אַרויס – אַ האַרמאַט,
אָנגעלאָדן מיט פֿאַרביקע נוקלעאַר־טראָפּנס...

ראַקעטיזאַציע!

די בלומען האָבן אויך געפֿונען אַ מיטל – מוטאַציע:
טולפּאַנען, צום בײַשפּיל, פֿאַרהייבן אַזוי זייער שאָל,
אַז זי ווערט 6–7 מאָל העכער, דאָס צערטלעכע פעסטל
און די דופֿטיקע שטויבפֿעדעם שטעקן ווײַטיק אַרויס פֿונעם דנאָ –
– אַ ראַקעטע־קעפּל, וואָס צעשפּאַלט זיך אין פֿלי פֿאַרן טרעף –
אַ נײַינקער ״פּערשינג״, אַן עכטער שעדעווער USAF[1]

ווי איך זע נאָר אַ בלום נעבן מיר – כאַפּט אַרום אויפֿן אָרט
אַ געפֿיל, אַז איך שטיי אין ביירוט, בײַ דעם אַעראָפּאָרט...

גאָט זאָל אײַך היטן אַרויסצוגיין אָנהייב מײַ אויפֿן גאַניק
צי אין פֿעלד מיט די שמעטערלעך, פֿלאַטערלעך: פחד און פּאַניק...

לויפֿט און שטעלט זיך ניט אָפּ, אַז די בין – אָט דער פיצינקער "МиГ"[2] –
זאָל אײַך ניט איבערפֿלאָנטערן מיט אַ זונבלום... צוריק! היי, צוריק!

שפּעט: זי זעצט זיך שוין אײַך אויפֿן געניק...

TV–כראָניק: שווערע טראָפּנס... ס׳טריפֿט בלוט... אָדער שווייס... אָדער האָניק...

---

[1] מיליטערישע לופֿט־כּוחות פֿון פֿש״אַ – United States Air Force

[2] סאָוועטישער פֿאַרניכט־אַוויאָן (אין דער NATO־קלאַסיפֿיקאַציע: "Fishbed").

אויפֿן גרינעם בולוואַר

ער אַליין, נאָר ער, קלימענט טימיריאַזעוו מיט זײַן פּאַטאָסינטעז
איז שולדיק, וואָס שיכּור און געל איז געוואָרן די ערד
אין מאָסקווע, אויף נאָענטע לאָנקעס און פֿעלדער, בײַ די טײַכן און אין די וועלדער,
ווו עס רײַסן דעם באָדן אַרויס, ווי אַן אויפֿרײַס, די Taraxacum
officinale, לופֿטלעך, זוניקער פּוך.

גאַנץ רוסלאַנד, מסתּם, האָט באַדעקט שוין די בלומען־עקספּאַנסיע.

בײַ דער אײַזנבאַן־סטאַנציע
אַ המון: אויף די גאָלדענע ליניעס קאָן מען ניט פֿאָרן –
זענען גליטשיק און נאַס; דער אָזאָנאָוער שטח אַרום
פֿון אַ גרינעם איז אַ מין רויט־געלע זאָנע געוואָרן:
אין די פּאַרקן, הינטער קײַלעכדיקע עסטראַדעס, אין זשום,
אָדער טיף אין מעטראָ – מיט איין איינציקן דאָרשט: די פּאָטראַוועס צו קריגן
צי שוין אפֿשר געקראָגן און טאַקע דעריבער, דערפֿאַר –
שטייען, שאָקלען זיך, זיצן און נאַזנדיק ליגן
מענטשן מיט נעזער, אויסגעפֿאַרבטע אין געלן נעקטאַר.

גאַנץ רוסלאַנד איז שיכּור פֿון בלומען און פֿאַרשמעקט, ווי סע פֿירט זיך, מיט בלומען.

– אַזאַ יאָר אויף זיי, – זאָגט מײַן טאַטע. דערמיט, דאַכט זיך, מיינט ער,
אַז אַ יאָר אויף זיי איז געקומען, אויף די טאַראַקסאַקום
אָפֿיצינאַלע – מיט זייער וועגעטאַטיוון קאָשמאַר...

און יענער, דער פֿאַרטראַכטער מאָנומענטאַלער
"קעמפֿער און דענקער"[1]
שטייט זיך שטיל מיט אַ טויב אויפֿן קאָפּ – אויפֿן גרינעם בולוואַר.

---

[1] די אויפֿשריפֿט אויפֿן פּאָסטאַמענט.

דער אָסטאַנקינער טורעם

(אַ וואָקאַל פֿאַר אַ טענאָרשטים און אַ וואַשברעט)

דער אָסטאַנקינער טורעם צעלאָזט, ווי אַ לאָטאָס, זײַן בלום –
איין מאָל אין לעבן.

איך זעץ מיך אַוועק אויף מײַן הילצערנעם בענקעלע: מיר האָבן נאָך צײַט.

דער אָסטאַנקינער טורעם מיט זײַנע בלויע ראַדיאָ־לאָקן –
אָנגעפֿאַרבטע קראַסאַוויצע, אין ביקיני, אויפֿן האַרבסטיקן פּלאַזש.

דער אָסטאַנקינער טורעם – מײַן מאַמע, דאָס מיידעלע רוכל
פֿון די צוואַנציקער יאָרן.

דער אָסטאַנקינער טורעם – מײַן ליבע, וואָס מיך ניט געטראָפֿן
האָט אויף דער ערד.

אַ טרוים

אין דער פֿרי האָבן אַלע דערזען: אַן אומגלייבלעכער שנייִקער וואָלקן
שטייט אין דער ווײַטנס, פֿאַרשטעלנדיק דעם האָריזאָנט
אין זײַן גאַנצינקער ברייט – פֿון דעם לופֿטיקן גרינינקן וועלדל
ביז דער זוניקער אײַזנבאַן־בריק.

און פֿון דאָרטן קומט קיינער צוריק.

ערשט דערנאָך, ווען דער אַעראָבוס האָט געגעבן אַ שמײַס זיך אַרײַן
אין דעם ווײַסן, מיט אַן אײַזערנעם ווידערקול, גליטשיקן אָנגייג,
האָט מען, דאַכט זיך, פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אמתער באַרג,
אָדער, אמת געזאָגט, מײַן פֿאַרקערפּערטער נעכטיקער חלום.

און איצט, הגם ס׳הערט זיך קיין רויש און געשריי,
קאָן איך וועטן,
אַז זיי זוכן מיך דאָרט – אויף צו שטראָפֿן, צי אפֿשר מיך בעטן,
כ׳זאָל דורכלעכערן כאָטש אַ פּאָר שמאָלע טונעלן פֿאַר זיי.

נאָר איך, אַ געריבענער יאַט (ווי מע זוגט באַ אינדז: יאָט),
ווי אַ מײַזל פֿאַרטײַעט, שוין פֿאַרנעם זיך מיט גאָר עפּעס אַנדערש:
איך טרוים פֿון אַ העל־בלויען ים בײַ דעם פֿוס פֿון מײַן באַרג –
גרויס ווי די שטאָט.

דער פֿינצטערער שאָו

The funeral show – אַ שוואַרצע לוויה, טעלעוויזיאָניש געוויזן.

אַלצדינג ווי סע קער צו זײַן: רויזן אויף הויכע באַלקאָנען; אַ טרער אויפֿן ווינט;
אַ ווײַסער אַמפּיר־קאַטאַפֿאַלק און באַגײַסטערטע מענגעס פֿון מענער
און פֿרויען, און קינדער, און פֿערד, און טויבן, און הינט.

מע פֿירט צבֿאָות. צוויי גראָב אָנגערייטלטע באַקן,
מונטער, אָנגעשטאָפּט מיט פֿאָרמאַלין, פֿאַרבאַלזאַמירט
און שיין ווי אַ טרוים אין קאָליריקן טעלעוויזאָר,
וואָס גרימפּלט אַ שעה מיט אַ פֿערטל אין ליידיקן צימער –
פֿון זינט דער פּראָצעסיעס־ליבהאָבער, דער באַלעבאָס
האָט פּלוצעם אין פֿענצטער דעם עולם דערזען און אַ בלינדער
אַרויס – שטילערהייט, די האַנט פּאַזע וואַנט – נאָך דערקענענדיק זיך
אויפֿן טעלע־עקראַן: ווי ער טרעט שוין אַרײַן דאָרט אין שאָו.

און דער Show האָט זיך ווײַטער געצויגן – גאַסן לענג־אויס, צום בלאָוון עפּיר
מיט דרײַ העליקאָפּטערס און נײַן אויפֿן באָרט רעטראַנסלאַטאָרס,
און – נאָך העכער – מיט
אַ גאָלדענער פּולער טעלע־לבֿנה, אַ SOS־סאַטעליט...

און קיין איין מאַוזאָליי, קיין איין קרעמאַטאָריע אין אין־סוף,
קיין בית־עולם אויף דר׳ערד און קיין אויסגראָב אין פֿעלד
האָט אַרײַננעמען אים ניט געוואָלט
אויף אַ וואָך כאָטש, אַ טאָג צי אַ שעה...

אַן אומענדלעכער, אייביקער שאָו!

מיטל־עלטערלעכע קאָסמאָגאָניע

(גראַווור)

אַרום פּיצינקן ווערטאַל, אַרומגעצוימט מיט אַן אָרביט,
ווי אַ פּעסטונג מיט ווענט, אויף וועלכע געקאָנט ס׳וואָלט אַ קאַמפּוואָגן יאָגן,
אַ זעקסשפּאַן, פּאַרשפּאַנט אין זעקס אָגערס, זעקס אָדלערס, –
יאָגט אַ זעקסשפּאַן, אַ קאַמפּוואָגן, פּאַרשפּאַנט אין זעקס אָגערס, זעקס אָדלערס, –
און דער פּעמפּיקער שומר טראָגט די וואַכט אויפֿן טורעם, גיט אַכט.

מיר דערנענטערן זיך אויף פֿורגאָנען, אויף קליאַטשעס, זעקדהויפּנס
מיט ווייץ און מיט לופּט, און מען לאָזט אונדז אַרײַן, און ביז וואַנען
די דאָרטיקע קנעכט צעגרוזען די פֿורלעך –
שטיי איך שטיל אין דער זײַט און אַ מאָל נאָך אַ מאָל לעכער דורך מיט דער נאָל
אַ זאַק נאָך אַ זאַק, און כּסדר
שיט זיך ווייץ אין די קריציקע רעדער
פֿון דעם זשאַווער־אָרביט, און די שטראָמעלעך לופּט פֿון די זעק
רײַסן בייז זיך אַרויס, און ווי שפּילצײַג־האַרמאַטן צעקלאַפּן
– ניט גאָר עפּעס אַ קינדערשן טרוים –
די פֿיר ווענט און דאָס הימלבלוי אינעם ענגן און שטיקיקן רוים.

דער שוואַרץ־רויטער שוואָם

בעלי־חיים פֿאַרשטייען קיין אונטערשיד צווישן וויזיעס און פֿייזאַזש.

די קו גייט אַרײַן אין אַ טאָרפֿזומפּ, ווו סע ציט זי צום גרונט,
און סע ווײַזט זיך איר אויס אין דער גיפֿטיקער פֿאַרע דערבײַ,
אַז זי שווימט (און זי מוקעט זיך אונטער דעם וואַלס) אין דעם בלאָוון דונײַ.

אָ, דאָס גליקלעכע מ־ו־ו־ו־ו־ו!

נו־נו...

דאָס באַוווסטזײַן – אַ קרעבס אויפֿן לײַב פֿון דער שטילער נאַטור, אַ מין טרייפֿע מגיפֿה.

דער Homo, דער מענטש, הייסט עס, לעבט ניט: ער מיינט, אַז ער לעבט,
און זײַן לעבן באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס פֿון לעבן ער גלייבט אין זײַן נויט
און באַמיט זיך – בשעת אים דער אומעט דערפֿרעסט – ניט צו טראַכטן פֿון טויט.

דאָס באַוווסטזײַן – קאַנצעראָגענישע פּאָקן, די פּעסט.

און ס'באַווײַזן זיך, ווייסט איר, דעלפֿינען, וואָס אין ים זיך גאַנץ איינזאַם דערפֿילן,
און צו מענטשן זיך וואַרפֿן אַרויס אויפֿן ברעג אין אַ מין מוות־טאַנץ;
און ס'פֿאַראַן אַ קאָמפּיוטער־פּראָגראַם אויף צו ריידן מיט הינט; און די גאַנדז
(אָ, די פּיפּיקע רוימישע גענדז!) האָט זיך שוין אויסגעחכמעט
מיטן שנאָבל דעם וואַסערקראַן עפֿענען; און דער מוילוואָרף, נאָר ווי אין סדום...

אוי וועט זײַן דאָס אויף דר'ערד שוין אַ שׂימחה – דאָס קוויטשען און רעווען,
און קרייען, און קרעכצן, און כאָרכלען – ווען נשמת כל חי ולשון,
ביז דער לעצטער באַשעפֿעניש sapiens נעבעך געוואָרן,
וועלן פּלוצעם דערזען אויפֿן הימל דעם שוואַרץ־רויטן שוואָם.

* * *

אַ ייִנגעלע לאָזט אָפּ דעם גרינעם באַלאָן
וואָס פֿליט אין דער הייך און רײַסט זיך דאָרט אויף,
און ס'צעשפּרייט זיך העט אונטן אַ שטילע, ווי גראָז, הירואָשימע.

נײַער גן־עדן

זעקס ווײַסע אַקאָרדעאָניסטן, שיין ווי קינאָאַרטיסטן,
שפּילן אויף דער עסטראַדע אַ רומבע, אַ פֿריילעכן טאַנץ
"La Fiesta" – און ליכטיקע טרערן רינען און שײַנען
אויף די פּנימער בײַ די נשמות, אָנגעקומענע ערשט וואָס אַהער
פֿון דער ערד, ווּ זיי האָבן די שענסטע פֿיעסטע פֿאַרלאָזן...

דער קבלת־פּנים איז גמור. און חנוך – אַזוי ווויל און געטרײַ
באַגלייט זיי צום אײַנגאַנג, צום טויער, און זיי לייענען:



דאָס פּלאָגן מיט זוניקן ליכט

איך באַטראַכט דעם מוזיי, דעם געווער־אַרסענאַל אָט דעם פֿײַנינקן:
מיט וואָס וואָלט איר נאָך מיך געקענט דערדריקן און פּײַניקן?

כ׳גיי אַרויס אויף דער גאַס: אין דער וועלט, פֿול מיט זוניקן ליכט,
וואַרט און שטאַרט אויף מיר אַלץ וואָס סע פֿליט און סע שפּאַנט, און סע קריכט.

ס׳איז מײַן וועלט. און ס׳האָט אפֿשר קיין מענטש נאָך אַזוי ניט געליטן
אויף דער ערד, איבער וועלכער אַ זון,
ווי אַ לאַזער, אין הימל־לאַזור
הענגט און קלאַפּט מיט דער האַרטער אויסשטראַלונג אַראָפּ דאָרט אין מיטן.

עקספּערימענטן מיט די אייביקע וועלט־עלעמענטן

ליגט מען די זון אויף די רעלסן – דער צוג פֿאָרט זי איבער
ווי אַ לוזשע – ביז די הויכע טרײַבשטאַנגען אין שײַן.

ליגט מען די נאַכט אויף די רעלסן – דער צוג פֿאָרט אַרײַן
– ווי אַ יום־טובֿדיקער סובמאַרין – אין אַן אייביקן ניט־זײַן.

ליגט מען דעם ייִד אויף די רעלסן – דער צוג שפּאַרט זיך אָן
אין זײַן אַקסל און קני – און צעשרײַט זיך, שפּרינגט אונטער און קלאַפּט
ווי אַ גאָנער
מיט די פֿליגל.

און דער ייִד הייבט זיך אויף מיט אַ שמייכל: "נו פֿורזעך שוין... פֿור..."

מזוזה

אַ שטיק בלאָטע פֿאַרדאַרטע
פֿונעם שוך, פֿון מײַן לינקער פּאָדעשווע
וועל איך צוקלאַפּן איבער דער טיר מיט אַ צוואָק: כ'בין אין דר'היים!
מיט דער אייביקער גאָלדענער קייט כ'וועל באַרעמלען,
ווי דעם טײַערסטן שפּיגל –
פֿון דער רעכטער פּאָדעשווע דאָס אָנגעדאַרטע פֿאַרמישעכץ
פֿון דער מאָסקווער, אוראַלער, בעסאַראַבישער, באַלטישער בלאָטע –
און עס צוקלאַפּן איבערן טישל אין קיך, ווו בײַ נאַכט,
מיט אַ דאַר רעפּטל ברויט אין דער האַנט, וועל איך לאַנג און קאַלטבלוטיק
זיך אַרײַנקוקן טיף אין מײַן לעבן, וואָס אויסגעלעבט ס'איז.
און גאַנץ פֿרי
ווי אַ ייִנגל אַרויסלויפֿן פּלוצעם אין הויף אָדער, אפֿשר, אין מידבר,
ווו פֿון אונטער די באָרוועסע פּיאַטקעס
שפּריצן גאָלדענע זעמדלעך אַרויף צו דער געטלעכער הייך.

וויזיט

בײַ נאַכט קומט אַרײַן אין מײַן צימער יִיסוס כריסטאָס.

זײַן פּנים באַשײַנט אַלע ווינקלען. אַ מײַזל
כאַפּט זיך צלמען – שנעל, מיט די פֿאָדערשטע לאַפּקעס, פֿאַר שרעק
קאָן עס נעבעך דעם לאָך ניט געפֿינען אין דיל – און איז גרייט זיך צו שמדן.

צוויי שפּינען
מיינען, דאַכט זיך, אַז דאָס איז געקומען דער פֿריילעכער בדחן
מיט זײַנע מופֿתים – און שטעלן זיך אונטער דער חופּה
מיטן עלעקטרישן שנור אין דער מיט, און נעמען זיך האַלדזן – אַזוי,
ווי נאָר שפּינען דאָס קענען, און ער ווײַזט איר אונטער דער פֿאָלע
אַ פֿעטינקע פֿליג.

– מאַרינאַ! – איך וועק און טאָרע די פֿרוי, – מאַרינאַ!

מאַרינאַ – דווקא ניט קיין געמלטע – קאַטשעט זיך איבער
פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער, און צעדעקט זיך, און ווײַזט אים די פֿאָן.

אַ מין פּחד באַכאַפּט מיך. און ס'שווימט אויף, ווי אַ מת, אין זכרון
פּענדערעצקיס אַ העלער מאָטיוו, און איך שרײַ:

Parate viam Domini,
rectas facite in solitudine semitas Dei nostri...[1]

די קינדערלעך קלאַפּן אין טיר: פּאַפּע! פּאַפּע! וואָס ברענט דאָרט?

אין די פֿענצטער – אַ פֿינצטערע וועלט. זיבן מײַזעלעך, איך און כריסטאָס
קוקן דאָרשטיק, ווי די שפּינען זיך קײַקלען און וואַרפֿן,
און קאָנען ניט אויסבאַפֿרײַען
די הייסע, איבערגעפֿלאָכטענע פֿיס.

---

[1] "מאַכט צו רעכט דעם וועג פֿון גאָט, מאַכט גראָד אין דער וויסטעניש אַ געטראָטענעם וועג פֿאַר אונדזער גאָט". (ישעיה מ, 3).

האַרבסט

ניקאָלײַ דער אוגאָדניק, גאָטס דינער, האָט אַ בוקעט איבער רוסלאַנד צעשאָטן:
סמאָלענסק מיט די פֿלאַקסענע פֿעלדער – איז בלאָוו,
ריאַזאַן אינעם גאָלדענעם בלעטערפֿאַל – געל,
ס׳רויטע מאָסקווע ברענט שוין ווי פֿײַער.

ער פֿליט, דער פֿאַרפֿלויגענער גלח, און לאַכט אַזש פֿון צאָרן:
ווער זאָגט נאָך, אַז דרײַ איז ניט איינס און אַז ווײַן איז ניט וואַסער?
ער פֿלאַטערט און פּלאָנטערט, געפֿינט ניט זײַן היים אויף דער ערד,
זײַן שטוב ווו ער איז געבוירן געוואָרן,
אַ בחור געוואָרן,
אַזאַ פּראָמינענטער בלומען־ציכטער געוואָרן! –
זײַן שטעטל פּאַטראַס, קליינאַזיע, רחבֿות, די לופֿטיקע ווײַט...

קרעדאָ

אָ, ווי זוך־שאָטנדיק און פֿולווינטיק, און טריב איז דאָס שפּילן פֿון בלעטער אין וואַלד,
און זיי רייצן מיך מער ווי די פֿעע איך־וויל, ווען זי וואָלט אין די בלעטער געזעסן.

ווען איך בין אימפּעראַטאָר טראַיאַן, גיב איך – ערשטנס – אַרויס אַ דעקרעט,
אַז ספּעציעלע קאָמאַנדאָס, טאָג־טעגלעך, זאָלן דורכקעמען וועלדער
און געשטרויכן, און סעדער, און גערטנער – קיין איינציקער בלאַט
זאָל אויף ביימער ניט בלײַבן, בלויז נאָדלען און שטעקלעך.

אָדער – צווייטנס:
אַז אין די קרוינען, אויף יעטווידן בוים און אויף יעטווידער צווײַג פֿון אַ בוים,
אין די גרינע און לופּטיקע נעסטן
זאָל מען מוידן אַרײַנזעצן, וואָס איבער זיי קריכן לאַנגזאַמע, רויטע
גאָטס־קיעלעך, אַך, בײַ דעם האַלדז, בײַם עלנבויגן און בײַ דער...

הגם,
דאָס וואָלט אפּשר מײַן Credo געווען, מײַן ״גאָטס קי־פּראָגראַם״[1].

К.Маркс. "Критика Готской программы" (Kritik des Gothaer Programms) 1875 [1]

זעונג

אַ שוואַרצער שווערער שוואַן שווימט שטיל איבערן הימל.
ער שאָרכט ניט מיט דער לופֿט, ער שלאָפֿט, ער כאַפּט אַ דרימל.

די פֿליגל שטעקן שרעג, די פֿיסלעך הענגען רויט.
ער דעכעט ניט, ער פֿאַלט און שרײַט ניט. ער איז טויט.

וואָס וויל ער, דער מיראַזש? וואָס פֿאַר אַ גזר באַטײַט ער?

דער שווערער שוואַרצער שוואַן שווימט ווײַטער, כּסדר ווײַטער
אויף מיזרח, אויף מאָזדאָק, צום הייסן יערעוואַן,
קיין בורמע, סינגאַפּור... ווער ווייס... אַזאַ מין שוואַן...

אַליין בײַם רול

דאָס לעבן גייט אַוועק. ווי אַ שאָסיי אַ ברייטער
ווײַט צווישן גרינע בערג, אַ שיינער וועלאָטרעק.

דער וועלאָסיפּעדיסט – די צוויי פּעדאַלן דרייט ער
און קוקט זיך שטיל אַרום: דאָס לעבן גייט אַוועק.

אין טעג פֿון ווילד געקראַך, פֿון וועלט־סוף און ראַקעטעס,
דערלויב איך מיר אַ מאָל אַראָפּפֿאָרן צום סטויג
און אויסהערן דאָס גראָז, דעם זיסן אָטעם סוועטעס,
און ווידער – היי אין וועג, אויף וויפֿל ס'זעט דאָס אויג!

אַלץ שנעלער... און בײַם ראַנד, בײַם אויסבייג פֿונעם קײַלעך
ווערט דער שאָסיי אַ שטראַל וואָס הענגט אין לופֿט און ברענט,
ווײַזט מיר אין שוואַרצן רוים דאָס לאַנד וווּהין איך הולך...

און כ'טו אַ ריס פּאָרויס – און לאָז אָפּ ביידע הענט.

פּילאָסאָפיע

ווי אַן אָלטן שקראָב האָבעך אונגעשטעקט איינמול מאַן לאַב,
אין דוס גאָנצע לייבן זיכעך דיים אָנדערן שקראָב.



MITHUS JUDAICUS

צו דער קוואַנט־טעאָריע. ליכט

ליכט, פֿלעגט מען מיינען, צעגייט זיך אין לופֿט – פֿאַר דער נאַכט
סטײַעט שוין ניט קיין שײַן... נאָר פֿאַרקערט: דאָס טאָג־טעגלעכע ליכט
ווערט אין משך פֿון יום אַלץ געדיכטער –
צונויפֿגעפּרעסט,
חושך־שוואַרץ,
שווער,
אַזוי, אַז די אויסדאַמפֿן פֿון דער ערד־אַטמאָספֿער
און די וואַסער־קריסטאַלן
הייבן אָן אַזש צו בלישטשען, און די מענטשן זאָגן:
– אַ שטערן!

אָבער זעט: בײַם עקוואַטאָר, אינעם אַפֿריקאַנישן מידבר
פֿאַלט קיין טראָפּן נישט אויס אין דער פֿרי און קיין האָגל פֿון אויבן ניט קנאַקט –
און דער דאָזיקער פֿאַקט
ברענגט אונדז אויפֿן געדאַנק, אַז ניט אַלע שטערן אין הימל
שטעלן פֿאָר מיט זיך אײַז אָדער וואַסער, וואָס, אייגנטלעך, האָבן באַהויפּט
אין פֿאַרשידענע תּקופֿות די אַנטיקן פֿון אָבֿות
פּטאָלעמיי,
גאַליליי
און מײַן זיידע סרול פֿיקס, וואָס ער פֿלעגט אויפֿן מאַרק אין Tighina
זיך אַוועקשטעלן בײַם טעלעסקאָפּל
און פּאַמעלעך, צו ביסעלעך, אויספֿאָרשן אַלע געטלעכע האָריזאָנטן –
הייסט עס, אָפּשטיין דאָרט עד בוא משיח
פֿאַר זײַנע 3 ליי!

מײַן אַנטדעקונג

איך, אַ ייִנגל פֿון קעשענעוו, פֿון אַ הונגעריקן שטאָטראַנד
מיט פּאַפּשוי־פּעלדער הינטער דעם בלויִקן "ביוואָל"־שטראַנד,
אין וועלכע מיר פֿלעגן ביז נאַכט אַרײַן פּראַווען יום־טובֿים,
ווי אַפֿריקאַנער, בײַם פֿײַער, אין קאָסמישער שײַן
פֿון דער פֿולער לבֿנה, וואָס תּמיד פֿלעגט אויסגעדרייט זײַן
צו אונדז מיט איר פּוסטן, מיט איר שטיינערנעם מיזרח־צפֿון, –
בין איך איין מאָל, נאָך זיבן געפּראַזשעטע קאַטשענעס, טיף אײַנגעשלאָפֿן
און אַנטדעקט,
אַז דער אומאָנזעעוודיקער מערבֿ־דרום פֿונעם הימלישן סאַטעליט
שטעלט פֿאָר אָבער אַן אורוואַלד מיט זיך, אַ געדיכטן מישמאַש פֿון ליאַנעס,
ווו מען קאָן זיך פֿאַרבלאָנדזשען, ווי דער אייביקער ייִד
אויף דער ערד...

אמת,
אַ דאַנק דער וויסנשאַפֿט־טעכנישער רעוואָלוציע, ווערליק
די פֿאָטאָס פֿון NASA, האָט זיך שפּעטער פּרעציז אויסגעקלערט,
אַז דאָס הינטערלאַנד פֿונעם קײַלעך איז פּונקט אַזוי פּוסט, יודענריין...

נאָר איך מיין,
אַז ערשט איצטער הייבט זיך דאָרט אָן די ווירידיפֿיקאַציע,
פּראָסט גערעדט – דאָס באַדעקן די שטיינער מיט ביימער און גראָז...

און איר קלערט אפֿשר אַנדערש, וואָס?

מײַן עלטערער ברודער

מײַן עלטערער ברודער, עליו־השלום, איז געווען נאָך רײנזעליק און יונג,
ווען ער האָט זיך פֿאַרליבט אין פּאָלינע (כ׳האָב זי אויכעט געקענט),
און פֿלעג זיך איר נאָכשלעפּן, נאָר ווי אַ קינד... נאָר דאָס מײדל
האָט אים ניט געוואָלט. איז אײן מאָל, אין אַ פֿרילינג־וואָכנענד,
באַגלײטנדיק זי צו דעם טאַנצפּלאַץ אין "Дом офицеров"[1], –
האָט ער פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קאַלינינסקער בריק
און אַ שפּאַן צום געלענדער געטאָן, און אַ שפּרונג...

נאָר ביז וואַנען
ר׳איז געפֿלויגן (און דאָס מײדל האָט אים
עפּעס נאָכגעשריגן, נאָר דער ווינט האָט געשטערט בײַ דער שמיעה,
האָט ער ווידער געמוזט זיך אויסדרײען און בײַטן דעם וועג,
און איר נאָכפֿליִען קריק – ווײַל פּאָלינע
איז שוין איבער די גאַסן געלאָפֿן מיט אַ ווילדן געשרײ,
און ער האָט זי פֿאַרלוירן בײַם אוניווערסאַם, און געזוכט זי אין דופֿטיקע פּאַרקן
און די נאָענטע פֿעלדער, וווּ דער פּרעכטיקער זומער האָט שוין געררוישט
מיטן גאָלדענעם ווײץ, און אין ווײַטע פֿינצטערע וועלדער,
וווּ די ביימער שוין האָבן געגרײט זיך צום האַרבסט...) –
הײסט עס, ביז ר׳איז צום וואַסער דערפֿלויגן,
איז דער טײַך שוין פֿאַרפֿרוירן געווען, און ער האָט נאָר אַ הודע געטאָן
אין אײַז, ווי אַ דראָנג,
און זיך איבערגעבראָכן אַ פּוס...

נאָר וואָס? –
דאָס מײדל איז נעבעך שוין מסכּים געווען, ויהי, און פֿון דעמלט
לעבן גליקלעך זײ, נאָר ווי צווײ טויבן,
האָבן קינדער און וועלן נאָך מיך איבערלעבן.

הלוואַי!

אַ נײַס: די מאַמע זאָגט גאָר, אַז קײן עלטערן ברודער
האָב איך קײן מאָל ניט, זאָגט זי, געהאַט, און דער טאַטע,
ווי איך הײב אָן צו פֿרעגן, – ווערט פֿײַער און גיט נאָר אַ קרעכץ און אַ שפּײַ!

---

[1] אָפֿיצירן־קלוב (רוס׳).

אונטער דער זון

לאָזט זיך אויס פֿון דער גאַנצער געשיכטע אַ בוידעם – און משה
איז ניט גאָר רבינו, און שלמה האָט ניט נאָר דאָס שיינע
שיר־השירים ניט אָנגעשריבן, נאָר אַפֿילו דעם דוד
אבֿידן ניט געלייענט, און דער מוקדון, דער אַ. מאַקעדאָנסקי
(מסתּם Mikle Aronsky, דער מעקלער פֿון Brooklyn) האָט אין זײַן לעבן
קיין שווערד און קיין פֿערד
ניט געזען.

איצטער ווייסט איר, וואָס ס׳הייסט – איבער דער מענטשהייט־געשיכטע
אַן איבערבליק וואַרפֿן
אין שלאָף, אינעם שטויביקן קינעמאַטאָגראַף אין גראָז, אין אַ רויך
(מע פֿאַרברענט פֿאַראַיאָריקע בלעטער) ליגנדיק אונטער די קאַרשן
אינעם שטעטל פֿלאָרעשט, ווו דער שכן פֿון לינקס הייסט גאָר משה,
און ער שרײַט אויפֿן קליינטשיקן שוניע (מסתּם אַלעקסאַנדער),
אַז שלעפּן בײַ שכנים פּאַפּשויעס הייסט גנבֿענען, עך טי דרעקוץ!
און שלמה,
דער שכן פֿון רעכטס, אַ דאָראָזשניק,
קלאַפּט און קלאַפּט אויפֿן דאַך זײַן אומענדלעכן צוואָק אין דעם באַלקן אַרײַן
און באָמקעט זיך אונטער
אַ דוינע, אַ לידל, אַ נאַרישקייט, אַ האָצעם־קלאָץ:
ישקני מנשיקות פּיהו, כּי־טובֿים דדיך מיין...[1]

און דער רויך גייט אין הימל אַרויף, און מיט דער געשיכטע
פֿון דער טײַערער מענטשהייט
איז אַלץ שוין all right!

---

[1] שיר־השירים.

דער געבענטשטער וועג חנוכס

פֿרעג מיך בײַ נאַכט, אַרום דרײַ, ווען כ׳שפּרינג אויף פֿונעם שלאָף
מיט אַ פֿאָכעדיק האַרץ: גלייבסט אין טויט?

כ׳גלייב אין אַ ראָזעוון גאָרטן מיט גאָלדענע פֿאַוועס,
וואָס כ׳האָב אָקערשט געזען ווי זיי שפּאַנען אַרויס פֿונעם גראָז
און שפּאַצירן סאָליד צווישן בלויע און שוואַרצע טולפּאַנעס
אויף די הויכע פֿאַרשטעכלטע שטענגלעך אונטער די פֿיס.

אין די קעמלען איך גלייב, מיט דעם וואָלענעם צודעק אויף ביידע
האָרבעוואַטע געצעלטן אבֿרהמס –
פֿאַר זײַן שׂרהן און אים, און באַזונדער פֿון זיי, העט בײַם ראַנד –
פֿאַר דעם ערשטן פֿאַרבליבענעם דאָרט אַסטראָנאַווט, וואָס איז מײַן עלטער־זיידע,
און ער רופֿט מיך פֿון ווײַטנס, ער מאַכט שוין צו מיר מיט דער האַנט...

באָטאַנישע שטודיעס

אָט דעם דעמב, דעם אַלון, דעם ווילדופֿטיקן סערפּענטין־בוים,
וועלכער וואַקסט אויס ביי אײַך אויפֿן וועג, ווען עס האָט זיך פֿאַרשלאָסן
דער קרײַז פֿון דעם דרך אַרום אײַער וועלט – זאָל עס זײַן אַ שטיק באָדן
צווישןביידע צוויי זײַלן פֿון רעגן־בויגן צו אַ קאָסמאָס־אָרביט, –
אָט דעם ריזיקן שטאַם, וואָס קאָן גרינען און שטיין 1000 יאָר,
און פֿלעג דינען דעריבער אין אַלט־דרומדיקע עפּאָכעס
אַלס אַ זיכערער טאָפּאָגראַפֿישער צייכן – וועגן אים
האָבן קעמלען געטרוימט אין די זאַמדן, שליחים אין הימל
און דער ים־בלאָוו געוואָרענער קריסטאָפֿער קאָלאָן, – אָ דעם בוים,
אָט דעם דעמב – וואָס זשע האָב איך אײַך זאָגן געוואָלט? – אָ דעם קרעפֿטיקן
Quercus giganteum
זאָלט איר קיין מאָל ניט אויסהאַקן – בעסער האַקט זיך אָפּ ביידע הענט.

MITHUS JUDAICUS

אין דער הייסער, ווי דאָרשט, בעסאַראַבישער נאַכט מיט פּאַפּשויעס און גרילן
בין איך מיט דײַן בילד אין די אויגן געשלאָפֿן, הגר,
און קלעפּיקער איידער די בלוטיקע מענטשהייט־געשיכטע,
ווי האָניק און סלינע געצויגן האָט זיך אונדזער קוש,
און ווען כ׳האָב זיך דערוואַכט אין דער נאַכט, האָב איך דיך אויף דער וועלט
ניט געפֿונען –
אַ יאַשטשערקע איז געלעגן אויף די ליפּן בײַ מיר,
אַ פֿאַרסאָפּעטע, וואָס פֿונעם אורסטעפּ אַהער איז דערקראָכן
פֿון אַלעקסאַנדער מוקדונס געצעלט, ווּ דער איינזאַמער, מידער
(אַך, זיי זינגען שוין ווידער, די סאָלדאַטן, באַרבאַרישע לידער!),
דער פֿאַרטראַכטער פֿעלקער־באַפֿרײַער
האָט איר דאָרטן געגעבן אַ רײַס אָפּ דאָס עקל
(ווי בײַ אַ ראָמאַשקע דאָס בלעטל, ווען מען פֿרעגט זי אום ליבע) –
נאָר ביז וואַנען
זי איז לאַנגזאַם געקראָכן דורך יאָרהונדערטער, שלאַכטן, ווילד גראָז,
האָט דאָס קעדקעלע רעגענערירט,
אַזוי אַז זי האָט שוין מיט אים זיך באַרימט און באַרירט
מיר די ברעמען, די נאָז.

כ׳האָב געקוקט אויפֿן חיהלע ווי אויף אַ מיידל, מיט וועלכן
איך האָב מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן.
אויף אַ צײַטל פּאַפּיר (לידער שרײַבט מען מיט שטראַלן פֿון שטערן)
האָב איך אָנגעקריצט מיט אַ שטיינדל
דעם אימפּעראַטאָר
אַ שרעקלעכן אולטימאַטום:

Cogito, ergo es![1]

[1] פּעריפֿראַז פֿון דעקאַרטס באַוווּסטן אויסדרוק, דאָ: ״איך דענק, הייסט עס דו עקסיסטירסט!״

און אַרויפֿגעטאָן עס
אויף דער יאַשטשערקע, ווי אַ פּעלערינע,
און געגעבן אַ פּאַטש איר וו׳הין ס׳לוינט זיך – און ז׳איז אַוועק...

ס׳האָט שוין טאָגן גענומען,
און איך האָב מיך געגרייט, מיט הגר אינעם קאָפּ, קריק אַהיים,
ווען כ׳האָב פּלוצעם דערהערט פֿון הינטער דעם האָריזאָנט
אַ מאַרשירנדן־געטומל, אַ קנאַל, און אַ לאַנגן טרומייטן־סיגנאַל:
טרולו־טרולולו!

האָט ער, הייסט עס, באַקומען שוין דאָרט מײַן אַזהרה,
דער סטראַטעגיקער, האַלבוועלט־באַקעמפֿער, קיין עין־הרע!

צי אפֿשר ז׳געווען דאָס אַ הייזעריק ״מו-ו-ו-ו-ו-ו״
פֿונעם שלאָף – פֿון אַ דאָרשטיקער קו?

לויטן ווערטל

זייער גבֿורה איז צו זיצן שטיל.
ישעיה

מיר זענען שטאַרק, חבֿרים, שטאַרק ווי שטיין.
אַ שטיין קאָן אָבער ליגן אָדער שטיין,
נאָר זיצן זיצט אַ פֿויגל אויפֿן פּלויט.
און אויך ניט שטיל. ווײַל שטיל איז נאָר דער טויט.

זענען מיר שטאַרקער, זאָג איך, פֿונעם טויט
און פֿון דער קראָ, וואָס קראַקעט אויפֿן פּלויט,
און פֿונעם שטיין, וואָס פֿליט אין אונדזער זײַט
נאָך פֿון דער אַלטער, פֿון ישעיהס צײַט.

אויף די בבֿלישע וועגן

ז׳איז געלעגן נאַזנדיק, צעוואָרפֿן צוויי פֿיס און צוויי הענט
און צוויי צעפּלעך, ווי קינדער דאָס מאָלן, אויף ביידע זײַטן
פֿון איר פּנים – דעם זאַמדיקן קרײַז.
און אַ ווינטל האָט שוין צעווייעט דעם האַלדז – דעם פּונקטיר
פֿון דעם קאָפּ ביז די אַקסלען.

נאָר די אויגן – אַ פּאָר צעעפֿנטע אויגן – האָבן געפּינטלט, געקוקט
און געוואָלט, דאַכט זיך, עפּעס פֿון מיר.

קאָסע, איבערן ערדפּוסטן קליידל האָט זיך געצויגן
אַ מין אַרכעאָלאָגישע אויפֿשריפֿט – אַ בערגעלע זאַמד:

שש
שש
שש
שש
שש
שש
שש
שש

כ׳האָב זיך אָנגעבויגן און זי אָנגענומען בײַ די פֿינגער,
און זי אויפֿגעהויבן – מיט אַ מאָל, ווי מען שטעלט אויף אַ בילד,

צי אַ שפּיגל.

נאָר די אויגן, אַ פּאָר צעעפֿנטע אויגן – זענען קײַלעכיק ליגן געבליבן
און געקוקט, און געפּינטלט, און שוין גאָרנישט פֿון מיר ניט געוואָלט.

כ׳האָב זי אויסגעדרייט מיטן רוקן צו מיר, מיטן פּנים צום צפֿון,
און זי האָט מיט אַ זיפֿץ געלאָזט זיך אין וועג, און
– אַך –

טראָט נאָך טראָט פֿון איר זאַמדיקן קאָנטור פֿאַרלוירן, פֿאַרשאָטן

אַן אַקסל,
אַ לענד,
אַ קני...

אַזוי אַז אין גיכן – אין דער בבֿלשער שײַן פֿון דער שקיעה,
אין צעגאָסענעם קאָסמישן קלאַנג
האָט געהאָנגען, געאָטעמט אַ לײַטערע אויפֿשריפֿט:

קק

נג

אא

רר

פפ

אא

נג

אא

רוימישער קינעמאַטאָגראַף

דער ייִד מרדכי באַקומט שוין זײַן שווערד און אַ שילד.

פֿעדעריקאָ פֿעליני מיט זײַן קינאָ־גרופּע הענגען אין הימל
אויף דרײַ העליקאָפּטערס, אויף אַ הייך פֿון צוויי טויזנט יאָר,
און וואַרטן, אַז דער אימפּעראַטאָר
זאָל געבן אַ פּאָך מיט דער האַנט – און אַ לויטערער בראַנד
וועט אַרומנעמען דעם סעפּטימאָנטיום מיטן
קאָלאָסעום אין מיטן.

זיי האָבן נאָך אָבער צו וואַרטן: דער שקראָפּל נעראָן
זיצט דערווײַל אויפֿן פּריפּעטשיק, זאָגט אַלפֿאַ און בעטאַ
בײַם רבי סענעקאַ.

אַ דיוויזיע לעגיאָנערן ערגעץ אין טשאַד
צי אין קאָנגאָ פֿאַנגט ריזיקע לייבן און פֿישט קראָקאָדילן.

פֿעדעריקאָ פֿאַרררייכערט און קוקט. איבער אים, אין דער הייך
דרייט זיך ווי אין אַ שײנעם האָטעל, ווי אַ ווענטילאַטאָר,
דער פֿאַנטאַסטישער קרייץ פֿונעם האָריזאָנטאַלן פּראָפּעלער –
און פֿאַרטשעפּעט די סטעליע, און ס׳שיטן זיך ברעקלעך לאַזור.

פֿעדעריקאָ ציט אָן אויפֿן קאָפּ אַ פּאָר הערערס: דאָס האַרץ
גיט אַ קלעם: אַ מין גרוס פֿון דער קינדהייט, אַ נאָסטאַלגיע
נאָך דער וועלט: בעני גודמאַנס קלאַרנעט.

דער ייִד מרדכי אויף דער גרויסער אַרענע איז גרייט
ארויסטרעטן קעגן דעם לייב, דער גלאַדיאַטאָר.

עס בלײַבט שוין צו וואַרטן, אַזוי אַרום, גאָרניט מיט נישט –
13 יאָר[1] ביז דער שׂרפֿה, ביזן בענץ פֿון דער Belle Époque,
וואָס איז כּולו אַטאָמען און לעכער.

---

[1] דאָס ליד איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1987.

פֿעדעריקאָ צעשפּיליעט דעם גאַרטל – ווער קאָן אים דאָ זען?

צוויי פּאָר אויגן שפּירן אים נאָך: דער ה׳ צבֿאָות
און איך, ליאָווע בערינסקי.
ס׳גלוסט זיך פֿאָרט צו דערוויסן: ווי פֿאַרענדיקט פֿעליני דעם פֿילם,
און ווער שטעלט פֿון אונדז ביידע – אל־עליון צי איך? – דעם פּאָסטסקריפּטום
צו דער לאַנגער געשיכטע?

(הייסט עס: ווען פֿון ביידע געהערט
אָט דער געטלעכער שיר, וואָס אַזוינס האָט איר נאָך ניט געהערט.)

Post scriptum:

דער ייִד מרדכי
גיט אַ הייב אויף די שווערד – לאָזט זי אָבער אַראָפּ
ניט דעם לייב אויפֿן קאָפּ,
נאָר אויף אייגענעם האַנטגעלענק:
שנײַדט זיך איבער די ראָזעוו

ע

וו

ע

נ

ע

הייזעריקע שלענג

פֿון די ביימער און ווײַנטרויבן־לאָזעס אין גאָרטן עין־גדי,
אָדער בעקל־קוואַל; פֿון די פּעכאָנוווקסן, דעם געלן באַלזאַם אויף די פּאַלמעס;
פֿון קאַמפֿער־הענגלעך, די זיסע, ווי זיס פֿאַר שולמית איז שלמה;
פֿון די צווײַגן און שטענגלעך, און בלעטער, און בלומען, פֿון זאַפֿטיקע גראָזן –
הענגען, שטעקן און פֿאַלן אַראָפּ מיט אַ פֿוילבלעכן כליאַפּ
הייזעריקע שלענג.

פֿון די פֿרומע חלומות, וואָס אויף דער וואָר האָט געזען זשאַנאַ ד׳אַרק;
פֿון די רויטלעכע קירכנווענט, צעשמעטערט דורכן שוואַבישן פּעבל
און פֿראַנקאָנישן פּעבל, און דעם פּעבל פֿון טיורינגען און פֿון שוואַרצוואַלד,
פֿונעם וואַלדשוואַרצן פּעבל, אַזוי אַרום; אַך, פֿונעם פֿידעלע הויך
אין דער האַנט פּאַגאַניניס; און, אַך, פֿונעם סטויג מיט מײַן ערשטער געליבטער
אין אַ שטרויִקן נעגליזשע –
קריכן לאַנגזאַם אַרויס מיט אַ זאַמדיקן, זײַדיקן שאָרך
הייזעריקע שלענג.

פֿונעם קאָמפּלעקס ״סאָיוז־אַפּאָלאָן״; פֿונעם זיבעטן, קאָסמישן הימל
ערבֿות, מיט זײַן טוי פֿאַרן תּחית־המתים; פֿון דר׳ערד
און פֿון ים; פֿונעם נײַעם און אַלטן גן־עדן; פֿון בורמע;
און פֿון קינסטלעכע הערצער און נירן; פֿון פֿלאַמיקן בלוט –
ציִען שטײַף זיך אַרויס, גליטשן, שלעפּן זיך נאָך מיט אַ כאָרכלען
הייזעריקע שלענג.

סווישטשען ווילן זיי, טאַנצן און טרילן, און וויינען מיט טרערן!

שאַרן זיך אין אַ מין האָריזאָנט־קאַראַהאָד צונויף, שטייען,
ווי אין שלאָף, אויף די שווענץ, אָנגעגרייט, – אָבער פּוסט
בלײַבט די אַרענע: דער גרויסער פֿאַקיר ז׳ניט געקומען: ער ליגט נאָך
בײַ דער מאַמען אין בויך אָדער טיפֿער – צעשאָטן
איבער וועלטן אויף הונדערט און פֿינף עלעמענטן
אין די קעמערלעך, קלענער פֿון טרונעס פֿאַר קינדער צי קעסטלעך
פֿאַר קרויט־ אָדער קנאָבל־אויסשפּראָצן... נאָר וואָס גייט עס אָן די צעבלאָזטע,
צעבייזערטע, ווילדע
פֿאַרקילטע
הייזעריקע שלענג?

עלעגיע בײַם ריבינסקער ים

פֿאַרכאַד, דער אוזבעק, זעצט זיך צו אויף אַ שטיין און פֿאַרפֿירט
זײַן אומענדלעכע ליד.

וויפֿל צענדליקער קריגסצוגן, הונדערטער בלוטיקע מאַרשן
וואָלט ער דורכגעמאַכט מיט טאַמערלאַנען אַ מאָל, מיט באַטו, –
אויף צו קומען אַהער.

הײַנט האָט ער דעם ״אַעראָפּלאָט – באַקוועם און רענטאַבל!״

וויפֿל לענדער און תּקופֿות: דורך בבֿל און Renaissance,
דורכן דלות אין די בעסאַראַבישע שטעטלעך, און אָקערשט –
דורכן ווילדן המון בײַ דער עלעקטריטשקע – בין איך דורכגעגאַן
און כ׳בין.

סענטיאַבער. מיר זיצן לחוד מיט אים בײַ דעם קינסטלעכן וואַסער,
איך – אויף מײַן הילצערנעם בענקעלע,
ער – אויף שפּיץ שטיין.

איבער אונדז הענגט נאָך אַלץ, ווי אַ היץ, זײַן אומענדלעכע ליד.
אונטער מיר דרייט זיך פּילבאַר די ערד – ווי אַ ראָד
מיט דער וועווערקע אינ׳ווייניק.

PANTA REI

געלט פֿליסט צו געלט, און וואַסער צו וואַסער...

איר קוועלט?

אַ חכם מאַכט געלטער פֿון וואַסער, אַ טיפּש – וואַסער פֿון געלט.

זאָל איך וויסן פֿון צרות, צי איך ווייס, וווּ מען נעמט אויף הוצאָות –
אויף ברויט און אויף בלומען, אויף אַ לבֿנה פֿאַר היימלאָזע האַרבסטיקע הינט.

ס׳איז גערעכט העראַקליט: אַלדינג רינט.

אָבער וווּ איז מײַן טײַך מיטן גאָלדזאַמד (איך גיב עס אײַך אָפּ),
מײַן ים מיט די פּערל, מײַן וואַסערסלופּ
פֿון אַ גייזער; מײַן פֿעלדז אינעם מידבר – דער פֿעלדז מיט אַ לאָך,
דורך וועלכן – ווען משה רבינו וועט געבן אַ פֿאָך,
אַ קלאַפּ מיטן שטעקן, אַ נערעק אין שטיין און אַ זעץ –
וועט פּלוצעם אַ פֿלייץ טאָן פֿון אויבן אַ וואַסער, אַן אָזערע, נעץ...

און זי שטייט, ווי איר זעט, פֿון גאַל־ליליעס נאָך נישט פֿאַרסמט,
און שוין זעצט זיך צו ביסעלעך אָפּ, נאָר אַנטרינט ניט אין זאַמד.

אַ מעשׂהלע

דאָס פֿאַרטרוימטע, ס׳פֿאָלקלאָרישע פֿאַסטעכל
האָט אַוודאי פֿאַרלוירן זײַן שאָף, גייט אַרום, ווי אין שלאָף,
איבער פֿעלדער און וועלדער און שטעט,
שטעלט זיך אָפּ בײַם אָסטאַנקינער טורעם און שטייט
הערט זיך צו, וואָס סע טוט זיך אין הויכן עפּיר, ווײ׳ז מיר!

פֿאַסטעכל, פֿאַסטעכל,
גיי זיך ווײַטער, פֿאַרהאַלט זיך ניט, פֿאַסטעכל,
גיי און פֿאַרגעס ניט, וועמען דו זוכסט אויף דער ערד.
וועסט געפֿינען דײַן שעפּעלע – לאָמיר ניט לעסטערן,
הייסט עס, אויב ס׳איז באַשערט!

פֿאַר אַ נויט

גרין בײַ שאַגאַלן, בלאָוו צי רויט –
מיך נעמט דער טויט ניט. פֿאַר אַ נויט
קאָן איך אַ ראָב אַ שוואַרצער ווערן,
אַ ווײַסער בער, אַ געלער שטערן
אין גרויען אַש, אין ווילדן גראָז –
אַ מויז, אַ פֿרײַער אַלבאַטראָס
אין ים. און שיסט מיך עמעץ אונטער –
פֿאַל איך צו דר'ערד ניט, ווי אַ שטיין,
איך ווער אַ גײַסט – און פֿלי אַצונדער
הויך איבער דער נאַטור אַליין...

סטאַניסלאַוו – דער תּנך־לייענער

סטאַניסלאַוו, דער תּנך־לייענער, ליגט נאָכן לייענען בײַ נאַכט,
און קאָליריקע וויזיעס שטעלן זיך אים פֿאַר די אויגן:
אַ פֿילקעפֿיקע מחנה, אַ לאַגער, געצעלטן אין זאַמד,
ווײַסע זקנים, און ווײַבער מיט אָפֿענע בריסט און מיט קינדער
אויף די הענט, מיטן זאַמד אויף די ליפּן; אַ וואָפֿן־געקלאַנג
אין אַ זײַט, ווו דער פֿאָלקסשוץ־אָטריאַד און דער רעגולערער
אַוואַנגאַרד גרייטן שפּיזן און שווערדן צום בלוטיקן קאַמף
מיטן פֿײַנד, וואָס ער קומט פֿונעם זאַמד, און מיט זאַמד איז פֿאַרשאָטן
יעדע כּלי, די פֿאַן פֿול מיט זאַמד און דער קרוג פֿול מיט זאַמד,
און די נעזעלעך, און די אייגעלעך – גאָלדענע לעכלעך
בײַ די עופֿעלעך. קוקלעס פֿון רויטלעכע שמאַטעס – אין זאַמד...
גייט אַרויס פֿונעם בײַדל אַ זקן און לאָזט זיך אין וועג
באַרג־אַרויף, שטעלט זיך אָפּ בײַ דעם פֿעלדז, גיט אַ שרעקלעכן נערעק
מיטן שטעקן אין שטיין... (ווײַטער ווייסט איר די וואַסער־מסורה אַליין).

סטאַניסלאַוו ֿכאַפּט אַ דרימל און עפֿנט די אויגן: ער זעט
אָפּגעריסענע כאָפּטעס, זיי שטאַרבן פֿון הונגער, זיי ליגן
אומבאַוועגלעך אין זאַמד, זיך ניט געבנדיק אָבער קיין ריר,
ניט קיין אוי מיט די ליפּן...
– שמיי־דריי!
און ס'נעמט שיטן פֿון הימל מיט גרויפּן,
און עס שיט אָן, כאָטש לויף נאָך אַ שליטן, דרײַ בערג, נאָר ווי שניי.

סטאַניסלאַוו גיט אַ קריץ מיט די ציין... דער קאָליריקער טראַנס
לאָזט אים אַלץ נאָך ניט אָפּ און צעוויקלט פֿאַר אים, ווי אַ טעפּעך,
דעם פֿאַרשׂרפֿעטן מידבר: עס פֿליִען און פֿאַלן אַראָפּ
אויף דער ערד, אין די זאַמדן, און בראָטן זיך, ווי אויף בראָטאײַזנס,
פּוכלע פֿעטינקע פֿייגל – אַ סאָרט פּערעפּיאָלקעס, צי וואַכטלען, וואָס לעבן
אין די הימלען און קומען אויף דר'ערד אָפּצוראַטעווען
– קודם יִינגלעך מיט מיידלעך –
פֿונעם אייביקן טויט – ווען ס'איז גאָרניט שוין, דאַכט זיך, ניט מעגלעך.

סטאַניסלאַוון ווערט נימאס די מעשׂה... ער פֿאַרקלאַפּט דעם קירפּיטש
און פֿאַרזשמורעט די אויגן: צו ביסלעך, אַ טראָפּנדל נאָך אַ טראָפּן,
נעמט קאַפּען אַ גריך־בלויער רעגן פֿון ווײַן און פֿון שנאַפּסן,
פֿון לאַזורעוון סאַמאָהאָן, און עס שוועבט אויף אַ שוים, אַ מין נעפּל,
און אין סוואָנד, וועלט־אַרויף, אינעם פֿאַרביקן דאַמף פֿון דעם מבול
ציט זיך ס׳דאָרשטיקע גראָז; גאַנצע היגלען, ווי טייג, קוועלן אָן
אויף די זויערע בירהייוון; אַרום פּיִאָלעטעווע ביימער
גלאַנצן לוזשעס פֿון משקה, און געל איז די ריטשקע אין טאָל,
פֿול מיט ריינעם עטיל ביז די ברעגן, ווו ס׳שטייען און שמעקן
אָדער לעקן די שטיינער, ווי פֿלאַם־פֿײַער, שקאַפּעס און הינט;
און סע כאַפּן דעם ווינט סכיזאָפֿרעניש־פֿאַרגלעזערטע הינער
אויף די בלומיקע לאָנקעס; און אַ קאַראַהאָד, שוין אַ גרינער,
טאַנצט אין מיטן דעם פֿעלד, אויפֿן אַקער (צווישן זיי – מײַן סוועטלאַנע),
און זיי קרימען זיך, גליקלעך און נאַקעט, זיי הייבן די פּיס
און פֿאַררײַסן די פּנימער, כלעפּטשען און שרײַען ״הושענאַ!״
דעם באַזיגער פֿון גאָט,
דעם צורעכט־מאַכער
פֿון דער מענטשהייט־געשיכטע,
דעם בעל־חלומות מיט זײַן ראָזעווען קאַטאַקליזם.

אַ שפּאַציר מיט דער גאַנצער משפּחה

געגנעזיס

– באַ מישקען

עַר שטייט מיר, אַזוי ווי ער זיצט, פֿאַר די אויגן –
פֿלעג דינגען אַ דירה, צווײ קבֿרלעך, חיים־סרול פּיקס,
מיט זאַן וואַב, מיט אכט קינדער אין מיטן טשאַון אַפֿן אויוון
אין דעם קנאָבלצאָפּ אַף דער וואָנט – וואָלט שוין בעסער אַ ביקס...

אין דעם זעכצעטן – מאַרט אין סענטיאַבער – שיכּור, דאַר ווי אַ שטעקן,
פֿלעג מישקע זעך יאָווען נוך דירה־געלט. רעדן גאָנץ פּײַן,
נאָר – ניט אויסגעטענהט קיין איינציקן גראָשן –
אין הויף זעך אַוועקזעצן, סטראַשען,
אַז ער האָקט איף דוס פּענצטער אין לאָזט זײ דוס קעלבל אַראַן.

דעמלט פֿלעג עך – אַ יור צוואָנציק פֿאַר מאַן ווערן געבוירן –
כ׳פֿלעגזעך שטעלן אים הינטער דער פּלייצע
אין מיט גראַמען אים רייצן,
אַראַנשרײַען אים אין די אויערן:

– מישקע־פּישקע
פּישט אין די שטאַנישקע...

נאָר ניט ער, ניט דער זיידע, ניט דוס מיידעלע רוכל
– האָבן מעך ניט געהערט
צים באַדויערן!

מינהגים

אוי, פּסח! דער פֿריילעכער יום־טובֿ, יציאת־מצרים!

אַ פּראַכט פֿון אַ זאַך האָט געהאַט באָבע סימע אין שטוב –
אַ דעק מיט פּורפּור־רויטע בלומען.
פֿאַר עטלעכע ליי
פֿלעג די באָבע פֿאַרזעצן די דעק בײַ דעם גבֿיר, בײַ דעם פֿעטער
מוישע וואָלאָדאַרסקי –
וו׳הין דען, אין לאָמבאַרד? דרײַ פּראָצענט איז קיין געלט? און אויב צוויי?

אָבער הערט: ערבֿ פּסח, פֿאַר נאַכט, מיט די שטערן, נאָר וואָס פֿאַרלויכטן,
פֿלעג מאַדאַם וואָלאָדאַרסקי, זײַן ווײַב, דווקא קומען צו לויפֿן
און – אַז ע ר זאָל ניט וויסן – איר בשתיקה אַרײַנשטופּן ס׳געלט:
– פֿלי, סימעלע, קויף אויס די דעק וואָס דיר נעבעך געפֿעלט...

אַזוי איז געגאַנגען די שפּיל אַ יאָר נאָך אַ יאָר –
אוי, ווּ זענען די יאָרן? אַוועק...

אַזוי פֿלעג מען אויסקויפֿן שולדן:
די זינד קעגן בורא,
די פֿליכט פֿאַרן קרובֿ
און – פֿין פּייסעך ביז סיקעס – אַ דעק.

נאָסטאַלגיע

העלינק טעלערל פֿון הימל!
כ׳בין היינט ווידער קינדעריש אָרעם...
דוד האָפשטיין

אין דער לופֿט, ווי ביי סוויפֿטן, שווימט אַן אינדזל, אַ העל־זוניק שטעטל,
און בלייבט הענגען איבער אָסטאַנקינער טורעמשפּיץ שטום.
און ס׳הייבט אָן, ווי אַ קינד, מיין פֿאַרווייַנטע נשמה זיך בעטן:
הייבט אויף, מענטשן, צום הימל די אויגן, און קוקט זיך אַרום!

ס׳פֿליסן שטראָמען פֿון שטראַלן – און אויפֿן ראַנד, ווי אַ שאָטן,
אויפֿן ברעקל יבשה, וואָס פֿאַלט ניט און פֿאַלט ניט אַראָפּ,
שטייט אַ יאַט, אַ יונגאַטש פֿון דער באָד־גאַס, אַ יוליק צ׳אַ מאָטל
אָנפֿאַנג דרייסיקער יאָרן, פֿון טיגינע אָדער כירטאָפּ.

עפּעס מאַכט ער צו אונדז מיט דער האַנט, עפּעס וויל, עפּעס שרייט ער...

הער שוין אויף! ביסט נישטאָ. ס׳האָט דער קריג דיר דיין צוקונפֿט פֿאַרברענט,
דאָרט געבליבן ביסטו, אַ סטאַוויאַק און אַ טרוימער, אויפֿן שטעקל אַ רייטער,
ביי דעם טישל אַ שניידערל, אַ שמיליק, וואָס נייט און צעטרענט.

אַך, פֿון מיזרח ביז מערבֿ צעטרענסטו דעם הימל דעם ברייטן,
וואַרפֿסט אַ זוניקן פֿאָדעם אַראָפּ, זינגסט זיך אונטער אַ ליד:
אָצעם־פּאָצעם פּליוס דריי – דוואַדצאַט וואָסיעם...

ביסט מיין גאַסט פֿון די פֿרעמדע פּלאַנעטן,
און אַנטדעקסט מיר פֿון׳ם קאָסמישן טעלער, אַז איך בין אַ ייִד.

פֿון דער אייביקער קינדהייט

צי ער שטראַלט ערגעץ נאָך, דער שטראַנד ״ביוואָל״, דער שטיין לאַזוריט,
אַל־לאַזוואַרד, בלאָוער הימל, צי אומבאַצוימט ליגט ער אין זאַמד,
ווי אין זוניקן גאָלד, און אויף פּסח, ס'הייסט אָנהייב אַפּריל
קריכן גרינינקע זשאַבעס אַרויס (ווי מע רופֿט זיי דאָרט – בראָסקעס),
וואָס צעפּענען זיך ווי מתּנות, און זעצן זיך אויס
אויפֿן הייסן פֿוסגאַנג, שוין צו נאַכט, אַרום זינדיקן טאַנצפּלאַץ...

צי סע שײַנט אין דער נאַכט נאָך די שכינה – דער העלער קאָנטור
פֿון מײַן טאַטן, וואָס פֿלעג בײַ דעם גאַזלאָמפּ ביז פֿיר אין דער פֿרי
שטיין בײַם פּרעסל, צי מיט דער שער, אָדער זיצן
ווי ס'צעזעצן זיך פּריצים – ״אַ פֿיס איבער אַ פֿיס״
אויפֿן סאַמע ראַנד טיש,
און צוגרייטן צום ערשטן, צום צווייטן, צום דריטן אָנמעסטן
יענעם טרויקע־קאָסטיום, צי דעם פֿרענטש, צי דעם בעסטן,
דעם רײַכסטן, און נאָך מיט אַ מופֿטאָטשקע, דאַמסקע מאַנטאָ,
הייסט עס, אויספּיטשעווען ״от и до״[1], אַלע פּרטים, פּראָצעסן –
ווי געזאָגט: פֿון דער שער ביזן פּרעסל:
צעלייגן די סחורה *(דעם שטאָף, דעם אָטרעז)*,
אויסשנאַדן די פֿאָלעס *(די ספּינקע, די פּאַכוועס)*,
אונווייקן די לאַוונט,
צעגלעטן די קנייטשן,
ציסטריגעווען די באָרטאָווקע צים לאָץ, דוס פּידלאַסטל,
אויסשטעפּן די מאַנזשעטן *(דוס טעשל, דעם כליאַסטיק)*,
אַנמאַכן די קעשענעס,
איפֿלייגן דעם קאָלנער,
אַראַנלייען די אַרבל (מיט אַ פּור פּלעטשיקעס, ווי ס'יענער געפֿעלט...).

צי פֿאַראַן איז נאָך ערגעץ די ווילדע קדמונישע וועלט אויף דער וועלט?

---

[1] ״פֿון און ביז״ (רוס').

מיר בענקען נאָך קינדהייט און שלום

אַ בעסאַראַבישע זונבלום אין מיטן דעם וועלטאַל – מײַן קינדהייט,
און דאָס פּאַפּשויפֿעלד מיט ווילדע ליאַנעס – מײַן אַפֿריקאַנישער וואַלד,
און דער שטאָטפּלאַן, וואָס חלומט זיך מיר
– די שוואַרץ־רויטע חורבֿות־פּראָספּעקטן –
איז מײַן קעשענעוו, וואָס איך דערקען ניט בײַ ליכטיקן טאָג.

שלום – דו ביסט אונדזער קינדערשער טרוים, די אַגדה און היימלאַנד.

אין אַפֿריקאַנישע דזשאָנגלען און אין פּאַריז
איז ער פּונקט אַזוי מיאוס – דער מלאך־המוות. גיט אָבער אַ קוק
אויפֿן "סקײַלאַב", אויפֿן פּרעכטיקן גוף פֿון ראַקעטעס
און באָמבעס – אַזוינס ווי אַזעלכס, אַן עסטעטישער סוף,
וואָס די גאַל קערט זיך איבער פֿון אים, ווײַל שיין איז דאָס לעבן –
אַ פֿרוי מיט אַ זוניקן שויס, אַ סוועטלאַנע מיט גאָלדענע האָר.

מיר בענקען נאָך שלום.

איר זעט מיך? – אַ יאַט מיט אַ קראַנקן זכרון, אַ פּאַרשוין מיט אַ שווערער נשמה,
אַ פֿאָטער פֿון פֿריילעכע קינדער,
וואָס האָט מורא זיי אָנשטעקן מיט נאָסטאַלגיע
נאָך אַ פֿאַרשׂרפֿעטער שטאָט,
נאָך אָנגעבויגענע ווענט, נאָך אַ קוימען, וואָס שטאַרצט
ווי אַ שוואַרצער קוקטורעם, פֿון וועלכן סע זעט זיך נאָך אָן
אַן אַפֿריקע הינטער דעם בלויִיקן שטראַנד אויפֿן ראַנד פֿונעם זוניקן חושך.

מיר בענקען נאָך קינדהייט.

מיר בענקען נאָך קינדהייט און שלום.

אַזכּרה

אַך, ווי זיי קושן זיך איינער דעם אַנדערן, ייִנגלעך מיט מיידעלעך!
פֿינצטערער אָוונט, ליכטיקע העמדלעך, לײַכטינקע קליידעלעך.

ס׳קוקן אין אויגן אַרײַן און פֿאַרבײַסן די ליפּעלעך
יאַנקלעך מיט רייזעלעך, יאָסקעס מיט חנהלעך, לייבעלעך, ליבעלעך.

צי ס׳איז געווען אַ מאָל, צי כ׳האָב זיי אויסגעדאַכט, אויסגעטרוימט, אויסגעקרעכצט,
אונטער דיביימער געשטעלט, אויף דער גאָרטן־באַנק אויסגעזעצט?

און זיי באַלויכטן דאָס חשכות, די ווענט און פֿאַרלאָשענע פֿענצטערלעך –
ליכטיקע שאָטנס, שײַן־ווּעזנס, אַווריימעלעך, עסטערלעך.

דרעקוץ

דרעקוץ! – פֿלעג מען שרײַען צום בחורל יאַנקל וואָסטריאַק
אין זיבן און פֿערציקסטן, אין שקאָלע בײַם וואַקזאָל קישינעוו...

דרעקוץ – קלינגט אַ ביסל רומעניש, ווי "דאָראָבאַנץ",
אַ בוקאַרעשטער האָטעל, און עס קלינגט ווי אירקוטסק,
און ווי דער שפּאַנישער שטאַמנאָמען דע לאַ קרוס,
וואָס, אײגנטלעך, הייסט "פֿונעם קרייץ", און דער דײַטשישער קרויץ –
איז דאָך אויכעט דרעקוץ...

דרעקוץ – אַ דערנידערונג־שמײַס, אַן אַנטיזעניט־שטויס.

"דרעקוץ" – וואָלט קאָנט ברענען איבערן גרעסטן קינאָטעאַטער
אין דער שענסטער בײַ־ימישער הויפּטשטאָט – מיט ווײַסן נעאָן.

דרעקוץ – קאָן אַ באַרג זײַן, אַן אינדזל, אַ קאָנטינענט,
די ערד מעג זיך רופֿן דרעקוץ – נאָר איך האָב דעם נאָמען
גענומען פֿון לאַנג פֿאַר אַ וועלטאַל, ווו נאָך אַ גלאָבאַלן פֿאַרברעכן
אויף איינעם פֿון זײַנע פּלאַנעטן – צו יאַנקלען, מײַן חבֿר
אין פֿאַרלאַטעוועטע פֿאָר הויזן און אַן אויסגעקרימט היטל
שרײַט מען: דרעקוץ!

דרעקוץ – וועט מען געבן דעם נײַעם געשטערן אַ טיטל,
דעם אַנטדעקטן אין געטלעכע רוימען,
ווו דער וועג אונדז׳רער שימערט, דער קורס.

אַב אָוואָ

Ab ovo, ד״ה פֿונעם איי – איז געווען בײַ די רוימער אַ ווערטל.

אײַ די פּיקחים לאַטײַנער! באמת: אַ הון פּיקט זיך אויס פֿונעם איי.
אַן עקדיש קריכט אַרויס פֿונעם איי. אַ פֿיש – פֿונעם רויג, אַ מין רויט איי.
אַ מענטש – פֿון אַן איי ווי אַ וווּנדער: אַ גרויס, מיט פֿיר דופּטיקע שפּראָצלעך
און אַן אָנוווּקס פֿון גאָלדענע האָר, עס קאָן טאַנצן און לאַכן,
און זיך איינזאַם צי טראָגעוודיק אפֿשר דערפֿילן, זיך צעוויינען, אוי ווײ...

דער רבונו־של־עולם זיצט זיך שטיל אינעם קאָסמאָס,
אינעם שטערן־באַשפּרענקלטן איי.

איך דערמאָן זיך: קעשענעוו-47, אין מיטן דעם הונגער
פֿלעג צעלייגן אויף דר׳ערד, אויפֿן מאַרק, אויף זײַן היטעלע ״סעווערני פֿלאָט״[1]
דאָס קופּקעלע ווײַסע גאַלאַקטיקעס יאַשקע־זשידאַנול – איך זע אים
אַזוי ווי כ׳וואָלט איצט דאָרט געשטאַנען אַ ייִנגעלע, אָט:
מיט צוויי לאַצן מעדאַלן, אויף פֿיר רעדלעך אַנשטאָט אַ פּאָר פֿיס –
און צערעוועט זיך מיאוס צו די קונים און זיצערקעס,
צו מײַן מאַמען און מיר ליידיק־גייער:
גאָטס אייער!
גאָטס אייער!
גאָטס אייער!

און ערשט איצטער פֿאַרשטיי איך אים: לעבן און נערונג גיט גאָט.



[1] ״צפֿון־פֿלאָט״ (רוס׳).

ENFANT PERDU[1]

(אַלעקסאַנדער געלמאַן, 1961)

משה דער רויטער, משה דער טרוימער, משה דער טויבער
פֿון צוויי גלעזער ווײַן נאָך דער אַרבעט זיצט איינזאַם אין פּאַרק
אויף אַ באַנק אונטער ביימער און וואַרט, אַז צום רעגן זאָל קומען אַ סוף.

ביטער, געל אויפֿן האַרצן ווערט משה דעם שלאָסער,
און ער נעמט זיך דאָס ליידיקע פֿלעשל, ער נעמט זיך דעם עפּל, ער נעמט זיך
דאָס גליקלעכע לעבן
און הולכט אַוועק מיט פֿאַרוויינטע, פֿאַרבלענדיקטע אויגן – אויפֿן זיבעטן הימל.

ווערט ער אַ שותּף מיט גאָט, קוקט אַראָפּ פֿון דער זון און זעט
ווי טיף אונטן, צווישן זײַן לינקן און רעכטן ברעזענטענעם שוך,
פֿלִיען לאַנגזאַם, ווי פּאַראַשוטיסטן,
צוגעטשעפּעט בײַם אַקסל צום וואָלקן, ווייסט זיי דער רוח! –
די דרײַהענטיקע שאָטנס פֿון משהן – פֿון משה דעם שיינעם,
אוי, דעם איינציקן, איינעם
בײַ דער מאַמען...

ס׳גייט פֿונעם נעפּל אַרויס מיט אַ נימאס געלעכטער
אין דער געטאָ אַ וועכטער – און משהן ווערט הייס,
און משה דער שלאָגער ווערט בייז: צעלאַכט ער זיך אויכעט
און דעם סטרוזש לאָזט ניט איבער קיין שאַנס –
ציט אַרויס פֿונעם בוזעם ס׳פֿאַרזשאַווערטע מעסער
און שנײַדט איבער דעם נימאסן האַרבסטיקן רעגן דעם גאָרגל,
זײַן הינערשן האַלדז,
און סע ברויזן און פֿליסן, ווי באַכס אַ פּאַסיאָן פֿונעם אָרגל,
ריטשקעס בלוט אַרום משה דעם שוחט –
פֿון בערשאַד ביז פּראָוואַנס.

---

[1] דאָס פֿאַרלוירענע קינד (פֿראַנצ׳).

צו דער גראַוויטאַציע־לערע: אַ. וו.

אַ. וו. – עולם־הזהניק און אַ צערטלעכער ליריקער,
איז געווען, אַ יאָרן פֿערציק צוריק, אַ דעסאַנטלער,
"Himmelstrafe"[1] פֿאַר די דײַטשן,
איר הערט?

קומט די שעה, פֿונעם הימל אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד
צום 67סטן מאָל,
און דער מלאך־המוות – דער מלאך פֿון טויט און מלחמות –
צעשפּרייט שוין פֿאַר אים אַ געלעגער פֿון פֿײַער און שטיין,
און דער בראַוער דעסאַנטלער אַ. וו. מאַכט שוין גאַנץ שיין
זײַן פֿאַלן וואָס גיכער, נאָר אַ. וו. דער פּײַטן בלײַבט שטיין
אין מיטן די הייכן, און סע עפֿנט זיך אים אַ פּייזאַזש,
אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט, אַ מיראַזש
פֿון די, וואָס געזען האָט מסתּם אין דער וויסטעניש ישו הנוצרי,
40 נעכט אַ פֿאַרפֿירטער, און טעג...

אַ. וו. איז געווען, שוין געזאָגט, צבֿאָות׳ס אַ שליח, און פֿלעג
יעדעס מאָל פֿונעם הימל אַראָפּלאָזן זיך – ווי אין אָנמאַכט, ווי אין טראַנס אַ דעליריק.
נאָר די ליריק
האָט כּסדר אים אָפּגעראַטעוועט אין אַ טרייסטלאָזער סיטואַציע –
איבערוועלטיקנדיק די ערד־גראַוויטאַציע.
מיט איר קאָסמישער מאַכט.

זעט:
אָט שטייט ער
און לאַכט!

---

[1] אַ גזר פֿונעם הימל (דײַטש).

אַ מין וואַלד יעקבֿס לייטערס

אויפֿן ראַנד פֿונעם פֿעלד שטיי איך שטיל. הויכע ביימער, בערעזעס.

כ׳זע אַ בילד: דער פֿאַשיסטישער וועזוואָד יאָגט שוין אָן
דעם לאַנגפֿיסיקן מלאך, וואָס טוט זיך אַ וואַרף אין זײַן נויט
אין דער טריבער געדיכטעניש – און לאָזט איבער אויף די שטאַמען אָן פֿרות
ווײַסע וואַרעמע שטיקער הויט.

ווי אַזוי מײַן מאַמע האָט ביז הײַנט ניט געזען סידי טאַל

ווען די גרויסע אַקטריסע איז אָנגעקומען אין שטעטל,
אין עטלעך און דרײַסיקסטן יאָר, און גאַנץ קאַושאָן
איז געווען מלא־גדולה און גערודערט, געזונגען איר שפּיצל, איר לידל
"איך האָב אַ קאַטאַר אין דער נאָז", –
האָט יאַנקל שראַבער, דער בעל־אַכסניה, דער "באַלעבאָס",
איר נאַרײַעט מײַן באָבע סימע
אויף איבערצוואָשן דאָס גרעט, און פֿאַרריכטן,
פֿאַרשטריקן, פֿאַרנייען וואָס מ'דאַרף...

"פֿינעף ליי, זיבעצן זאַכן, – האָט זיך סימע דעם חשבון געמאַכט –
אין אַ פּור קאָנטראַמאַרקעס..."

נאָר די זינגערין ("שיין ווי די זון!") האָט איר אָבער געגעבן
חוץ ליי אַ גלאָז טיי און אַ "זײַט מיר געזינט".
און מײַן מאַמע האָט זי ניט געזען...

וואָס זשע, פֿרעגט איר, וויל איך אַצינד? גאָרניט. איך וויל,
די אַקטריסע זאָל קומען צו אונדז און אַזוי טאַקעש זאָגן:
– מאָרגן, רוכעלע, האָבעך אין מאָסקווע אַ גרויסן קאָנצערט
אַף פּעטראָווקע, טעאַטער "ערמיטאַזש".
נאַ דיר אַ קאָנטראַמאַרקע, אין אַ בילעט פֿאַרן זין
(אַ ווילער בפֿירוש פּאָעט),
אין די אָלטיטשקע סימע, עליההשלום, איז פֿין לאָנג שוין באַ מיר
די בעסטע מאָדיסטקע... פּעטראָווקע, זעט האָט ניט קיין טעות.

אין ווען ס'ועט ניט געפֿעלן אינדזער לושן דאָרט אפֿשר אין לאָזשע, –
זאָלן ציבעלעס אויסוואַקסן זיי פֿינעם פּיפּעק
אין אַ שיי־נע־ער קאַטאַ־אַ־אַר אין דער נר־רוז![1]

---

[1] דאָס ליד איז פּובליקירט געוואָרן אין "סאָוועטיש היימלאַנד" נומ' 8, אָנהייב אויגוסט 1983. סוף חודש האָט מיר פֿון טשערנאָוויץ טעלעפֿאָנירט יוסף בורג: דעם 17טן אויגוסט איז געשטאָרבן סידי טאַל.

יובֿל

אַ בלום, רב שלום־עליכם, איז שטאַרק ווי אַ שטיין,
און דער הימל איז רונדיק און בלאָוו ווי אַ וואַזע –
כאָטש נעם וויש אַרום אין דער הייך אים,
און טאָמער פֿרעגט איר מיך, וואָס אויף דער וועלט הייסט שיין –
איז שענער פֿון אַלעמען זענט איר אַליין, רב שלום־עליכם.

אַזוי ווי איר שטייט – מיטן בערדל, אַ ביסל פֿאַרריסן דעם קאָפּ,
אַ ביסל פֿאַרטומלט פֿון זשום – פֿון די טײַערע ייִדן,
וואָס ריידן מיט דריידל און דרייען דעם קנאָפּ בײַ דער וועסטקע אײַך אָפּ,
און שטאָלצירן זיך מיט *זייער* שטאָט, מיטן מאַרק,
מיט דער תּיפֿלה באַרימטער אין מיטן,
מיט די גרויסע רווחים און ליידיקע קעשענעס געלט...

און ווען איך זיי צעשטופּ און אײַך פֿרעג, רב שלום־עליכם,
וואָס הייסט אַזאַ גורל – אונדזער אייביקייט אויף דער וועלט,
גיט נאָר שטיל אײַער פּראָפֿיל אויף דער הימלשער וואַזע אַ שמייכל.

אַ קאַטאַסטראָפֿע אויף דער פֿולער לבֿנה
נאָך מאַרק שאַגאַלס פּטירה

813 קאָלאָניעס פֿלאַטערלעך – ווײַסע נשמות
פֿון דער ערד און פֿון אַנדערע וועלטן, וואָס האָבן נאָך ניט קיין לבֿנות,
זענען פּלוצעם צעשטרייט און צעשמאָלצן געווען: אין זעניט
איז אַרײַן אַ שטיק לעבן – אַ פֿאַרטאָפּלטער אַראָליט,
דאָס וויטעבסקער פּאָרל, וואָס אַרום דעם פּלאַנעט איז געפֿלויגן
68 יאָר, אין קאָסמישן ווינט, מיט געעפֿנטע אויגן
איבער שטעט און מלוכות, איבער מענטשישע לײַדן און לוסט –
האָריזאָנטאַל, ר׳האָלט זי אונטער געהיט בײַ דער ברוסט,
אַ כריזאַנטעם וואָלט זיך נאָך אויפֿן קליידל געגלוסט...

ווי וועט לעבן די ערד אָן אָ־דער איבערערדישער שיינקייט?

זיי זענען אַוועק מיט דער צווייטער קאָסמישער שנעלקייט –
מיטן הימל־טאַנגענט... ער, דער בורא־גלײַכיקער ייִד,
האָט באַשאַפֿן זיי און זיי געהאַלטן אויפֿן אָרביט.

ווו זשע איז ער, דער קײַלעך, די ווײַסע לבֿנה? אַ מראַק, אַ פֿאַרכמאַרעניש...
אַך, וואָס האָט איר אונדז אָנגעטאָן, מאַרק זאַכאַראָוויטש? מאַרק זאַכאַראָוויטש...

מיט דעם בוים אין דער מיט

דער בוים
איז געשטאַנען
איבערן הויז אַזוי הויך
אַז דער פֿלאַמיקער בויגן אין הימל – דער וועג פֿון דער זון –
איז געהאָנגען אויף די אונטערשטע צווײַגן.

ווען דער האַרבסט
איז אַראָפּגעפֿלויגן פֿון דער קרוין
און פֿאַרדעקט מיט זײַן בלאַט – מיט די ברייטע פֿאַרוויאַלעטע ברעגן
אונדזער דאַך און אַלע פֿיר פֿענצטער,
האָט זיך גלײַך אין דער שטוב אײַנגעשטעלט
אַזאַ וועלט, אַ מין דופּטיקע ביאָלאָגיש־באָטאַנישע סבֿיבֿה, אין וועלכער
מיר זענען פּאַמעלעך – נאָכאַנאַנדיק, לויטן עלטער – געוואָרן
קליין ווי מערישקעס, קלענער פֿון מערישקעס, אַך, אַזוי קליין,
אַז, ווען ביסט דאָרט אין גאָרטן אַרויס נאָך אַן עפּל צי האָלץ,
האָסטו היטן געדאַרפֿט זיך
פֿאַר אַ מערישקע – פֿאַרן שרעקלעכן העלפֿאַנד מיט זײַן יום־כּיפּורדיקן שנויץ!

זענען מיר שוין געזעסן אין שטוב שטילערהייט, נאָר סע זאָגט זיך געזעסן –
ווי אַ רעדל האָב איך מיך געדרייט בײַ טאָג און בײַ נאַכט, און מײַן וואַכט
איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מײַן מאַמע זאָל ניט פֿאַרקריכן
אין אַ טיפֿער שפּאַרונע אין קיך, ווי ז׳האָט יעדעס מאָל עס געפּרווט,
און דער טאַטע
פֿלעג אָנהייבן שאַרן מיט אַלע זעקס פֿיסלעך און לויפֿן
מיט דעם קאָרע־קנייטש העט אַרויף – ווו אויף מעכטיקע צווײַגן
האָבן פֿריילעך, ווי ספּאָרטלערס, זיך געקוליעט מלאָכים מיט גאָלדענע האָר...

און איר זאָגט, אַז אין *״רויטן בוך״* [1] איז שוין צײַט אַרײַנטראָגן
אונדזער נאַטור.

Red List of Threatened Species – IUCN [1]

אַ שפּאַציר מיט דער גאַנצער משפּחה
הינטער מאָסקווע, איבער דער לאָנקע

מײַנע אייניקלעך
זענען נאָך בײַ מײַן אַסקען אינעוויניקלעך.
אַסקע שטופּט אין די טרוסיקעס בלומען ארײַן און מאכט זיך אַ בויך.

העט הויך
זינגט אַ לאַרך און ציילט אונטער דערוויַל, ווי דער פֿאָטער אַבֿרהם,
וויפֿל דורות ער האָט נאָך צו שאַפֿן, אַסקעס זון זאָל הערן זײַן ליד...

– פֿאַרן ייִד, – זאָגט מײַן פֿעטער גדליה, –
איז אָלץ איינס ווער סע העלפֿט אים דו אינטער,
אַ מאָנגאָלקע, אַ פֿויגל, אַ בלום:
אָלע ווערן זיי אינדזערע קינדער...

און ער קוקט זיך – צי מ'הערט אונדז נישט אונטער – אַרום.

פּראָיעקט פֿון אַ דענקמאָל מײַן טאַטן בעת זײַן אייביקן לעבן

פֿון די דרײַ זײַנע קינדער און זעקס זײַנע אייניקלעך – בלומען!
פֿון די קינדערס אייניקלעך, הייסט עס, די אייניקלעכס קינדער – בלומען!
פֿון די אייניקלעכס אייניקלעך אויף דעם פֿאַרשטראַלטן פּלאַנעט –
בלומען!

און ווען דער בלומענבאַרג, אין 2080, סעפּטעמבער, וועט נעמען פֿאַרוועלקן,
און די לופֿט – פֿאַרגעדיכטעוועט ווערן פֿון אַראָמאַט,
זאָל אין דער ראָזעווער פּאַרע באַצייכענען זיך אַ פֿיגור,
אַ דורכזעיִקער לינדער קאָנטור,
וואָס וועט פּלוצעם געבן אַ נאָס –
און דער עולם אַרום אויף דער זוניקער ערד, ווײַט און הי,
וועט זיך גליקלעך צעלאַכן:
– צו געזונט, שמיל בערינסקי!

– אַ־אַ־אַ־פּטשכי!

CALYSTEGIA SEPIUM

מיט לעוו בערינסקיס ליבעלידער



וואָס טוט דאָס ליד בײַם דערהערן די שפּראַך פֿון אַ רויז, וואָס אַנשטאָט אַ וואָרטקלאַנג צעשיקט זי דעם רויזיקן דופֿט? וואָס טוט מען מיט די דופֿטיקע רייד פֿון אַ רויז אין אַזאַ אַנטי־רויזיקער וועלט? אַ וועלט פֿון אַבסורד.

בערינסקי טרינקט זיך צווישן אַבסורד און געזעץ. ווײַל ער ווייס, אַז: ״מיט גאָט גייט ניט קיין חכמות״. אָבער איינע פֿון די אמתע חכמות איז ליבע. די ליבע, וואָס איז דער סטימול צו בערינסקיס ליד (אַזוי ווי צום לעבן), איז סײַ ווייטיקלעך ערנסט און סײַ איראָניש־״פֿאַרפּיעשטשעט״, כּדי ניט צו ווערן באַנאַל, נאָר ווערן ווי אַ פֿוסבענקעלע, אויף וועלכן עס זיצט פֿאַר אַ פּאָעטישן מישפּט דאָס לעבן. און ווײַל ער ווייס, אַז:

״צוויי שפּורן פֿון באָרוועסע פֿיס, און זיי ברענען ווי פֿײַער,
זיי ווילן ניט אויסגיין בשעת סע צעטראָגט דיך דער ווינט״.

קומט ער צום טײַך ליעטע זיך אַרויסרײַסן פֿון דעם גזר פֿון פֿאַרגעסעניש, אַפֿילו מסכּים זײַן מיט דעם ״מאַקראָ־ און מיקראָ־אַבסורד״, אָבער מיט דער הילף פֿון זײַן פּאָעטישער מרידה צונויפֿשטעלן ווי קאָליריקע שטיינדעלעך די אַבסורד־מאָזאַיִק פֿון לעבן, ווי אַ מצבֿה פֿאַר דעם איינציקן לעבן, וואָס פֿאַרשווינדט.

בערינסקיס פּאָעטישער מעדיום פֿאַרמאָגט אין זיך די אייגנשאַפֿטן פֿון נאָך קונסט־מעדיומס: פֿון פּלאַסטישער קונסט, וואָס ווירקט דורך קאָליריקער וויזועלקייט, מוזיק, וואָס איז אין זײַן ליד דאָס רובֿ ווי בכּיוון דיסהאַרמאָניש, אָבער קומט באַטאָנען מיט כּוח דעם אינעווייניק פֿון ווערטער, וואָס זײַנען במילא באַגרענעצט.

לעוו בערינסקיס לידער האָבן דעם אָטעם פֿון עפּאָס און דעם פֿיבער פֿון פּאָעזיע. זיי זײַנען מער ווי ״פּינטעלעך ליכט״. זיי רײַסן זיך אַדורך דורך די שטורעמס און אַבסורדן, און טרעטן אויס אין די לעבנסקנוילן אַ שטעג פֿאַר יענעם שפּור, ווי בערינסקי זאָגט: ״כ׳צעטרעט זיי, כ׳פֿאַרשיט זיי מיט אַש און באַגיס זיי מיט טרערן״.

און אַ שפּור פֿאַרבלײַבט.

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים. 1996

אָדע

דרײַ ביימער, און איבן אַ זון: אַ באַנק אין גרעדן.
כ׳בין גליקלעך איבערן האַלדז, און וואָס נאָך צו בעטן
בײַם לעבן? בלויז נאָך אַ פּאָר טרערן דאָס האַרץ גייט מיר אויס.

בײַם גליק, ווי בײַם ים, טו איך אויס – ווי דאָס העמד מיט די הויזן –
די יאָרן פֿון זיך, און דערפֿיל, ווי סע ציט פֿון די רויזן
דײַן אָטעם, סוועטלאַנאַ, און כ׳פֿיל, ווי די ערדקויל איז גרויס.

סע טראָגן דײַן נאָמען די ימען, די זעקס קאָנטינענטן
מיט בערג און מיט טײַכן, די הונדערט און פֿינף עלעמענטן
פֿון הימל און זאַמדן, פֿון אַלץ, וואָס סע פֿליט און סע קריכט.

כ׳בין גליקלעך און אייביק: קיין טומלען, קיין דאַרבן, קיין גוסען.
אַליין אין דײַן שײַן: די וועלט איז געבליבן אין דרויסן –
אָן ליכט.

FIGUERAS – דאָס צוזאַמענטרעף־אָרט

די עלטערן מײַנע ווערן אַלץ עלטער און עלטער,
און די זון פֿון מײַן לעבן – סוועטלאַנאַ האָט מיך ניט ליב,
און דער "סקײַלאַב" האַקט שוין מסתּם, אין דעם קאָסמאָס אַרײַן
אַ קויל נאָך אַ קויל.

אַלע אומגליקן אויף דער וועלט נעמען זיך, מיין איך, פֿון דעם,
וואָס דער מענטשישער דור צעטיילט זיך אויף צווייען:
אויף די, וואָס זיי לעבן,
און די וואָס ערשט נעכטן צי מיט הונדערטער יאָרן צוריק
זענען געשטאָרבן.

די לעבעדיקע אָטעמען ווער ווי סע קאָן, כאָוועץ, האָרעווען שווער –
און די מתים־לײַט שטייען אַרום דעם פּלאַנעט־האָריזאָנט
און געבן זיי עצות – טעלעפּאַטיש אָדער אין שלאָף.

און מיר חלומט זיך אָפּט מאָל: פֿיגעראַס, אַ מאַראַנצן־סאַד, שטיל און לינד,
און סע זיצן – אַקסל צו אַקסל – צוויי פֿאַרליבטע פֿיגורן, ווי בלינד,
ער, אַ פֿליישיקער זכר, און זי, בלויז פֿון ביינער און לעכער, און ווינט.

אַלע אומגליקן אויף דער ערד נעמען זיך, מיין איך, פֿון דעם,
וואָס אין אייניקע צײַטן, בײַ אייניקע שטאַמען, אין אייניקע לענדער
זענען מער הוילע שאָטנס פֿאַראַן, איידער מענער און פֿרויען –
און ס׳בלאָנדזשען
פֿאַרלוירענע, איינזאַמע, ווילדע נשמות אַרום, צי פֿאַרקערט:
אַ דאַנק דעם פּראָגרעס און דעם ווילשטאַנד
באַווײַזן זיך ווערזנס אַזעלכע – מיט מענלעכע, פֿרוייִשע גלידער,
פֿאַר וועלכע סע סטײַעט שוין ניט קיין נשמות, קיין איינציקע זעל.

און דער "סקײַלאַב", סוועטלאַנאַ, צי דער לוציקער "מיר" אויפֿן קאָסמישן טרעק
צעפּליקן שוין ק׳טשאָרטו
די אַרומיקע וועלט, אַזוי, אַז די עלטערן מײַנע
האָבן שוין ניט וו׳הין צו גיין, ווען זיי גייען אַוועק.

דער קלאַנג פֿונעם קײַלעכבליץ
בײַ טאָג אויפֿן פֿעלד מיט זונבלומען

וואַרט אויס, כ׳בין דער ליאָוואַ בערינסקי זײַן שטילע נשמה

דו פֿלעגסט מיר ניט געבן אַ קוש ניט געבן אַ גלעט ניט געבן
אַ ריר אָן מיטן פֿינגער

דו פֿלעגסט מיר ניט געבן

איצט ביסטו מיט לײַב און לעבן בײַ מיר אין די הענט אין די שטראַלן
סוועטלאַנאַ
און וועסט ביז מאַלאַכאָווקע שוין ניט דערלויפֿן
אָט דאָ
אויף די הויפֿנדלעך ערד וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן דער מוילווורף

אונטער דעם רעגן-בויגן

וועט ליגן דײַן פּרעכטיקער גוף

און איידער די ווײַבלעך פֿון דאָזיקע דערפֿלעך וועלן אָנלויפֿן
און שטעלן זיך שאָקלען און קלאָגן און יאָמערן
אַרום דיר
וועלןביידע שוין זיצן מיר הויך אויף צוויי שטענגלעך
צוויי גאָלדענע בלומען
און קאַטשען זיך שטיל פּאַר געלעכטער און קיצלען אַנאַנדער
מיט זונעך־מעזאָנען
Zeta און Alfa
מיט פֿינטעלעך ליכט.

DE PROFUNDIS

מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ:

ווען געווען כ׳וואָלט אַ ים־פֿיש Anopticus אָןביידע אויגן
אין אַ הייל –
וואָלט איך טויב און פֿאַרחלומט אין גרונט זיך געשטופּט,
מיט דער צונג אינעם אָפּפֿאַל געשנאָרעט, מיט דער פֿלוספֿעדער
לאַנג זיך געגריבלט
אינעם קויט, אָנגעשוווּמענעם פֿון די פֿינף אָדער זעקס קאָנטינענטן,
און געטרוימט פֿון אַ הימל, ווו דערטרונקענע לעבן, נאָר קיין מאָל
– וויי איז מיר –
ניט געזען כ׳וואָלט דאָס זאַנגפֿעלד, דעם טײַך מיט דער קו אויפֿן ברעג,
מיט דער זון פֿון סוועטלאַנעס מאַגדאַלענישע האָר
און (אַז דו, אַדוני, וועסט נאָך געבן) – מיט איר זאַנפֿטער לבֿנה, דעם בויך! –
פֿון די רויטע קאָראַלן, פֿון דער אַטלאַנטישער הייך
זיך אַראָפּלאָזנדיק,
ווי אַ רונד־צעבלאָזענער ים־יאָזש,
צוריק אויפֿן דנאָ –
וואָלט איך דיך, באָזשע מאָי,
מיט די שרעקלעכסטע קללות געבענטשט, אָנגענומען אַ פֿולן
– מיט פּלאַנקטאָן און מיט וואַסערוווקס – מויל.

אינעם גראָז, אין גן־עדן, אויף דר׳ערד

אַ גלאָבאַלער, אַ נוקלעאַר־שטילער אויפֿרײַס האָט צעשטערט אין דער הייך
אַלע וואָלקנס.

אַן אַבסאָלוט בלאָווער הימל שטייט אומבאַוועגלעך
איבער דער לאָנקע מיט בלומען און גראָזן, ווו מיר זיצן, סוועטלאַנאַ,
אויף טערקיש, ווי צוויי איסטוקאַנען, און פֿלעכטן אונדז קרענצלעך,
און קוקן אין שמים אַרויף.

גאָט, אָדער אַנדערע כּוחות, פֿאַראינטערעסירטע,
אַז אַלצדינג אויף אונדזער פּלאַנעט זאָל אויסזען אויך ווײַטער
אַזוי ווי ס׳געווען, – הייבן אויף אין דער לופֿטן און לאָזן
לאַנגזאַם פֿליִען און שווימען
הונדערטער פֿרוכט־קעסטלעך, אָבער ליידיקע און דעפֿאָרמירטע,
וואָס צעפֿאַלן זיך, ציִען זיך אויס אויף אַ בלעכענער טאַשמע,
פֿאַרטשעפּען זיך – איינס אין דעם אַנדערן – פֿאַר אַ זוניקן צוואָק.

גאָט, אָדער אַנדערע כּוחות, פֿאַראינטערעסירטע,
פֿאַרלאָזן זיך דאָך אויפֿן לופֿטשפּיל־עפֿעקט ״זײַן מזכּה״
און דעם כּוח־הדמיון פֿונעם ערדישן מענטשן – און טאַקע:
סטײַעס קעסטלעך אונדז קלאַפּן מיט שטראַלן און גלאַנץ אין די אויגן –
לאַנגע טשאַטעס פֿון פֿייגל, צי פֿערד, צי אַקולעס, אַטלאַנטישע פֿיש.
ס׳איז גענוג אָבער אויסדרייען דעם קאָפּ און דערזען זיי פֿון הינטן –
אַך, דעם געטלעכן סוד דו אַנטדעקסט, יאָ, דעם הימלשן קוועטש:
די הילצערנע ליוקן און לעכער מיט פֿאַרשימלטע רעשטלעך פֿון עפּל
און קלעפּיקע ווײַנטרויבן, אַגבֿ: אַ ווײַנשעלע פֿאַלט אונדז אַראָפּ.

דו נעמסט עס אין מויל, און כ׳שפּרינג אויף און צעשרײַ זיך: כּבֿיכול,
וואָס איז דאָס? אַ סאָרט רעפּאַראַציעס? אויב שוין אַזוי –
שיט אויס אויף דער ערד אַ פּאָר טויזנטער הויכקאַלאָרישע כמאַרעס
מאַנע־גרויפּן פֿאַר קינדער און קריפּלען...
און כ׳פֿיל,
ווי סוועטלאַנאַ ציט מיך בײַם אַרבל:
– Да садись, глупый ты человек![1]

און נעמט מיר דערקלערן אַז, הייסט עס, קיין גרויפּן אין קעסטלעך
טראַנספּאָרטירט מען בכלל ניט – סײַדן אין זעק.

[1] זיץ שוין אײַן, דו נאַרישער טראָפּ! (רוס׳).

איר זאָלט זיך ניט קושן, שפּאַצירנדיק אויף דער אײַזנבאַן

איר זאָלט זיך ניט קושן, שפּאַצירנדיק אויף דער אײַזנבאַן.
סוועטאַ ק. האָט זיך דורכפּראָמענאַדעוועט מיט איר פּרינץ
(אַ פּאַרשוין – הוילע מעלות!)
בײַ דער בריק איבער וואָריאַ, און זיי האָבן פֿאַרגעסן זיך, און
אויפֿן אָנשיט אַרויס, און זיך אָפּגעשטעלט נ׳מיטן די שפּאַלעס,
און זיך אָנגעהויבן צו קושן אונטער דער זון.

דער צוג וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, צעקוועטשט זיי אויף טויט – ווי אַ טויב
האָט ער אויפֿגעהויבן זיך שטיל אין דער לופֿט, נאָר געליטן
האָבן מענטשן, ווײַל באַלד פֿון די פֿענצטער געגומען זיך שיטן
האָבן קינדער און וויסטע שיכּורים, פֿון אַלקאָהאָל טויב.

און אַ כּעמיקער פּלוצעם דערבײַ.

די קינדערלעך פֿליִען ביז הײַנט נאָך: די פֿאַראָבּלטע מאַמעס
קאָנען זיי אין די הימלען ניט כאַפּן, ווײַל מיט שפּערלעך און גאַפּעס
האָבן זיי דאָרט זיך אויסגעמישט – הגם קענען דערוויַל ניט באמת
ווי אַ שוועלבעלע צוויטשערן אָדער שרײַען ווי פּאָלאַרישע סאָוועס.

די שיכּורים – אין גריבער זיי שלאָפֿן, אונטער שטרויכן ווי אין אַ סאָד,
און מען קען זיי דאָרט זען, ווען מען פֿאָרט אויף פּאַוולאָוו־פּאָסאַד.

דער כעמיקער בלאָנדזשעט אַרום אין די וועלדער, עסט יאַגדעס און קרויט,
און פֿאַרנעמט זיך גאָט ווייס מיט וואָס – נאָר פֿאַרלירט ניט קיין צײַט!

סוועטלאַנאַ – ביז הײַנט שטייט זי דאָרט אויף די רעלסן,
אויסגעשטרעקטביידע הענט
צום פּרינץ, וואָס איז תיכּף –טויז! – נעלם געוואָרן...

איך קוק אויף די ווענט
און זע פֿון דער זײַט,
ווי איך זיץ און איך שרײַב מיר מײַן ליד –
אַ פּרינץ אין אַ פֿאַרבלאָזער וועלט,
אַ דערעסענער ייִד.

אַ שׂרפֿה

כ׳פֿאַרגעס דיך, סוועטלאַנאַ. איך מעג שוין. כ׳פֿאַרמעק און מעק אויס
דײַנע האָר –
און דו שטייסט אָן דער גאָלדענער העלישער שכינה,
כ׳קלעפּ אָפּ דײַנע ליפּן – דאָס לאַכן, דעם רויטלעכן קוש,
און ס׳ווערט מיט אַ מאָל, ווי אַ לאָמפּ, דאָס פּנים פֿאַרלאָשן.
איך שליס אויס דײַן האַרץ, און דו בלײַבסט מיט אַ לאָך אין דער שײַן.
דײַן בויך ווי אַ פּולע לבֿנה פֿאַרצי איך מיט טרויער.
צוויי קניִעס, צוויי וועלן פֿון דיר רינען זוניק אַרויס.
און ס׳קלאַפּט פֿון דײַן פֿינצטער אַ שטראַל – אַ גדעדדשפּאַרונע.
סע פֿינטלט, נאָך בליצט דײַן קאָנטור, איך זע אויף דער ערד
צוויי שפּורן פֿון באָרוועסע פֿיס, און זיי ברענען, ווי פֿײַער,
זיי ווילן ניט אויסגיין, בשעת סע צעטראָגט דיך דער ווינט...

כ׳צעטרעט זיי, כ׳פֿאַרשיט זיי מיט אַש און באַגיס זיי מיט טרערן.

בײַם טיש

נעם דאָס אײַז און דעם ייַן און פֿאַרמיש
אַ קאָקטייל – אַ מין גילגול־רפֿואה
אויף צו ווערן – ווער ווילסטו, אַ פֿיש? –
ווער אַ פֿיש און שוין לאָז מיך צו רו.

כ׳וועל אַליין, מיט די אייגענע הענט
דיך אַרײַנטראָגן שטיל אין דער וואַנע
און צערוקן די שטיינערנע ווענט,
זאָלסט אַרויס אין די ימען, סוועטלאַנע.

אין די אײַזיקע רחבֿות מיט גלוט
פֿון פֿאָלאַרנעכט, דו זאָלסט זיך דערפֿילן
פֿראַנק און פֿרײַ – און צעהיצן דאָס בלוט,
נאַקעט יאָגנדיק נאָך דעלפֿינען.

דו זאָלסט מיט אַ פֿאַרבלוטיקטער ליפּ
אין דער הייך אויף אַ האָקן אַ פּלי טאָן
און ניט שטאַרבן – ווי איך האָב געליטן
אויף דער ערד, אַ סבֿלנישער טיפּ.

דײַנע האָר... אַך, דאָס גאָלדענע היי...
וועל איך, מירצעשעם, מײַנס מיר אָפּלייזן
און אַרײַן סוף־כּל־סוף אין אַן אייזל,
ווי דער פּונישער ייִד אַפּוליי.

װעגן בורשטיןדטאָטעם

װאָס װײסן מיר װעגן דעם, װי סע גלײבן אין גאָט
קענגורוען צי מערישקעס?

װאָס װײסן מיר װעגן װילדן ראַסיזם בײַ די װעלף אינעם שנײיִקן סטעפּ?
װעגן האַרבער עקספּלואָטאַציע אינעם ראָזעװון חלום פֿלאַטאָנס –
אינעם בלומיקן רײַך בײַ די בינען?

די שלאַנג נײַאַ־נײַאַ האַנדלט לויט דאַרװינען: ברענגט אויף דער װעלט
עלף שײנע װי גאָלד נײַע חיהלעך – כאַפּט און פֿאַרשלינגט זײ.

איראַן באַמבאַרדירט די פֿאַנטאַסטישע באַסראַ – איראַק
הרגעט אויס אויפֿן אָרט, אויפֿן שלאַכטפֿלאַץ – נײַנציק טויזנט איראַנער.

סװעטלאַנאַ האָט – נאַט אײַך! – שוין װידער אַ קינד, מיט אַ מלאך? –
און ז'איז נאָך אַ מאָל גובֿר איר װײַבערשן שלינגעך־אינסטינקט.

עראַזם פֿון ראָטערדאַם רײַסט זיך אַרײַן מיט זײַן פֿרײַהייט אין אַחרית־הימים
און לויפֿט איבער מאָסקװער 34 טײַך־בריקן, און שלעפּט בײַ די האָר, װי אַ קוקלע,
דעם לוטער, דעם יאָלד.

װאָס װײסט צבֿאָות אין דער הייך, װי סע האָבן אים ליב
עראַזם און לוטער אויף דר'ערד, קענגורוען אין שלאָף,
און מײַן מערישקע סװעטאַ
(װי זי איז מיר ניט קליין – בין איך דאָך ניט אַליין)
אויף דער קיך, װוּ זי װעט הײַנט בײַ נאַכט נאָך אַרײַנקריכן, מירטשעם,
אין דעם סלויִקל האָניק – און װערן מײַן בורשטין־טאָטעם...

און פֿאַר װעמען פֿאַרנײגט זיך העט װײַט אין די ימען
דער בלויער װאַלפֿיש – פֿאַר װעמענס דאָרט רום אָדער שם?

ליעטע

בײַם גריכישן טײַך, ווּ מיר זענען פֿאַרשטיינערט געזעסן
אַ יאָר און אַ תּקופֿה – האָב איך עפּעס אויף אייביק פֿאַרגעסן.

איך זע זיך אַרום: אונטער גומענע ביימער און פֿייגל
ליגן חווהס אין קינסטלעכער הויט, מיט גראַניטענע נעגל.

די זונפֿולע צופֿלוסן שײַנען און נעמען זיך גיסן
אויף צוריק, ס'ווערט אַן אויספֿלוס פֿון זיי – שפּריצט אַזש ביז די קאַרניזן,

שאַפֿט פֿאַרזוניקטע פֿלייצלאָנקעס – שוואַרץ־דרויטע לאַוועס קאַרבונקל
מיט אַ שטאָרך צי אַ בושל, אין דער לוזשע ביז קני אײַנגעזונקען.

און זיי גלאַנצן זיך אָפּ, און שוין פּיקן דאָס שטיינעכץ און פּרוּוון
זיך באַפֿרײַען די פֿיס –
און פֿאַרזינקען אין טויט מיטן דזיוב, מיט די שאַרפֿלאַנגע קליוּוון.

דער 10טער רוימישער לעגיאָן

פֿאַר יורי דובינסקי

אין אַ סאָד אָן אַן עק און אַ סוף, ווי אַ וואַלד, ווו אויף יאָדלעס און סאָסנעס
לויפֿן וועווערקעס אַראָפּ און אַרויף, און פֿון זייער שטיפֿערײַ
שיטן זיך שוואַרצע פֿאַרשימלטע שישקעס און נעסטן מיט זשומיקע וועספּן,–
שטייט אַ טיש, ווי ס׳צעבליט זיך אַ לאַן, און סע פֿליסט איבער אים
אַ זיס־קלעפּיקער טײַך פֿון ליקער און טאָקײַער, און כערעס,
און האָניק, און מיר זענען אַלע שוין גוט אָנגעשאָסן –
אימפּעראַטאָר טראַיאַן, דער גראַף קאַליאָסטראָ און איך,
און דער ליידיקער שטול – מײַן אַוועקגעוועזענער חבֿר.

ס׳שטאַרצן גאָלדענע בערג פּאָמעראַנצן, העגגלעך ווײַנטרויבן, קאַנפֿער,
און מיר נאַשן, מיר שטאָפּן זיך אָן, ס׳רינט אין אַרבל, מיר פֿרעסן זיך איבער –
אימפּעראַטאָר טראַיאַן, דער גראַף קאַליאָסטראָ און איך,
און דער ליידיקער שטול – מײַן סוועטלאַנאַ, אַ נעכטיקער חלום.

מענגעס, כאָפּטעס פֿון מערישקעס, גליוווערעם, גנאָמען און פֿליי
קריכן איבער די וואַזעס, מאַרשירן און פֿליִען אין פּנים
אימפּעראַטאָר טראַיאַנען, דעם גראַף קאַליאָסטראָ און מיר,
און דעם ליידיקן שטול – וואָס ער שטייט ווי מײַן אויסגעלעבט לעבן.

איך וויש אָפּ פֿונעם טיש אַ פּאָר ניס, כ׳שטעל זיך בודטאָ צום בוים –
און גייט זיכט מעך!

איך באַווײַז זיך נ׳אַ שיינעם פּאַלאַץ, פֿונעם בוזעם כ׳דערלאַנג
אַ פֿאַרשאַרפֿטע שטאַמײַזע – נעם זיך שלום־ושלווה, אָן רעש,
אויפֿברעכן, טאַפֿליע נאָך טאַפֿליע, דעם מירמלנעם, פֿײַנעם
הויך־עסטעטישן דיל, און כ׳צעשטעל, ווי מצבֿות, די רויטע
קוואַדראַטלעך מאָזאַיק ווי קליינינקע דעכער־אָפּהאַנגען,
און כ׳שטעל אויס אונטער זיי די ניסשאָלעכץ – די פּוסטע האַלבקײַלעכס,
וואָס זיי וויגן, הוידען זיך נאָר ווי ליידיקע וויגעלעך, אונטער
דעם ווילדופֿטיקן צוגווינט, אונטער דעם לופֿטשטראָם פֿון זיסן
רוימישן יאָך, וואָס ער ציט זיך און ציט זיך און ציט
זיך
אַדורך דער אומענדלעכער
אַנפֿילאַדע...

*

נאָך אַ נאַכט איז פֿאַרגאַן אונטערן ווילדן געשטערן ס וו ע ט ל אַ נ אַ...

עס איז אויפֿגעשוווּמען אין פֿענצטער און זיך גרויליק געשטעלט
צווישן געלע געיעגהינט און דעם פֿלאַמיקן אָקס. כ׳האָב דערזען עס
און פֿון זינען אַראָפּ: מיט זײַן שטראַל, מיט מאַגנעטישער שײַן
האָט עס לאַנגזאַם געצויגן דאָס לעבן, דאָס לײַב פֿון מײַן קערפּער
און דאָס האָלץ פֿון די ביימער, און די ליים פֿון דער ערד, און די זון
האָט געראַטעוועט זיך נאָר מיט דעם, וואָס זי האָט שוין פֿאַר פֿריִער
זיך פֿאַרשלייערט אין שאָטן פֿון אונדזער פּלאַנעט; ווען די זון
איז אַרויס איבער אויסגעליידיקטע ערד־האָריזאָנטן,
האָט זי בלינד נאָר באַלויכטן דעם שטויב – אַ צעקרישלטע וועלט,
אַ צעשטערטע, באַווינטע פֿון הוילע געשפּענסטער, גופֿימפּוסטע פֿאָרמעס
פֿון וועלדער און לענדער; און מיך – אויפֿן שרעקלאָזן בעט
מיט צוויי אָפֿענע אויגן, מיט אַ גלעזערנעם בליק פֿון אַ פֿליג, אַזוי שטיל
אויסגעזויגענע
פֿון אַ שפּין.

דאָס "E" פֿון דער שיינער נאַטור

איז אין וואָס פֿאַר אַן עולם־הזה – אַריסטאָטלס, ניוטאָנס, צי איינשטיינס?
(כ׳גיב זיך נעבעך אַ פֿרעג)
מיר געזעגענען זיך בײַ דעם אויפֿגעמאַכט פֿלעשל –
און באַלד גייט זי אַוועק...

און דאָס רעשטל
כלעפּטשע׳ך אויס, און די ליידיקע כּלי שווימט אָפּ, ווי׳ן Le Havre
הייבט די זעגלען אַן אַלטער פֿרעגאַט, און ס׳באַפֿרײַט זיך דאָס אָרט
פֿאַר אַ שיכּורער, אָבער ניט ווייניקער וואָרער מעטאַפֿאָר,
איידער, זעט איר אַליין, אָט דער מאַקראָ־ און מיקראָ־אַבסורד.

אַבסורד – וואָס די בלומען אין פֿעלד, ניט די מענטשן פֿאַרמאָגן
אַזאַ אַראָמאַט, אַניט וואָלטן בינען אויף דיר
אָנגעפֿלויגן, טאָוואַרישטש, און דיך אין אַ שוואָרעמזאַפּט־מאָגן
אײַנגעזויפּט, ווײ׳ז מיר!

אַבסורד – נאָר סוועטלאַנאַ האָט מיך ניט ליב, וואָס מיך פּשוט דערהרגעט.
אַך, מיט איר אין אַ בלומען־שאַלאַש אין אַ ראָזעווון Reich
כ׳וואָלט פֿון לאַנג שוין געהולכט און פֿאַר גליק דאָרט אַוודאי געפּגרט –
אַ כּפּרה פֿאַר אײַך.

אַבסורד – מיסטער טײַוול שטרעקט אויס אַ פֿאָר הענט, דעם גיהנום דערגרייכט,
פֿונעם שטול ניט אויפֿשטייענדיק, ווער אָבער ווייסט: אפֿשר איז ער גערעכט?

כאַפּסט זיך אויף פֿונעם שלאָף: אויפֿן טעלעעקראַן אַן אַבסורד –
אין דײַן אייגענעם ווין, אין אַ ווינקל, באָמבאַרדירט מען ביירוט!

נעמט לייענט איבער די ביבל בײַ פֿרויד, בײַ דעם הײַנטיקן לוטער:
שם־המפֿורש קאָמפּלעט איז פֿון זינען אַראָפּ, הלוואַי
ווען ער זינגט נאָר און פֿרייט זיך, און טאַנצט, ווי אַ שיכּורער קאָמפּיוטער,
און רב שלמה המלך פֿליעסקעט אים אונטער: אַלץ איז הבֿל־הבֿלים, דאַוואַי!

אַבסורד: אויף אַבסורד שטייט די אייביקע וועלט און דאָס לעבן.

אַבסורד: צו סוועטלאַנען איז מײַן צוגעדרייט האַרץ ווי מיט דראָט.
אַנדערש וואָלט איך פֿון לאַנג דאָ קראַפּירט אָדער מסכּים געווען אײַך צו גלייבן
(אין אַ שיינטשיקן דולהויז פֿאַרשפּאַרט),
אַז $E = mc^2$

לעצטע נײַעס

די ראַקעטע, אַרויסגעלאָזט פֿון קאַפּ קאַנאַוועראַל, פֿליט מיר אין אויער אַרײַן,
מאַכט אַ פּאָר קרײַזן אין קאָפּ און – בשעת איך געזעגן זיך, דאָס מאָל אויף אייביק,
מיט סוועטלאַנען (זי שטייט תּמיד מיר פֿאַר די אויגן!) –
רײַסט דער "פּערשינג" זיך ווידער אַרויס, שוין, פֿאַרשטייט זיך, פֿון לינקס,
און דערוויַיטערט זיך שטיל אין די הייכן, און שוועבט, אַ באַדעקטער
מיט רויטע און גריך־געלע פֿלעקן
פֿון מײַן קאָפּמאַרך – אַ פֿולן מיט טרוימען און קלאַנג פֿון ניגונים,
וואָס די מאַמע פֿלעג זינגען מיר, האַלטנדיק מיך אויף די הענט.

מיט גאָט אָבער גייט נישט קיין חכמות: אַ ריס און פֿלאַם –
און סע נעמט זיך פֿאַרציִען דער בלאָווער עפּיר, ווי אַ ווונד, צי אַ בלאָטע,
און סע פֿאָרט פֿון דער בלאָטע אַרויס אַ קאַרטאָפֿל־קאָמבײַן
"קאָמסאָמאָלעץ מאָרפֿלאָטאַ"[1]
מיט אַ הילכיק געוווי – און גאַנץ שיין
פֿאָרט ער שוין אויף מיר אָן, און צעקוועטשט מיר
ביידע פּיס און מײַן גאָלדן געביין.

[1] "ים־פֿלאָט־קאָמיוגיסט" (רוס').

*

שיין איז די לאַנדשאַפֿט בײַ אונדז – די סעדער אין רוסלאַנד.

אַפּריל חודש צעלאָזן זיך: שליסלבלומען, חנהלעס אייגלעך,
גענדזן־בלימלעך, פֿאַרגעס־מיך־ניט; די פּרימולע וויגט זיך גאַנץ מײַ,
גאַנץ מײַ און ביז אויגוסט – מאַרגאַריטקעס; ביזן האַרבסט – די פֿיאַלקעס;
ענדע מײַ הייבט זיך אויף דער נאַרציס – חבֿצלת,
"האַלב־ציבעלע"; יולי – איז צײַט פֿאַר פּעאָנען; יולי פֿײַנט זיך אויס, גרויסט זיך
מיט די ליליעס, וועלכע "מידן זיך נישט, שפּינען נישט"[1],
מיט דעם איריס יונאָנאַ, מיט מיזרח־מאָן, נעגלעך; פֿון יולי
ביז סוף אויגוסט שטייען און ווייען: לעווקאָיעס; כינעזישע נעגלעך;
דאָס לייבמויל; אייניאָריקע פֿלאָקסן; פֿילאַרטיקע מאַלוועס –
פּראָסווירניק אויף רוסיש; דער דופּטיקער טאַבעק; סוף יולי
צעבליט זיך דאָס שלענדערל
(CALYSTEGIA SEPIUM) – אַזש ביז אָקטאָבער;
אין אויגוסט צעעפֿענען זיך, ביז סוף אָסיען, די אַסטרעס
און די גאָלדענע קײַלעכס...

ווי שיין וואָלט, סוועטלאַנאַ, געקאָנט זײַן דאָס לעבן בײַ אונדז!



[1] "...non laborant, neque nent". Lukas, 12:27

האַרבסטיקער עקל, די ליבע

צעשניטענע מענטשן ליגן אויף שפּאַלעס, און דערטרונקענע קינדער,
ווי באַלאָנען, שווימען אין טײַכל, און אויף דיביימער
הענגען און פֿוילן פֿייגל: זי האָט מיך ניט ליב.

מיר זיצן אין סאָד, צווישן דופּטיקע אַסטרעס, און פֿלאַפּלען, און לאַכן
מיט יאַשטשערקעס, וואָס פֿון די ליפּן אונדז גליטשן אַרויס
און ווערן אַנטרונען אין גראָז.

רבונו־של־עולם, דו זעסט דאָך די פֿרוי, רייד איר אײַן
אַ ליבע אין האַרצן, ווי אײַנגערעדט האָסטו אַ מאָל
דער אַלטיטשקער שׂרהן אַ בכור איר אין בויך...

די יאַשטשערקעס האָבן שוין ניט ווּ צו פֿאַלן, דאָס גראָז
באַפּרעסט ביז די קני מיר די הויזן, און כ׳פֿיל, ווי אין ווינקל
בײַם פּיסק הענגט מיר נאָך איינס אַראָפּ אויפֿן קעדקעלע
און
עס קוקט זיך אַרום.

– אַך, מאַדאַם פּאַדאַמאַם...

אויף די גאַסן
לויפֿן, שפּרינגען פֿאַרשׂרפֿטע קעץ, און אין ווײַסע רויכפּאַסן
פֿאַלן מענטשן חלשות, און ליגן, און ווילן ניט אויפֿשטיין,
און די האַרבסטיקע פֿלאַטערלעך זעצן זיך זיי אויף דער נאָז.

איר מאַן איז ניט מסכּים

בערן, הירשן און ראָזעווע בושלען   פֿאַרשטייען זיך אײַן.

ווען מיר זענען, סוועטלאַנאַ, אַ בער מיט אַ בעריכע, וואָלטן מיר זיך צונויפֿגערעדט,
מירטשעם,
אַז דעם 3טן נאָוועמבער, איין מאָל אין יאָר, ערבֿ ווינטער,
קום איך צו דיר, און גיב דיר אַ קוש, און כ׳גיי מיר אַוועק
אין אַ וועלדל, ווו כ׳וואָלט זיך געפֿונען אַ גרוב, אַ געלעגער,
און אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און געזען דיך אין שלאָף – וו׳זוי איך וויל!

אַ גאַנער – וואָלט איך שוין איבער אַפֿריקע ערגעץ
אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך פֿונעם הימל צו דיר
מיט אַ ווילדן געטומל: ״סוועט־לאַ־נאַ! גאַ־גאַ־גאַ! גאַ־גאַ־גאַ!״

איז באַטראַכט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און גיב מיר אַן עצה.

דו צעלאַכסט זיך און שענקסט מיר אַ גלעט:
– פֿאַרן קינד, – זאָגסטו, – וואָלט איך אפֿשר גענומען אַ קעצל,
נאָר דער מאַן איז ניט מסכּים: זיי מיאַוקען און קריכן אין בעט.

מאַלאַכאָווקאַ־מאָסקווע, האַרבסט 1982

דער קאַנאַריק

געבורט

די נשמה איז בלינד, ווי נאָך ניט אַ געבוירענעס קינד.
ערגעץ גלאַנצן די שטערן, און ס׳רוישט אין די ביימער אַ ווינט.

נאָר זי פֿילט שוין אַלדינגס, וואָס מײַן פּנים ס׳דערשראָקענע זעט –
אַ שטיק וועלט, וואָס צו איר האָט דער בורא זי שוין צוגעגרייט.

צו דעם לאַכן און לײַדן, צום לײַב, וואָס געניסט און טוט וויי, –
ווּ זשע איז ער, נשמה, דײַן ערשטער, דײַן נצחון־געשריי?

עס שפּריצט בלוט

אַלוֹה? האַלאָ! אַ לאָך, אַ לבֿנה אין הימל,
אַ גאָלדענער לאַנגער טונעל מיט הונדערטער פֿעדעם
פֿון שײַן, און דער פֿרידלעכער ספּוטניק
שנײַדט זיי אַלע מאָל איבער אין פֿלוג.
איך בין עס, דײַן ליאָווע בערינסקי, דײַן מלאך, געהיימער אַגענט אויף דער ערד –
האַלאָ פֿונעם אײַלבאַרג, דו האָסט מיך שוין ענדלעך דערהערט?
איך מעלד זיך, איך מסר די וועלט:
דער מענטש איז דאָ הערלעך און שרעקלאָז, און בײַ די ווײַבער
קוועלן אָן אָנהייב ניסן די בײַכער – פֿון גליק
וואָס זיי לעבן, פֿון פֿרייד וואָס מען ליבט זיי... האַלאָ, הללויה!

אַ קאָמעט, ווי אַ גאָלמעסער, גיט אַ פּיק דיר די באַק – און אַרום
שפּריצט בלוט און פֿאַרגיסט דײַנע רחבֿות, די אומגעגנטן... אָמן!
די לבֿנה רינט אויס, אַ געשטערן פֿאַרשטעלט מיר דײַן פּנים...

– האַלאָ, ביסטו טויב דאָרט? צי שטום?

אויף איין בליץ

אין אײראָפּע די מענטשן פֿאַרמײַדן צו רעדן פֿון טויט.

כ׳וואָלט פֿאַרלאַנגט, פֿארן טויט זאָל איך בלײַבן אַליין
און אַרומקוקן זיך אין מײַן היים, אין מײַן האַרבסט, אין מײַן ווינלאַנד.
אַך, אַן אייביקע איינזאמקייט וואַרט אויף מיר הינטער דער וועלט,
וואָס זי שײַנט אין די אויגן, פֿאַרבלענדט מיר מײַן שוואַכן זכרון.

ווי אַ שאָטן אין שײַן – אַזוי לאַנגזאַם אַרויסגליטשן כ׳וועל
פֿון מײַן לײַב, און צו ביסעלעך אויסגיין: פֿון רעכטס – ביזן האַרצן...

און אויף האַלב שוין געשטאַלטלאָז, זיך אָפּשטעלן – נאָר אויף איין בליץ –
אויף דער גרענעץ צווישן דעם ערדישן לעבן און אין־סוף.

און צוויי מאַמעס, צוויי העלע קאָנטורן מיט פֿאָכענדע הענט אָדער פֿליגל
וועלן רופֿן פֿאָרויס און צוריק מיך... כ׳וועל נאָך געבן אַ ריר
מיט די וויִעס די הייך, און צעשפּאַלטן דעם רוים – ווי אין וויגל
פֿלעג צעהענגען זיך, פֿון מײַנע טרערן צעטרעשטשעט, אַן עולם חדש איבער מיר.

*

אַן עבֿירה די צײַט, אַן עבֿירה די לופֿט וואָס איך לעב.
דער אָזאָנאָווער קופּאָל, דער רוים מיט פֿאַרשלאָפֿענע וועלדער
און לאַנדשאַפֿטן, וואָס קוקן מיך אָן, אַן עבֿירה דער אָטעם,
וואָס כ׳נעם אָפּ בײַ די שטיינער און זאַמדן, די פֿאַרנאַכטיקע פֿליג
און דאָס ווינטל, מיט וועלכן זי פֿליט און באַשטרעמט מיך מיט זילבער.
אַן עבֿירה דער נאָמען, וואָס כ׳טראָג: ס׳וואָלט דער נאָמען געקאָנט
אַ כּרמל־באַרג באַרימט אויף אַ צענדליק יאָרטויזנטער מאַכן,
צי אַ ים, צי דעם בוים באַאָבאַב, צי לכל־הפּחות
אַ גריכישן גאָט; אַן עבֿירה דאָס לײַב, וואָס די פֿיש
צי די פֿייגל וואָלטן צו שטיקלעך צעשלעפּט פֿאַר די קינדער.

אַן עבֿירה דאָס לעבן, דער טויט: גאָרניט וועט שוין ניט העלפֿן.

אַן עבֿירה דער שויס, וואָס אַזוי פֿיל פּאָטענץ האָט פֿאַרמאָגט.
דער 300 (רוח אלהים), וואָס 307,
צי גאָר 409 אין אַן אַנדערער וועלט וואָלט געווען.
אַן עבֿירה די אַנדערע וועלט, וואָס האָט מיך אָנגעוואָרן.

אַן עבֿירה מײַן לעבן, מײַן טויט.

ווער עס קאָן...

ווער עס קאָן זיך דערמאָנען, דערמאָנט זיך: אַ צעשויבערטער לייב
פֿלעג שטיין בײַ דעם וויגל צוקאָפּנס, ווי צוויי שטראַלן – צוויי לאַפּעס
טיף אַרײַנגעשטופּט אונטערן קישן, און היטן דעם זאַק,
אָנגעפּולטן מיט לופֿט און מיט מילך, מיט גליק און מיט פּוסטע חלומות.

איר דערמאָנט זיך, ווער ס׳קאָן: דעם צעשויבערטן שטראַליקן לייב
האָט איר שפּעטער פֿאַרטריבן, און דאָס וויגל פֿאַרשטעקט אויפֿן בוידעם,
און פֿאַרקאַטשעט די אַרבל צום לעבן... נאָר איין מאָל בײַ נאַכט,
נאָך דער פֿריילעכער חתונה, אין דעם פֿאַרפֿינצטערטן צימער
האָט איר פּלוצעם זײַן אָטעם דערפֿילט מיטן נאַקעטן גוף.

און ר׳איז ווידער פֿאַרשוווּנדן...

נאָר ווער? נו, דערמאָנט זיך שוין! – ווער
טראָגט אײַך הײַנט אויף זײַן פּלייצע און בײַסט אײַך די פּיס,
שלעפּט אײַך ווײַטער דורך קינדער אוןביימער, און קבֿרים און זאַמדן –
צי איר מיינט, אַז איר לויפֿט אויף דער גליקלעכער ערד שוין אַליין?

ווער עס קאָן זיך פֿאַרגעסן – פֿאַרגעסט זיך: דאָס לעבן איז שיין...

אַ פֿערז פֿון ווערגילי

Sunt lacrimae rerum…

כ׳בין די טרער פֿון די חפֿצים: סע וויינען די אויגן, די פּלייצע,
די האַנטוואָרצלען, אָט דאָ – ווי בײַם בתולישן גאָט, ווען מען קרייצט אים;
כ׳בין די טרער פֿון אַ פֿיש אויפֿן טיש, ווען ער גרייט זיך שוין ווערן
אײַער מאַכל, און חלשט, און וויינט, מעגט איר וויסן, אָן טרערן;
כ׳בין די האָריקע, פֿינצטערע טרערן אין וואַלד בײַ די בערן;
כ׳בין דער טוי פֿונעם קוסט, וואָס מען האַקט אים אויף ריטלעך – צו קערן
אין די שטעט און אויף זאַמדיקע פּלאַזשעס דעם שטויב; כ׳בין דער אויסדאַמף
פֿון דעם ים־אָקעאַן און דעם טרוקענעם מידבר; און גרויזאַם
שפּריצט דאָס פֿײַער אַרויס פֿון די אויגן בײַ מײַנע ווולקאַנען.
איר מעגט זײַן מיר מקנא:
כ׳בין דאָס לאַכן ביז טרערן, דאָס וויינען פֿאַר גליק, דאָס פֿאַרגיסן
מיט זונכוואַליעס מײַן לעבן; איך לערן זיך רינען און פֿליסן,
און צעגיין זיך ווי פּאַרע, אַרויף, צו דעם רויט־בלאָוון בויגן
איבער אײַך –
ווען די ערד טוט אַ שמייכל און ווישט אויס די אויגן.

בקעת העצמות[1]

ס׳איז רויזיק מײַן בלאָווער פּעריאָד,
מײַן ראָזע־פּעריאָד איז בלוי,
די געלע לבֿנה געגעבן אַ ריר האָט
דאָס פֿײַער־געפּערלעכע שטרוי.

די שטעט זענען לופּטיק, די וועלדער
באַגיס איך מיט בלוט, און דעם טײַך
פֿאַרגרין איך מיט טרערן – ווי טאָקע געפּעלט ער,
מײַן פֿריילעכער טרויערטאָל, אײַך?

און ווערט מיר שוין שוואַרץ אין די אויגן –
כ׳פֿאַרמאַך זיי, כ׳באַטאַפּ און באַריר
דעם פּעסטן, לעצטגילטיקן רעגן־בויגן –
דעם רונדן שיכט ערד איבער מיר.

---

[1] דער טאָל ביינער (יחזקאל ל״ז).

דער קאַנאַריק

שאַגאַל און מיראָ אויף די פֿאָטאָס. און פֿרויד.
אַ בלום אויפֿן פֿענצטער. אַ ברעקעלע ברויט.

אַ בלאָקהויז. אַ וווינונג. אַ צימער. אַ שטײַג.
אַ צוואָק, און אַ שטעקל – אַ גאָלדענע צווײַג.

אין ווינקל – אַ טינטערל. הין און צוריק
ער שפּאַנט, טוט אין טינט מיטן שנאָבל אַ פּיק.

די נאָז ווערט אים בלוי, אָדער רויט, אָדער גרין.
ער שפּרײַזט. ער שפּאַצירט זיך אַהער און אַהין.

און גיט זײַנע לידער געגראַמטע אַרויס:
טשיוויר־טשיוויליר־טשיוויראַם־טשיווירויס.

ליבע

– נו, און איצטער ווּהין?
– צו דעם העלבלויען ים.
– ס׳פֿאַראַן דען אַ ים אין דער געגנט?
– מסתּם...

– עפּעס שײַנט אין דער ווײַטנס...
– מיר דאַכט זיך, אַ וואַלד.
– אַ מין וועלדל פֿון שטראַלן?
– באַלד קומען מיר, באַלד...

– און זע גאָר, דאָרט אויבן?
– אַ צײַטיקע רויז.
– וואָס זי וואַקסט פֿון די קאָסמישע זאַמדן אַרויס?

– וואָס זי שטעכט אונדז אין האַרצן... און בריט ווי אַ ווּנד...

– און בליט, ס׳זאָל די ליבע ניט גיין אונדז צו גרונט.

*

די ערשטע ליבע, זאָגט ער, האָט פֿון אים געמאַכט אַ פּאָעט.

פֿון מיר האָט די ערשטע ליבע אַ קריפּל געמאַכט, אַ לאָמען,
אַ נוטה־למות, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן מת.

ליאַליאַ – האָט זי געהייסן, די מויד...

ערשטע ליבע! ווי דער ערשטער שלוק לופֿט אין לעבן
אָדער
דער ערשטער טויט.

קינדער־ליבע

אַ הויך־גופֿיקע גיפּסענע נאַקעטע פֿרוי – זעט ער – גליטשעט זיך אין צימער אַרײַן,
שטעלט זיך אָפּ, שאָקלט זיך איבער אים, פּרוּווט אַרויסצוציִען דעם פֿוס
פֿונעם פּאָסטאַמענט – הייבט פּאַוואָליענקע אונטער
די פֿאַרבויגענע ראָזעווע קני, און גלײַכט אויס
די לאַנגזאַמע פֿינגער – נאָר קאָן נישט
אַראָפּגיין צו אים – און ער זעט, ווי מיט הייסע טרערן זי וויינט.

שטעלט ער אונטער צוויי דלאָניעלעך – אײַ! ווי זיי בריִען, די צעשמאָלצענע טראָפּנס!

און די קלעפּיקע פּלעצעלעך קלעפּט ער זיך אויף
אויף זײַן אַקסל, זײַן שטערן, זײַן פּססםס...

און ער קוקט אין איר ליכטיקן פּנים אַרויף:
– אָ, מײַן מאַמעלע, ווײַבעלע מײַנס!

דער מאַמעס מזל

מאַרינאַ ז׳אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער און שטיין, ווי פֿאַרשטיינערט, געבליבן:
קיינעם ניט.

בלויז דער צערוקטער
אויף ראַקעטעוודיקע צוויי פֿיסלעך
אײַזערנער לייטער נעבן דעם ביכער־רעגאַל.

מאַרינאַ
האָט תּיכּף פֿאַרשטאַנען און קיין צײַט ניט פֿאַרלוירן
אויף צו זוכן דאָס ייִנגל אין שאַפֿע, אין ווינקל, אין בעט –
אין פֿענצטער אַ רוף דעם טאַקסיסט און זאַראַז צוגעגליטשט
צום צווישנקאָנטינענטאַלן אַעראָפּאָרט, און אַראָפּגעלאָזט זיך
אויפֿן הייסן עקוואַטאָר,
געפֿרעגט
און געפֿונען אין דזשאָנגל אַ שטעגל,
און אין גיכן געשטאַנען אונטער אַ קאָקאָסעווער פּאַלמע,
וואָס האָט מיטן שטאַם זיך געצויגן אין הימלשן רוים –
אַ ראַקעטע,
אַ קאָסמישער לייטער,
אַ טרוים...

און דאָס ייִנגעלע
האָט שוין אַראָפּגעוואָרפֿן
דער מאַמען
אין איר הויך פֿאַרריסענעם קליידל, אין דעם רויטן פּאָדאָליק
די ערשטע, די גליקלעכסטע נוס,
עקזאָטיש און זיס
ווי האָניק.

פֿראַנצייזישע סערענאַדע

אויפֿן זיבעטן הימל, בײַם ראַנד, ווי ס'מיר תּמיד געפֿעלט,
זיץ איך איבערן אָפּגרונט, קנאַק קערלעך און שפּײַ אויף דער וועלט.

כ'זע: עס הענגט אַ פּאָר פֿיס... ס'איז מײַן אַלטער קאַפּראַל, כאַפּט אַ דרימל
אינעם קאָסמישן האַלבליכט, העכער נאָך פֿונעם זיבעטן הימל.

און עס קומט אויפֿדערנאַכט. און אַ שטראָמעלע סלינע, צי שווייס,
קיצלט אויף פֿונעם שלאָף אים. ער שטייט אויף און ווײַזט מיר זײַן גרייס.

און ער הולכט... און שוין בײַ דעם טויער, ווו ס'וווינט די אַלמנה,
גיט ער – בוץ! – מיטן קאָפּ אַ פֿאַרטשעפּע דעם גאָנג: די לבֿנה.

פּאַנורג

איך בין גליקלעך, וואָס איך – דאָס בין איך, דער גרויסאַרטיקער ליאָווע בערינסקי.

נאָר טאָמער געפֿעלט אײַך ניט אפֿשר מײַן ייִחוס, מײַן נטיה צו לצנות און whisky –
זײַט זשע מוחל: כ'מאַך צו דאָס געשעפֿט, כ'שנײַד מיר איבער דעם גאָרגל
און שטיי אויף ווי פֿון חלום אויף מאָרגן,
און מחיה בין איך זיך, ווײַל כ'בין שוין – ווער, מיינט איר? – פּאַנורג!

– אַך, פּאַנורג! – וועלן גראַגערן מיידלעך אַרום מיר, אין ציגײַנערשע קליידלעך, –
הײַ אין איינעם און ווײַז אונדז דעם קליינעם
פֿאָקוס־פּאָקוס: ווי וואַניקאַ ווערט ווסטאַניקאַ[1] – אַזאַ גאָר היפּנאָז!

– אָ, פּאַנורג! – וועלן זיך קומען באַראַטן די "ד־ד", די "דאָמקראַט[2]־דעמאָקראַטן" –
וואָס זאָגט עפּעס דאָס פֿאָלק, איז שוין צײַט צו פֿאַרכאַפּן די פֿרײַ?

– היי, פּאַנורג! – וועלן סלינען די ייִדן אויפֿן מאַרק, – וווּס פֿאַרקויפֿסטי?
– מערידן.
– האָסט אַ ייִדישן קאָפּ! ווייסטי וווּ־וּס? נעם באַשנאַדזעך אין שמאָדזעך ציריק...

און פֿאַרנאַכט, ווען פּאַריז (מען דערציילט) שפּילט מיט טויזנטער ליכטיקע גאַסן,
וואָלט איך שטיל צו דעם Saint-Paul געגאַן, צו דעם שאול־בית־עולם, אויף גיך
דאָרט געבעטן בײַם בוים, אונטער וועלכן סע ליגט מײַן באַשאַפֿער,
ער זאָל מיך, דעם זעלבסטמערדער און ראַבלעזיאַנער, פֿאַרנעמען צו זיך.

---

[1] "ванька-встанька" – דאָס "שטיי-אויף-מענעלע" (אַ מין שפּילעכל).
[2] אַ באַוועגלעכער מעכאַניזם אויף אונטערצוהייבן לאַסטן (ענגל.: jack).

שפּעטער ראַנדעוווּ

אײַ, האָב שוין ניט מורא פֿאַר מיר און זעץ זיך אַנידער,
העלף מיר מאַכן דעם פֿריילעכן חשבון, הער אויס: 27
מאָל 12 חדשים, זוניקע טעג און פֿרימאָרגנס (חוץ די לבֿנות
אין שלאָף צי אין מיטן דערינען, חוץ די קאַיאָרן
מיט שניי און מיט הענער־געשריי, מיטן קרעכץ און דעם פּאָך
מיט די פֿליגל, דעם גענעץ פֿון׳ם גאָנער – דעם אָבֿ פֿון די הײַנטיקע גענדזלעך
אין הויף); 57 מיליאָן (נאָר אין יאָר 61!)
קראָליק־פֿעלעכלעך; 63
מיליאָן היטלעך פֿון זיי אין 76סטן (בלויז
אין פֿססר!); 116
מיליאָן טולפּען – פֿאַרפֿרוירענע אָדער פֿאַרוויאַלעט
אין די וואַזעס; 9 פּראָצענט פֿון דער מענטשהייט –
פֿאַרשטאָרבענע, בלויז אין אייראָפּע!
און מיר זעלבסט
– איך און דו –
3,5 מאָל איבערגעביטן דאָס לײַב, דרײַ מיט אַ האַלבן
גילגולים, בלויז אויף דער ערד, און פֿאַררעכן די שטערן, פֿאַררעכן
די גורלות, גן־עדנס...

אמת: שטאַרקער פֿון טויט איז די ליבע!

איז זעץ זיך שוין צו...

יאָרצײַט

מײַן געליבטע איז שוין אויף יענער וועלט –
הללויה!

געלויבט און גערעכט ביסטו, אל־אלהים, צען מאָל הייל און גערעכט
כּלפּי אונדז – היגע מענטשן און חיות, און גראָז, און שטיינער...

וועט, גאָטעניו, נאָר ניט די נעכט!

בײַ נאַכט ווערט פֿאַרלאָשן די שטאָט, און דורך טויזנטער לעכער
אינעם פּלויט, וואָס צוימט אָפּ פֿון דעם אָטעמען דאָ זייער זוניקן פּלאַזש
אויפֿן ברעג פֿון דעם אײדסוף, – קלאַפּט שײַן, און איך לויף ווי אַ ייִנגל
מיט אַ פֿאָכענדיק האַרץ, און אויף גיך כ׳גיב אַ שטעל צו דאָס אויג:
אַ מין סאַנאַטאָריע. ניט וואָס אָן קליידער – אָן לײַבער
שפּרײַזן ווײַבער און מענער אַרום, האַנט בײַ האַנט, ווי אין שטעטל בענדער,
און פֿירן סאָליד אַ געשפּרעך... בלויז אַ גרופּקע נשמות
טומלען, רוישן בײַם גדר – כאַפּן אויכעט אַ קוק, שפּרינגען איבער
פֿון איין דורכשטעך צום אַנדערן, פּאַסן צו זיך צום לאָך אויף די קני.
ווּעמען זוכן זיי דאָ? אַלע שלאָפֿן אין שטאָט – נאָך אַ שווערן
לאַנגן אויסצערנדיקן טאָג – אין דאגות און קימערניש... אַך,
ווּ זשע איז מײַן געליבטע, וואָס זשע גאַרט זי אויף מיר ניט אַרויס,
צי פֿאַרגעסן זי האָט אין מיר, צי פּונקט הײַנט, אַ יאָר נאָך דער לוויה,
גייט זי איבער, ווי ז׳פּלעג עס, פֿונעם צווייטן צום דריטן, צום פֿינפֿטן
דזשענטלמען?
צי פֿאַרשוומען ז׳איז הינטער די בויעס – אין דעם אָפֿענעם עולם־האמת
מיט זײַן ליכטיקן אָפּפּלייץ – ווער זשע פֿאַנגט זי אַרויס פֿאַר אַ נויט?

און איך קלאַפּ מיטן קולעק... און פּלוצעם דערזע איך, אַז ס׳שײַנען
ניט קיין לעכער – נאָר קעפּלעך פֿון מעכטיקע צוועקעס אין פּלויט.

פּראָמענאַד

ווי אַ קינאָ־אַרטיסט צי אַן אורקע, מיט אַ רויטן געאָרגין אין דעם לאַץ,
זיץ איך, אויסגעשטרעקטביידע פֿיס, אויף אַ באַנק, אויפֿן פּושקין־פּלאַץ
ביי דעם שיינעם פֿאָנטאַן, מיט אַ נאַס פֿון די שפּריצטראָפּנס פּנים,
און איך וואַרט: אפֿשר קומט צו אַ מיידל און פֿרעגט מיך מיין נאָמען...

ייִנגלעך שפּרייזן און זינגען מיט מיידלעך, און מיידלעך מיט מיידלעך,
און איך קוק: אַך, סע שיטן זיך בלומען ביי זיי פֿון די קליידלעך...

דריי קראַסאַוויצעס האָבן אין לעבן מיך ליב געהאַט... נעכטן
איז די ערשטע, די זיסטע געשטאָרבן – מיין יוגנט דאַלוי...

דאַרף איך, הייסט עס, פֿון אָנהייב אָן אָנהייבן: כ׳זיץ אויף דער באַנק
ווי אַ star, אַ מאַקס לינדער, אַ שטערן פֿון דער שטומער קינאָ־עפּאָכע,
אינעם לאַץ מיט אַ בלוט רויטן בלימל – דאָס הייסט,
אַז דו זאָלסט פֿון דיין וויייט־וויייטן הימל מיך באַמערקן, מיין טרייסט...

און דער זוניקער ווינט רייסט שטיקער פֿונעם פֿאָנטאַן,
און פֿאַרשיט מיך מיט שפּריצטראָפּנס, הרגעט מיך אָפּ, דער וואַנדאַל...

וואָלוול, אָן אַ בילעט

וואָס איז ערגער דער גרויסער שטאָטישער מיסטפּלאַץ פֿון דעם פּרעכטיקן
– אוי אונדז ואַבוי –
לאַנד־טעאַטער "Bolshoi"?

אַ קרומע פֿאַרזשאַווערטע פֿאָדעראָקס: אַ שוידערלעכע טראַגעדיע;
אַ הויפֿן צעטראָסקעטע טעלערס: וואָדעוויל, העפּי־ענד;
אַ באַלעט – דרײַ פֿלאַטערלעך, pas-de-trois אין דער לופֿטן,
און דער שווערינקער שטאַלזשוק – שאַליאַפּין אין "גאָדונאָוו".

– טאַטע, טאַטע, מיר ווילן מיט דיר! – שרײַען נאָך מיר די קינדער.
– וו'הין הולכסטו שוין? – פֿרעגט דאָס ווײַב. איך ענטפֿער: אין פּאַרק.

איך זעץ זיך אַוועק אויף מײַן הילצערנעם בענקעלע איבער דעם אָפּגרונט,
איך באַאָבאַכט דאָס לעבן, די קונסט.

דער פֿײַכטער, מיט זילבערנע שפּראָנטשקעס, אַלבאָם צעעפֿנט זײַן טויער:
מען שטעלט אַ חריפֿות אַ חופּה;
אינעם שאַרבן פֿון אפֿשר דעם לעצטן שוין פֿערד אויף דער ערד
בלאָזט אַ מערישקע אין דער פֿאַנפֿאַרע – דער גבֿריאל;
ליים און שיכטן פּאַפּיר, ווי אין טאָג יום־הדין, געעלאָגיש, רוקן זיך איבער.

קעגן נאַכט יאָוועז זיך שאָטנס, זיי צעזעצן זיך יעדער באַזונדער
אַרום פֿינקלדיקן אַמפֿיטעאַטער.
דאָס זענען די איינזאַמע ליבעס, פֿאַרראַטן פֿון איר און פֿון אים,
פֿון זיי אַלע וואָס לעבן הײַנט – בראַוואָ! – אַ משוגענעם טאָג:
ער – אין מאָסקווע, און זי – אין באר־שבֿע,
ער – אַ פֿידלער אין גראַן־אָפּעראַ, זי – אַ באַרמענשע אין קאָקטעבעל,
ער – אַ געליבטער פֿון סאָפֿיע ראָנעל, זי – זשאַנאַ ד'אַרק אין "L'Alouette",
ער – אַ פֿאָטער פֿון דרײַ אירע קינדער,
זי – אַ מוטער פֿון דרײַ זײַנע קינדער,
וואָס זיי קירצן דאָס לעבן איר אָפּ, בשעת ער שפּאַצירט זיך אין פּאַרק.

דאָס ליכטיקע שטאַרבן בײַ טאָג, אויף דער באַלטיק, בײַ נידאַ

כ׳בין אַרויס פֿונעם דאָרף – און אויף אייביק פֿאַרגעסן אין דיר.

ווי אַ שפּאַרבער,
אַרויף און אַרויף האָב איך קרעפֿטיק געשפּאַנט
צו דעם הויכן שפּיץ דיונע, פֿון וועלכער עס וואָלט זיך געעפֿנט
אַ בלויע וועלט וואַסער פֿאַר מיר, נאָר ווײ׳ז מיר, כ׳האָב זיך מיר
דאָס קנעכל פֿון לינקס, דאָס בלוטאָדערל אײַנגעשניטן
אין דעם גלעזערנעם שאַרפֿן שיפּוע.

איינזאַם, אין זאַמד
זיץ איך שטיל, מיט צוויי פֿינגער פֿאַרקלעם איך מײַן לעבן, און ווי פֿון אַ זײַט
כ׳קוק, וו׳זוי די גאָלדענע היץ צי דער שטראָם פֿון מײַן גאָלדענער צײַט
גיסט זיך איבער, פֿלייצט איבער מײַן גוף, פֿאַרבלענדט און פֿאַרוויגט מיך,
און כ׳פֿיל ווי אין שלאָף,
וו׳זוי די פֿינגער צענעמען זיך מיר – און דאָס גיסעכץ, דאָס רויטלעכע ליאָווע
רינט אַרויס און באַפֿאַרבט שוין דעם זאַמד...

קר־קאַ־רע־קו
צי קר־קו, צי קראָ־קראָ זאָל איך שרײַען, וואָס שרײַט דען אַ שפּאַרבער
ווען דערשראָקן ער דרייט מיט די אויגן און קלאַפּט מיט די פֿליגל,
און שטאַרבט?

דער לעצטער בליק

די וועלט איז פּוסט: קיין מענטש אַרום, קיין חיה.
קיין ווינט אין וואַלד און פֿעלד. ביסט זיך מחיה.
אַ שטילקייט. נאָר דער לאַנגער זשאַווערסקריפּ
פֿון דער פלאַנעט־אַקס, וואָס איז קרום אַרויס (און
ווי אַ האַלאָבליע שטעקט אין הויף, אין דרויסן).
רײַס אָפּ זיך פֿון דײַן אַרבעט: מיט דער ליפּ
די נאָז דערלאַנגען. האָסט געוואָלט – און אָט
ביסטו אַליין. קיין טומלען און קיין ריידן...
אַ שווײַגעניש. אַן אין־סוף. אַ גן־עדן,
ווו קענסט זיך פֿרײַ ארומקוקן, צעשפּרייטן,
ווו דו פֿאַרגעסט צו ביסלעך וואָס ס׳הייסט ווייַ טאָן,
און קומסט צו זיך, צום פּאָלנעם אידיאָט.

23 בעטהאָווענס פּרעלודן און פֿוגעס בײַם ים



דער דאָזיקער ציקל איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1986, אין מוינאַקי, אַ קוראָרט הינטער יעוופּאַטאָריע, און ווערט, צוליב פֿאַרשידענע סיבות, פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿולן פֿאַרנעם און געהעריקער פֿאָרם ערשט איצטער. די וויכטיקסטע מניעה איז תּמיד געווען – וואָס די פֿאַרלעגערס האָבן ניט געוואָלט גלייבן אין מײַן פֿיזיש־קערפּערלעכן און ייִדיש־מענטאַלישן דויער, פּראַקטיש – אומשטערבלעכקייט. דערפֿאַר דריק איך דאָ אויס מײַן טיפֿסטן יישר־כּוח דעם אמתן בר־דעת, דעם פּובליקאַטאָר, וועלכער איז דערבײַ אויך גרייט צו אָנערקענען, אַז דאָס געבײַ פֿון "23 Präludien und Fugen" באַזירט זיך אויף פּונקט אַזעלכן עסטעטישן Ius vitae, ווי די אַלגעמיין אָנגענומענע fifty-fifty-צאָל 24 בײַ שאָסטאַקאָוויטשן, אָדער די מוראדיק פֿאַרטאָפּלטע 48 שטיק



אין דעם Wohltemperierten Klavier בײַ דעם ״הויף־קאָמפּאָזיטאָר פֿון דעם פּוילישן קעניג און זעקסישן קורפֿירשט״.



מײַ 1986

דער סטערעאָעפֿעקט פֿונעם מעטשעט דזשומאַ־דזשאַמי אין יעווּפּאַטאָרישן האַפֿן[1]

צוויי מינאַרעטן, צוויי טורעמס – רעכטס און לינקס פֿונעם קופּאָל,
ווען משה בן־יצחק פֿלעג אָנקומען גאַנץ פֿרי אַהער מיטן ים;
צוויי טורעמס און אַ פּאָרטאַל אין דער מיט – ווי אַ טויער
בײַם באַטרעטן דעם קאָנטינענט מיט אָלגרעזער־סטעפּן, וועלדער און שניי;
צוויי טורעמס – וואָס האָבן אויך דיך דורכגעפֿירט אין דער פֿינצטער,
איסאַ איבן־משה: דער רעכטער, ווּ אין דער הייך
איז געשטאַנען (לאַכאַוולע! לאַכאַוולע![2]) און געהוילט
דער מועדזין – איבערן גאַנצן, מן־הסתם, פּאָנט־עווקסין[3];
און דער טורעם פֿון לינקס, ווּ דער נאַכט־שומר, דער סאָלאָוויי,
האָט געקוויטשעט נאָר ווי מען שנײַדט אים,
אַ היסטערישער פֿויגל אַזאַ,
און דעם מזיק דערוועקט אַזש אין ווײַטן סטאַמבול,
אין דעם ווײַסן שאַטאָ־פּאַלאַץ רײַכן) –
דעם קינפֿטיקן נעגאָציאַנט מוסאַ איבן־איסאַ.

---

[1] דאָס געדיכט איז איבערזעצט געוואָרן פֿון ל. בעטהאָוועגס יִדישן אָריגינאַל אויף 87 וועלט־לשונות און מונדאַרטן. די רשימה פֿון די אַלע שפּראַך־וואַריאַציעס ווערט צוגעגעבן אין די ״Relicta״.

[2] דאָס ערשטע וואָרט פֿון דער סוראַ ״ניטאָ קיין מאַכט און קיין כּוח חוץ ווי בײַ אַלאַה״ (קאָראַן); דריקט אויס שרעק אָדער אומגעדולד.

[3] דער שוואַרצער ים (אַלטגריכיש).

נײַער בראשית

ורוח אלהים מרחפת על־פני המים

די טעלעוויזיע־װעלן, דאַנקען גאָט, נעמען שוין רעאַגירן
מיט די כוואַליעס פֿון לאַזורעװן װעלט־אָקעאַן,
און דער לופֿטיקער קאַדער, דאָס פֿלײַיקע בילדל באַקומט
אַ פֿול־מאַשטאַביקן װאַסערגוף: ריטערשלעסער און שאַכטעס
אַנטשטייען אין אָפֿענעם ים, צערעמאָניאַלע
זיצונגזאַלן, אַטאָמישע קעסלען, שיינע מאָנסטערס פֿון יוראַ־פּעריאָד
מיט צעעפֿנטע מײַלער; אַ טעלעוויזיע־בריק
הייבט זיך אויף צווישן צוויי קאָנטינענטן ווי אַ מאַרמערנע אַרקע,
אונטער וועלכער סע גייען דורך שיפֿן און אַעראָפּלאַנען,
וואָס אַנטרינען אין בלאָוון בעטאָך־מישער בײַ די בערמודן,
ווו די הייליקע יונגפֿרוי, אונטערוועגס פֿון דעם לוווּר
קיין Los Cerdos
זעצט זיך צו,
ווי אַ בעזשענקע,
אין דער לופֿט אויפֿן מאַרמער־בויגן איבערן תהום,
און
שטופּט אַרײַן
איר שפּיץ ברוסט דעם בײַסטרוק אין די לעפֿצן,
און אַ שטראָמל געזאַלצן וואַסער
ברענט אָפּ
זײַן זינדלאָזן מאָגן – נאָר אַרויסשפּײַען טראָגט אים דערווײַל ניט דער קאָפּ.

די איינצלנע מענטשן וואָס זיי האָבן די צוקונפֿט באַזוכט
און זיך אומגעקערט – וויינען,
דערציילנדיק וועגן בוי־מאַטעריאַלן פֿון מאָרגן.
זיי גייען אויס פּשוט מיט טרערן – ווי מעדוזעס אין זאַמד.

דער טיגער הייסט הײַנט מורוראָאַ

בײַם טיגער געפֿערלעך איז – זײַן אויסגעשטשירעט געביס.

אַ ייִנגעלע שטייט און וואַרפֿט שטיינדלעך אין ים – אין אַ רגע אַרום ווײַזט דער מאָנסטער די ווײַסע פֿאַרסאַבליעטע ציין, אַ ריי נאָך אַ ריי רוקן זיי זיך אַרויס פֿון זײַן מוילהייל, אַ רויטלעכער שוים קאַפּעט פֿונעם פֿאַרנאַכטיקן, מיט שוואַרצע אָדערן, גומען...

איצטער שטעלט זיך נאָר פֿאָר, אַז איר וואַרפֿט אים אין לעפֿצן אַרײַן אַ נוקלעאַר־באָמבע.

אַ פֿרימאָרגן אין קלאַסישן סטיל

אַ שיינע וועלט. אַ רויטער פֿלעק
אין הימל וואַקסט, אַנטפּלעקט זײַן גרייס אין
ים־וואַסער מיטן פּאָרל מתים,
כּמעט נאָך לעבעדיק, בײַם ברעג.

טעראַפּיע

װען דער גרינער, משוגע געװאָרענער ים טוט אַ שמײַס מיר אין קאָפּ
און פֿאַרגיסט ביזן דנאָ מײַן זכּרון –
איך זאָל אַלדינגס פֿאַרגעסן,
כ׳זאָל װערן אַ נאַטורמאָרט, טויטע נאַטור...

אַ מחיה, די זון גייט אַרויס
און באַשײַנט מײַנע דינע, צעבראָכענע ברעגן, מײַן אַטלאַנטישע כּלי
מיט קװאָלע מעדוזעס, װאָס הענגען אויף שטיינער װי גרעט,
מיט די גאָלדענע פֿישלעך אין װאַרעמע בלויע לאַגונעס
נאָכן אָפּפֿלוס –
מיט װערעמלעך, קאָפּעקלעך, מילך אין די גראָזן און רויִק, שיין און מיאוס...

אָ, דאָס קינפֿטיקע לעבן מײַנס! דער פֿיצינקער צערטלעכער מאָנסטער
מיט די נעגעלעך
אויף זײַנע קלעמעריקע
אַכט
פֿיס

אין די שטראַלן ווי גראַטעס

וואָס זשע שרײַט דאָרט ניט קיינער – העט וועלט, אינעם שטילן לאַזורעוון ים?

כ׳וואָלט אַ שפּרונג געטאָן אויף די פּיס און אַ שלײַדער געגעבן די קאָרטן,
און צוגעשטעלט צו די אויגן דעם פֿינף־פֿינגער־דאַשיק –
און אדיו דער בראַווער קאָמפּאַניע: נאָר הין און קריק!

כ׳ווייס נישט וויפֿל: אַ שעה צי אַ טאָג
כ׳וואָלט געשווומען – ניט אײַליק, אַזוי, ווי מע מאַכט אַ שפּאַציר
ערגעץ אין טױלרי אָדער אונטער די פּיראַמידעס:
וואַרפֿסט אויף רעכטס אַ קוק – אַ שטיק גליק,
וואַרפֿסט אויף לינקס אַ קוק – אַ שטיק גליק,
וואַרפֿסט אַ קוק אויף צוריק – יונגע פֿאָרעלעך אויף די וואַסער־וועלאָסיפּעדן.

קעגן האַלבטאָג וואָלט איך אפֿשר דערשווומען, אַרײַן
אין דער אַקוואַטאָריע, ווו סע הענגט אין דער זונשײַן אַ בריק
מיט צוויי אײַזנבאַן־ליניעס: קיין סטאַמבול און צוריק.

אין דער זײַט – באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ
איבער וואָלקנס, אויסגעלייגטע מיט רעלסן, רעדערן אַעראָפּלאַנען
אויף צוויי אָנגעקאַטשעטע שינעס – די דריטע, בײַם עק,
שלעפּט זיך נאָך און שפּרינגט אונטער און טראַכקעט צווישן די שפּאַלעס.

ס׳קלאַפּט מיט שטראַלן די פּרעכטיקע זון,
און די שאָטנס פֿון זיי פֿאַלן ווײַט אויפֿן ים, אַזוי שיין...

כ׳וועל דאָרט מירטשעשעם קיינעם ניט ראַטעווען –
נאָר דערטרונקען כאָטש ווערן אַליין.

די פֿינפֿטע דימענסיע

וואָס איז דאָס, אַ ווײַסער אײַזבאַרג אין ים צי אַ גרויסע מעדוזע?

ניין, ס׳דערשוווּמען פֿון יענער זײַט וועלט

דאָס קול פֿון ענריקאָ קאַרוזאָ.

שעזלאָנגען

שוואָמען וואַקסן אויף מיסטפּלעצער. קינדער געפֿינט מען אין קרויט.

גאַנץ פֿרי, אויף די פּוסטע פּרוייִשע פּלאַזשעס,
צעלייגן זיך שטיל אויף דער פּלייצע מלאָכים,
אונטערגעהויבן די קני און די אַקסל, פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם
אין אַ פֿאָרגענוס (קיינעם קומט ניט אין קאָפּ
אויף זיי אָנצוהעצן עפּעס אַ פֿאָרשער, צי אַ בריגאַדע
טיגער־פֿאַנגערס) –
און דאַן הייבן אָן וואַקסן שוואָמען אין הימל, קינדער אין זאַמד,
און אין בײַברעגישן וואַסער – מיאוסינקע שדים.

אַ מעטאַפֿאָר טראַכט מען ניט אויס. זי הענגט אין דער לופֿטן,
ווי אַ מעווע אַ ווײַסע, אַ ווינטיקע, אונטער אַ ווײַסן
און ווינטיקן וואָלקן.

מע דערזעט זי נאָר פֿאַרן שטורעם: ווען דער הימל ווערט שוואַרץ.

ליקוי־חמה

אַ מענטש צי אַ שאָטן שטייט אויף דער זון – מיט אַ קאָפּ
און צוויי הענט, און צוויי פּיס, און זײַן פּינצטערניש לייגט זיך אויף טאָלן
און בערג אויף דער ערד, מיט צוויי דלאָניעס פֿאַרשטעלט ער ציילאָן
און דעם ברעג פֿון בראַזיליע; אַפֿריקע לעבט אויף עלעקטרע;
רק דער אייביק לאַזורעווער גוויאַנישער שטראָם גיסט זיך שטיל
אים אַרײַן אין דער קעשענע: ווי באַפּישט, ס׳רינט אַרויס שוין בײַם קנעכל,
ווו פּינגווינען צעשרײַען זיך; ער דרייט אויס זײַן מעכטיקן קין –
און דער ראַדיאָ ברענגט אונדז אַ פֿריילעכע בשׂורה: אין גרינלאַנד
צעבליען זיך פּאַלמעס, פּאַוועס קומען צו פֿליִען פֿון בורמע
און פֿון אַפֿריקע, וואָס – ווי געזאָגט – לעבט נאָך אַלץ אויף עלעקטרע.
גאַנץ אייראָפּע איז פֿינצטער, ס׳טוט זיך חשכות און חושך, מען לויפֿט,
מען צענערעקט זיך, חלשט, מען גרייט זיך צו שטאַרבן, בהמות
און פֿייגל פֿאַרגראָבן אין מיסט זיך, מען מיאוסט זיך, באמת,
צו קושן, זיך לייגן אַליין צי אין איינעם אין בעט.
וואָס ער טוט ניט, דער לץ, דער בעל־מופֿת – ער צעשפּרייט ברייט די פּיס,
שטעלט אין פּראָפֿיל זיך, ציט אויס די צונג צי דעם אויער, בלאָזט אָן אַ בויך –
נאָר אַפֿריקע גייט שוין אַרויס פֿון זײַן זאָנע פּאַמעלעך.

און פּלוצעם צעלאַכט ער זיך, צעפּערעט פֿינף פֿינגער, אָטעמט אויס אַ קנויל רויך –
און ס׳צעגעגעצט זיך אונטן אַ זוניקער הונט – דער בולדאָג, סקאַנדינאַווישער כּלבֿ.

ריפֿן, אײַנגעבוירענע קראַנקשאַפֿט

אייראָפּע ווערט גרעסער און גרעסער, די ימען אַרום טרעטן אָפּ.
אויף דרום־ און מערבֿ־ און צפֿון־זוניקע פּלאַזשעס,
בײַם שײנעם ביסקאַי־גאָלף און אויף די שטײנער מיסכאָר
שטײען קינדערלעך - פֿרײלעכע קריפּלען - און לאַכן, פֿאַרזשמורעט די אויגן.

נעצבאָל־פֿלִיען איז ניט פֿאַר זײ. און לויפֿן געוועט -
איז צו קײַלעכדיק אונדזער פּלאַנעט. און בויען פֿון זאַמד ריטערשלעסער -
האָט ער נעבעך צווײ פֿאַרשידענע הענט: אַ רעכטע
און - אָט זעט איר, - די לינקע.

שטײט ער שטיל און וואַרפֿט שטײנדלעך אין וואַסער, און נאָך יעדן פּליוסק
הײבט ער אויף צו דער מאַמען דאָס גליקלעכע פּנים: אַ בולבע!

די שטײנערלעך פֿאַלן ניט ווײַט: אַ מעטער, צווײ מעטער.

פֿאַר אַ סעזאָן וואַקסט אָן די יבשה - אין שלײַם
באַווײַזן זיך קרומע מאָלוסקן און געלע פּאָליפּן,
און פּלאַסטמאַסענע שפּילעכלעך, אין וועלכע די האַרבסטיקע זון
פֿלאַנצט אײַן ווערעם און גרויסע, ווי בײַם אַטאָל מורוראָאַ,
פּלוצעם ביליק געוואָרענע פּערל...

און די קינדער צעפֿאָרן זיך שטאַרבן

אויפֿן קאָנטינענט.

אַ בילדקאַרטל פֿונעם האָספּיטאַל "קריגס־וועטעראַן" נאָך דער ווינטער־קאַמפּאַניע אין דוראַן[1]

"מורא פֿאַר מינעס – מײַן אײַנגעבוירענע טראַוומע.

געזאַלצענע וואַנעס. איך שטעל זיך בײַם ים אויף די קני̇עס
און ווייק אָן דעם קאָפּ. דעם קריזש פּיקן דזיוביקע מעוועס.
איך הייב אויף די שיסל לאַזור בײַ די הענטלעך – איך נעם עס
אין גאַנצן און טראָג עס אין גאָרטן. כריסטאָס פֿון דער ווײַטנס
טרײַבט אָן כוואַליעס, שפּאַצירנדיק באָרוועסרהייט. איך בלאָז אים אַוועק,
ווי אַ פֿליג אויף דער מילך אין אַ שאָל, פֿון מײַן סובטראָפּישן ברעג.

אַ מילכיקע וואַנע. מײַ־חודש. דער ים ווערט גערינען,
ווי כלאָרקע. אַ כלאָריקע וואַנע. כלאָר קאָן דאָך ניט רינען,
ווערט קלעפּיק. עס קומט צו אַ מלאך און שטעלט אָן די ביקס,
און זאָגט, אַז מען דאַרף מיר מײַן וועלטשמערץ לייגן אין גיפּס".

[1] אַזוי האָט זיך גערופֿן די ערשטע אַפֿגאַנישע אימפּעריע אין די יאָרן 1747 – 1823.

סיטרא־אַחרא

אויפֿן פּלאַזש קלינגט "טיכאַ וואָדאַ"
און ס'איז אומעטיק און שטיל,
ס'הענגט אַ שילד בײַם וואַסער: "פּאָטאָ" –
און סע פּאָטעט[1] זיך, ווער ס'וויל.

אין דער זײַט, פֿאַרברוינט און באָרוועס,
זיצט אַ שד און מאַכט שוין חורבֿות
פֿון דער וועלט: כאַפּט כלומרשט פּישלעך
מיט זײַן ווענטקע – און דערגרייכט
ביז די סאַמע ווײַטע שיפֿלעך,
ביזן פֿויגל אין דער הייך.

ס'ווערט אַרום צו ביסלעך ליידיק.

טוט זשע עפּעס, וואָס ס'איז נייטיק...

קיינער וויל עס ניט באַמערקן,
רײַכע שלעפּערס, הויכע קלערקן, –
נאָר ווי קינדער נ'פּאַרק דיסניי!
און די דאַמעס, דאַמעס, דאַמעס,
אָנגעטאָן אין שענסטן דלות,
נעמען פּאָטן זיך אויף ס'נײַ.

[1] זע אין דעם רומענישן ווערטערבוך פֿון ניט־נאָרמאַטיווער לעקסיק.

אויפֿשריפֿט אויף דער אינעווייניקסטער זײַט
פֿון אַן אַמפֿאָרע־שטשערבל,
אַן אַרויסגעוואָרפֿענעם פֿונעם ים

טיראַן! דו קאָנסט מיר ניט פֿאַרווערן
זיך פֿרייען דאָ און גיסן טרערן,
און ברעכן אין עקסטאַז די הענט,
משוגע בעת דעם שטורעם ווערן
צי שטיל זיך דראַפּען אויף די ווענט

די קאָרעטע

מלאך־המוות – דער מלאך פֿון שוואַרצע מידבריות
האָט פֿון לאַנג זיך שוין איבערגעפּעקלט
אין די דערפֿער און שטעט.

אָבער אין אָפֿענעם ים, ווו אַ ווײַסער פּרעכטיקער לײַנער
גייט צו גרונט, דורכגעלעכערט
פֿון אַ באַרזשע – מוזן די מענטשן זיך נעמען דאָס לעבן
אַליין אָדער איינער דעם אַנדערן, ווײַל קיין דינסט בײַ אונדז איז ניטאָ.

און דאָ הייבט זיך אָן.

סטאַניסלאַוו יוריעוויטש, נאַט אײַך, ווערט פּלוצעם אַ הומאַניסט.
מיסטער פֿאָרטענבראַס, דווקא אַ פּאַסטאָר, טאָר ניט: הי איז ער טוריסט.
דער דאַנטיסט הערשל נאַטאַנזאָן, אַן אויסגעשפּראָכענער מאַטעריאַליסט,
וואָלט בפֿירוש אַרויסגעטרייסלט בײַם קאַפּיטאַן די נשמה,
ווען ער ווייסט, ווער ס'איז דאָ קאַפּיטאַן.

און מען שטופּט זיך, מען מאַכט אָן אַ פּאַניק, מען לויפֿט און מען פֿאַלט
אין חלשות.

צוועלף געזונטע מאַטראָסן לאָזן אַראָפּ אויפֿן וואַסער אַ מעכטיקע שליופּקע –
און וואַלגערן אָן, ווי פּאַפּשויעס,
צוויי הויפֿנס נשמות, מיט אַ באַרג, און לאָזן זיך, וועלט־אויס, אין וועג.

און די גאָלדענע קאַטשענעס רײַבן זיך, קנאַקן און שײַנען אונטער דער זון.

אויפֿן ברעג, אין אַ ווײַסער אַדמיראַל־פֿאָרמע, שטייט און דרייט דעם בינאָקל
מיט זײַן אײַזערנעם נאָגל
מלאך־המוות – און זעט אין דער ווײַטנס, עק וועלט, ווי סע נערן זיך מעוועס.

נישעס

אַ פֿייגעלע זינגט אין דער לופֿט אין זײַן פֿענצטערל בלאָוון,
און ווערט אויסגענאָגט פֿון דעם ליד, און דאָס פֿענצטערל
רוקט זיך צונויף.

עס ציִען זיך לופֿטיקע ווענט, און דער ווינט אויף זיי שאָרכעט
מיט טשערעטענע פֿאָרהענגלעך,
צי מיט יאַשטשערקעס, צי מיט מעלדונגען־צעטלעך
אויפֿן שילד נעבן מאַרק.

טשיור־טשיווי! קירי־קיר! פֿיוט־פֿיו!

שפּעטער פֿוילן די פֿאָרהענגלעך אָפּ, און פֿון הינטן
טרעט אַ ציגל־מויער אַרויס, מיט גראָדעקיקע נעסטן,
פֿאַרשטאָפּטע מיט פֿאַרב און צעמענט, ווי אויף עפּעס אַ צווינטער
הינטער דער קרעמאַטאָריע...

און ס׳איז שטיל. און מען הערט
ווי עס דרייט זיך ערגעץ אַ מיל צי די ערד.

*

יעדער טראָפּן, וואָס פֿאַלט
פֿונעם הימל אַראָפּ,
לאָזט אַ שפּור, אַ מין גלעזערן רענדל.

די זון גייט אַרויס –
און דאָס גלאָז ווערט פֿאַרהאַרט
און באַדעקט זיך מיט גאָלד און מיט קופּער.

און דער ווינט, ווען ער קומט פֿונעם מידבר – ער זינגט
אויף דעם אָרגל,
וואָס שפּריצט אויס מיט זעמדלעך.

אײַער ל. ב., דער מעלקער

כ׳זעץ זיך צו אויף מײַן בענקעלע צווישן צוויי אײַנגוסן,
שלעפֿעריק מרוקעט דער ים בײַ די פֿיס – די לאַזורעווע קו.

אין צוואַנציק מינוט אַרום האָב איך אַ פֿולן בידאָן
מעטאַפֿאָרן, כ׳טראָג אים אַהיים: אַבי ניט צעפּליעסקען.

אין דער פֿרי כ׳גיי אַרויס אויף דער לאָנקע: הויך איבער מיר
פֿליט אַ לײַנער, אַ רעאַקטיווער, כ׳שטרעק אויס אין דער לופֿטן
ביידע הענט – און איך לאָז אים ערשט אָפּ, ווען זײַן אײַטער איז פּוסט,
און סע ציט זיך נאָך אים, נאָכן מאַנצבל, אַ מילכיקע ריטשקע.

כ׳מעלק די פֿייגל און בלומען, די אײַזערנע העלדן, דעם טויט.

בײַ נאַכט טאַפּ איך אָן אין דער פֿינצטער די קעלביקע נאַכט.

די פֿעטינקע קיִעלעך פֿון די פּלאַקאַטן קוקן אויף מיר
און פֿינטלען, און ס׳קלעפּן זיך זיי אין דער זונשײַן די וויִעס.

אין קאָסטראָמאַ ווערט זיך הייכן מײַן דענקמאָל, ווי זינגען מען פֿלעגט:
״דאָרט, בײַ דער וואָלגע״[1].

מאָמע רוכל און טאָטעניו שמיליק,
צי געגרייט האָט איר מעך אופֿציִשפּילן מאָן לעבן
נ׳אײַער אייגענעם דאָ־מינאָר טאָן?

צי ס׳איז פּשוט געווען אײַער טראַגישער טעות – פֿאַר מיר צי געפֿינען
דעם יאָנטשיקע צורקאָן, דעם, מישטיינס געזאָגט, מוזיק־לערער
מיט זאַן אופגעדריפּעטן – דרײַ קערבלעך אַ לימוד! – פֿערטל־אַקאָרדעאָן?

[1] אין דעם ליד פֿון פּינחס לאַווענדאַס רעפּערטואַר ״שוואַרצע נאַטאַשאַ״.

נאַוויגאַטאָר

אַלע מאָל, ווען איך שטעל זיך – בײַ נאַכט צי בײַ טאָג – אויף די קני
און איך הייב אים אָן בעטן:
ברוך אתה, וכו׳, וכו׳... –
מוז ער אויסדרייען ס׳פּנים צו מיר (כ׳פֿיל זײַן אײַליקן בליק)
און אַוועקלייגן דאָרט אין אַ זײַט דעם ספֿר־הימים
אָדער אויסשליסן זײַן אַלץ־אַרומנעמיקן טעלעוויזאָר,
אָדער אפֿשר די רודעררעאָד אַרויסלאָזן פֿון די הענט...

וואָס טויג דאַן מײַן בעטלען: אַז די שיף בלײַבט אָן אויפֿזיכט
– די וועלט –
און סע וואַרפֿט זי און שלײַדערט.

*

אָנהייב מײַ איז געפֿאַלן אַ שניי. די מעדוזעס בײַם ים
ליגן פֿראָסטיק, און ס׳ניט צו פֿאַרשטיין,
צי סע האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿן דער שטורעמוואַל טויטערהייט,
צי זיי זענען שוין דאָ, אויפֿן ברעג פֿאַרפֿרוירן געוואָרן?

ס׳איז אַ גרויסער דאָך אונטערשיד. ניט פֿאַר זיי, ווען איך גיב זיי אַ ריר, –
נאָר פֿאַר מיר...

אַ מעלדונג צו דער הימלישער מס־הכנסה

וועז יעדע כוואַליע ברענגט אַ וואָרט,
וואָלט איך געקויפֿט אַ ווײַסן סיינער
און, שווימענדיק פֿון אָרט צו אָרט,
געשעפּט מײַן ריווח... אָבער זע נאָר,
איך שפּאַן אין מידבר – דורך אַ קאַנט,
ווו ס'כוואַליען זיך בלויז ווילדע דיונעס,
און ווי געשפּענסטער פּוסטע שקונעס
דרייפֿירן איבער טויטן לאַנד.

✻



תּמיד געפֿינט זיך אַ שיף,
וואָס הענגט איבערן האָריזאָנט ווי אַ לאָך
אין דער אַנטימאַטעריע – אין אַן אויסגעריסענער פֿאָרמע
פֿון אַ שיף.

אויף וויפֿל זשע גלייבלעכער און דויערהאַפֿטיקער איז
דער פֿליִענדער האָלענדער!

פֿישפֿאַנג אין װענעציע

מחמת גלײַכער פֿאַרטײלונג איבער דער ערד
פֿונעם אומענדלעכן רעגן אין פֿענצטער
זענען ניט אויף אַזוי פֿיל די באַרגשפּיצן װיכטיק (למשל,
דער אַראַראַט, װאָס געראַטעװעט אונדז האָט דאָס פֿאָריקע מאָל) –
װי די טיפֿענישן און אָפּגרונטן פֿון אונדזער מאָראַל.

איך זע אַן אידיליע: מענטשן זיצן מיט צעװיקלטע װענטקעס אין שיפֿלעך
און פֿאַרשפּיגלטע שאַפֿעס, װוּ הינטער דער פּלײצע
שטײט און רודערט און זינגט זײ דער גאָנדאָליערא ענריקאָ קאַרוזאָ,
און דער געטלעכער מאַריאָ לאַנצאַ
טרעט אַרײַן מיט אים אין דועט,
זיך װיגנדיק אויף אַן אָנגעקאַטשעטער אויטאָמאָביל־קאַמער
אויף יענער זײַט
פּלאַנעט.

אַ וווּנדערלעכער פֿישפֿאַנג אין ווענעציע

בערינסקי קאָן אײַך שפּילן וואָס איר ווילט אויף וואָס פֿאַר אַן אינסטרומענט איר ווילט – אויף אַ קינדער־פֿידעלע, אויף אַ קאָנטראַבאַס, אויף... און ניט בלויז שפּילן – אַרויסציִען כּמעט אַן אומבאַגרענעצטן דיאַפּאַזאָן קלאַנגען פֿון די אַרומיקע רוימען. זײַן פּאָעזיע איז ממש אַ סימפֿאָנישע, דאָס הייסט זי נעמט אַרײַן וועלטן...

(...) לייענסט אים מיט אַ געפֿיל, אַז דאָס ערגסטע, וואָס סע קאָן זײַן פֿאַר אים און וואָס ער קען נישט בשום־אופֿן אָננעמען, איז – נאַציאָנאַלע זעלבסט־איזאָלירונג. דער פּלאַנעט איז זײַן טעמפּל, אין וועלכן ער איז גרייט צו עפֿענען די נשמה פֿאַר יעדעמען און אין יעדן ערדווינקל – אין רוסלאַנד צי אין ישׂראל, אויף ברײַטאָן־ביטש, אין בעסאַראַביע, אין קאָסטראָמאַ אויף דער וואָלגע. זיך דערקלערן אין ליבע צו אַ קאָנקרעטער, ניט אין חלום אויסגעטרוימטער פֿרוי, אָדער צו אונדזער וועלט, וואָס זי שטייט שוין איבערן אָפּגרונט, ־איז אַזוי נאַטירלעך פֿאַר אים, ווי דאָס אָטעמען. בײַ אים איז דאָס ניט עפּעס קיין פּאָזע, ניט קיין רצון צו שטעלן זיך אויף די שפּיץ פֿינגער. אמת, צו מאָל דעמאָניזירט ער זיך טאַקע אַ ביסל, אָבער אויך אין דעם פֿילט זיך אַ לײַכטער אָנלויף פֿון אַ מין צאַרטלעכן שאַמאַניזם, וואָס גיט צו זײַנע לידער נאָך מער צויבערקייט.

(...) בײַ אַ קעניג קען מען נישט אָפּנעמען זײַן קעניגלעכן ראַנג – כּסדר און איבעראַל בלײַבט ער אַ פּערזאָן פֿון אַ מלכותדיקן אָפּשטאַם. מ׳קען אים אַראָפּזעצן, אַרויסטרײַבן, פֿאַרשיקן אין גלות, אין עפּעס אַן אויסרײַסעניש, נאָר זײַן אײַנגעבוירענע גרויסקייט קען קיינער ניט אָפּשאַפֿן.

אויף דער וועלט עקסיסטירט נאָך אַ פּיצינקל, כּמעט שוין אַן אָפּגעמעקט פֿון דער ערד־ און ליטעראַטור־מאַפּע קעניגרײַך ״ייִדיש״, מיט דעם אַלטן קעניג, און – ווי סע פֿירט זיך אין אַלע מאָנאַרכיעס – מיט זײַנע יורשים.

דער קעניג איז – דער געניאַלער אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס איז שוין טאַקע ניט אַזוי געזונט און פּראָדוקטיוו. דערפֿאַר אָבער איז זײַן געזועץ־מעסיקער טראָן־יורש לעוו בערינסקי, קיין עין־הרע, פֿול פּאָעטישן כּוח און לעבנס־ענערגיע.

(...) מיט זײַן בוך ״פֿישפֿאַנג אין ווענעציע״ האָט לעוו בערינסקי פֿאַרנומען זײַן אָרט צווישן די סאַמע גרויסע נאָכמלחמהדיקע שאַפֿערס פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, ווײַל ער שרײַבט נישט פּשוט לידער, נאָר איז אַן אמתער כּישוף־מאַכער, בעל־מופֿת, מכשף פֿון וואָרט.

גריגאָרי קאַנאָוויטש, 1996

די זײַטיקע טיר

נײַער מיטאָס

די שטאָט איז אויפֿגעוועקט געוואָרן
ניט פֿון אַ דונער, צי אַ קנאַל.
ס׳האָט זי דערוועקט אַ שטומער האָרן –
אַ שטראַל, אַ ליכטיקער סיגנאַל.

אין מיטן דעם פֿאַרשוואַרצטן סעקטאָר
פֿון דער גאַלאַקטיק, אין דער נאַכט
האָט שטיל געלויכטן אַ פּראָזשעקטאָר –
אַ שטערן, אַ פּחד אויף דער וואַכט.

וואָס מ׳האָט דערוואַרט, און וועמענס נאָמען
מ׳האָט קוים אַרויסגעבראַכט אין זין –
דאָס ווייסט נאָר אולקע די אַלמנה
און אירע דרײַצן טויטע זין.

פֿון ליכט איז קיינער נישט אַנטלאָפֿן –
פֿאַרקערט, מ׳האָט זיך געאײַלט אַהער
און אויף דער גאַס געלייגט זיך שלאָפֿן
און שוין ניט אויפֿגעשטאַנען מער.

ליכט־גראַוויטאַציע – אונדזער אייביקע רעאַנימאַציע

אויף אַ גרינער, מיט דופּטיקע גראָזן אויסגעפּלאַסטערטער לאָנקע
איז אַראָפּגעפּאַלן פֿון הימל
אַ גרויסער, אויף 300 פּלעצער, אַעראָפּלאַן.

קיין רויש. קיין באַוועגונג. קיין אָטעם.

ערשט פּאַמעלעך, צו ביסעלעך, מיט אַ ליכטיקן זיפֿץ און אַ קרעכץ
האָבן אָנגעפֿאַנגען זיך אויפֿהייבן צווישן די בלומען
און צונויפֿגיין בײַם הויפּן פֿאַרבלוטיקטן בראָכוואַרג – נשמות
וואָס האָבן פֿון פּיצלעך מאָטאָר און פֿון רעשטלעך דיוראַל אָדער גלאָז
אַ מין פֿלי־אַפּאַראַט אויסגעקלערט און מיט אים זיך אין הימל געלאָזט
איבער פֿעלדער און טײַכן, און בערג...

און דער איינזאַמער, שטיל אין די גראָזן פֿאַרבליבענער יאַט
איז שוין שפּעטער, בײַ נאַכט, בלינדערהייט אויפֿגעשטאַנען, געפֿונען
אינעם רויטן מיש־מאַש אַ שטיק פֿליגל – אַן אײַזערנע ברעט,
און אַרויפֿגעקלעטערט אויף איר, זיך געלייגט אין דער לענג,
ווי אַ שווימער – מיטן קאָפּ צו דעם ווײַטן ערדישן ברעג...

און די פֿולע לבֿנה
האָט אים אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן און אים לאַנגזאַם געצויגן צו זיך
מיט איר ליכט־גראַוויטאַציע – אַ מאַגנעט אין דער וועלט־אינסטאַלאַציע.

און שוין ביז אין דער פֿרי איז דער פּילגרים געווען אויפֿן אָרט –
בפֿירוש גאַנץ גיך!

קינדערנעכט

אין אַ וועלטאַל, וואָס הוידעט און שלײַדערט אַ קינד

ווען די נאַכט, הוילע לעכער, לאָזט זיך אַראָפּ, און עס קלאַפּט דורך די שטערן
דער קאָסמאָס,
און איך שטאַרב פֿאַר דערשרעק און פֿאַר ליבע – דעמלט לייגסטו זיך שלאָפֿן, מאַרי.

שלאָפֿן לייגסטו זיך אָבער
מיטן קאָפּ צו דעם צפֿון צו, די פֿיס צו דעם דרום –
און איך זע נאָר דעם אייבערשטן טייל פֿון דעם וווּנדער־פּלאַנעט.

כ׳פֿיל: סע גיט זיך אַ דריי אויס די ערד – די פּינגווינען פֿון אַנטאַרקטידע
שטייען דיר שוין צוקאָפּנס, באַוואַכן, ווי שומרים, דײַן שלאָף.

די פּאָלאַר־גראַוויטאַציע ווירקט אויף דײַן חלום: דו לייגסט זיך
מיטן פּנים אויף מערבֿ – און מיר עפֿנסט די ווײַט ביז לאַמאַנש.

מאַרס, דער העסלעכער, שטעלט זיך אין פֿענצטער – דײַן האַרץ טוט אַ פּאָכע
אויף מיזרח, אַ קערעווע אויס צו דער רויטלעכער פּולער לבֿנה: north-west,
צו דעם ים־פֿלייץ: south-east, צי north-south...

און איך וואַרף זיך, איך פֿלי נאָך דײַן שײַן – מיט די הענט אין דער לופֿטן,
מיטן קאָפּ אין דער וואַנט...

די זון שווימט אַרײַן – דו שטייסט אויפֿן ליימענעם דיל, דײַן קאָנטור
פֿילט פּאַמעלעך זיך אָן מיטן ליכט , ווי די קוואַלפּען בײַ וואָוקען,
די יאַפּאַנישע, מיט דער נאַקעטער גיישע – ווען מען שטעלט זי אויף שטײַל...

און דעם גאַנצן אומענדלעכן טאָג, פֿון דעם סאַמע באַגינען,
ברענט די זון, שײַנט די ערד, און עס דרייט זיך דאָס היטל
אויף מיר, אויפֿן גרויסן פּלאַנעט, אויפֿן בלויִיקן שטראַנד
מיט דעם מאַריאָ לאַנצאַ, דעם טענאָר, וואָס שרײַט, נאָר ווי מ׳קאָכט אים
אין דער זומערגלוט: ״אָ, מאַריו!״, ״אָ, מאַריו!״, ״אָ, מאַריו!״

דאָס זיסע אומענדלעכע לעבן

ס׳איז אַזוי: ווען כ׳בין יינגער געווען, האָב איך, אמת, געגרייט זיך
זײַן אַ גרויסער פּאָעט, כ׳האָב געטראַכט און געשריבן, געטראַכט
און געשריבן, און כ׳האָב מיר מסתם אויסגעשריבן
מײַן טראַכטעכץ, די לינקיטשקע זײַט פֿון מײַן אָרעמען מוח,
די אַנאַליז־פּראָצעס־העמיספּער, ווי די וויסנשאַפֿט לערנט אונדז.
און איצט –
ווען סע פֿאַלן די בלעטער, ס׳פֿאַלט דער באַראָמעטער, ס׳פֿאַלן,
ווי אַ פֿאָרהאַנג, קאָליריקע רעגנס אַראָפּ פֿון דער הייך, –
קוק איך לאַנג זיך אַרום, ווי אַ קינד צי אַ האָז, צי אַ קאָרנקראָ
פֿאַרן האַרבסטיקן אָפּפּלי, סאַראַ וויזיעס קומען צו מיר!

כ׳זע אַ ברעג פֿון אַ ים, כ׳זע אַ גאָלדענעם דענקמאָל מיט שווערע
גרויסע אותיות אויפֿן פֿאַרשימלטן פּאָסטאַמענט
– אַ און וו –
און אַ דלאָניע, וואָס ציט זיך צו מיר ווי אַ וואָלקן,
צי אַ וואָלקן אין הימל, וואָס ציט זיך צו מיר ווי אַ האַנט.

ס׳ווערט שוין ענדע אָקטיאַבער (דערציילט מען מיר שפּעטער),
און ס׳טרעפֿט זיך
עפּעס אין אַטמאָספֿער, און איך הייב אָן צו הערן מוזיק:
ווי אַ טראָפּנדל ליכט קוועלן אָן אין דער שטילקייט די נאָטן –
״דאָ־רע־מי״, ״דאָ־רע־מי״, און איך שרײַ: ״דו־ראַ־קי״, ״דו־ראַ־קי״.

מען באַווייַנט מיך מיט טרערן מיט זיסע ווי האָניק, מען שטעלט אָן דעם זייגער
איך זאָל קומען צו זיך און צו זיי, ווײַל עס גייט שוין אַפּרעל,
און איך זע, ווי סע קאַטשעט זיך איבער די זון אין מײַן שיידל,
און כ׳צעלאַך זיך – אַ פּיפּיקער מזיק וואָס ליגט זיך און טשמאָקעט,
און סמאָקטשעט, און סמאָקעט דעם גרינעם אומענדלעכן קאַראַמעל.

אַ גוט־מאָרגן

אַ גוט־מאָרגן אײַך, מענער און פֿרויען,
ווי ס׳פֿאַרלאָפֿן די נאַכט?

(כ׳מאַך זיך, אַז איך באַמערק ניט בײַ אײַך אויפֿן פּנים
די לופּטיקע שפּורן פֿון טרערן, וואָס האָבן באַלויכטן
די פֿינצטערניש, אײַער אומענדלעכן אומעט, דעם מוט).

אַ גוט־מאָרגן אײַך, מענטשן,
ווי געפֿעלט אײַך דער נײַנקער טאָג?

(איך, כּאילו, באַמערק ניט דעם קינדערשן שמייכל
אויף די ליפּן, די האָפֿענונג אין די אויגן בײַ אײַך).

אַך, אַ שווער שטיקל אַרבעט די נאַכט.

(וויפֿל, מיינט איר, פֿון טויזנטער טויזנט נשמות
זענען נאַזנדיק איבערגעשווומען דעם תּהום
און דערגרייכט ביז דעם זוניקן ברעג?)

אַ גוט־מאָרגן אײַך, גליקלעכע ברידער און שוועסטער...

וו׳הין צעלויפֿט איר זיך ווידער אַוועק?

*

כ׳גיב נאָר אַ טראַכט – און די גאָלדענע, געלע מאַראַנצן
הענגען אַראָפּ פֿון דער סטעליע. כ׳טו נאָר אַ טראַכט –
און גרויסע, הויכפֿיסיקע שפּינען הייבן אָן טאַנצן
צווישן די בענקלעך, וואַלסירן אָפּ אַ גאַנצע נאַכט.

שטעל איך מיר פֿאָר אַ שטיק ים מיט אַ ברעג – און ווינטפּולע זעגלען
נעמען אין פֿענצטער שוין וויגן זיך; ס׳קומט מיר אין קאָפּ,
אַז פֿון די שיפֿלעך אַראָפּגיין, ניט לאַנג געטראַכט, מעג מען –
און די יאַכטסמענער טרעטן – אָן אַנגסט – אויפֿן וואַסער אַראָפּ.

ווער איז משוגע? צי איך, מיט די קראַנקע געדאַנקען,
וואָס פּוסטע זאַכן כ׳טרוים אויס – צי פֿון זינען איז שוין די נאַטור,
וואָס זי אײַלט זיך באַפֿרידיקן מײַנע קאַפּריזן? צי אפֿשר באַדאַנקען
דאַרף מען דעם גאָט פֿון דער וועלט, וואָס איך זע ווי זי הענגט אויף אַ האָר?

אין דער ראָזעווער באָד

מענטש, וואָס טויגן דיר דײַנע צוויי הענט – אויב דו פֿליסט ניט אין הימל?

מענטש, וואָס טויגן דירביידע פּאָר ענדגלידער – אויב דו ביסט ניט קיין הונט,
טרײַבסט אין גרעזער ניט קיין אַנטילאָפּעס,
אויב דו ביסט ניט קיין מײַזל – לויפֿסט ניט פֿון דעם קאָטער אַוועק?

וואָס טויג דיר דײַן האַרץ, אויב דו ווילסט זיך נישט צעטיילן מיט מיר
– מיט דײַן מיטמענטש –
דאָס לעצטע פֿאַרדאָרבענע רעפֿטעלע ברויט?

וואָס טויג דיר דײַן אבֿר, דײַן אָדער – אַלץ, וואָס דיר איז געגעבן געוואָרן
אויף דײַן לעבנסצײַט, נאָר אין באַנוץ?

רבונו־של־עולם, וואָס טויג איך דיר דאָ, אויף דער ערד,
און די ערד – אינעם וועלטאַל,
און דער וועלטאַל – אין דײַן ראָזעוון זקנישן דמיון, איך מיין:
אין דעם, ווי אין באָד, אַראָמאַטישן דאַמף, ווו דו זיצסט
און פֿאַרדרימלסט
און חלומסט זיך
זיך
אַליין.

מענטשן אָן פֿליגל

מענטשן אָן פֿליגל – וואָס איז דאָס גאָר פֿאַר אַ באַשאַף?
ס׳איז קיין חיה ניט: שפּאַנט אויף צוויי פֿיס;
ס׳איז קיין מלאך ניט: שטערבט ניט צום בורא;
ס׳איז קיין מענטש: ביַי אַ מענטשן כאַטש איין מאָל אין טאָג,
אין אַ יאָר, אין אַ לעבן
גיט אַ קוויטש די נשמה, אַ וואָרף זיך, אַ ריַיס אויף דאָס ליַיב
און אַ פּערע אַרויס, אַ צעשפּרייט אין דער לופֿט אַ פּאָר פֿליגל –
אַ פּאָר שאַרפֿע און לאַנגע ווי מעסערס, און וויַיסע ווי שניי...

איר, ווען איך מיין, צי דען קאָנט איר פֿאַרשטיין, וואָס ס׳איז שניי
אָדער לופֿט, אָדער שפּורן פֿון באָרוועסע קאָמערן אויפֿן האַרבסטיקן וואַסער,
צי ר׳פֿאַרנעמט נאָר געקאָכטס און געפּרעגלטס,
און וואָס שיין איז פֿאַר איַיך –
אַ רויטער טולפּאַן, איַיער מאָגן אונטער דעם הימל.

און אַוודאי דאָס גרויסע אַראַבישע שלאָפֿבעט, די גשמיות־פּלאַטפֿאָרמע
מיט פֿיר זילבערנע קיַילעכלעך, ווו סע שפּיגלען זיך אָפּ זעכצן הענט,
זעכצן פֿיס און אַכט ראָזעווע רעגן־בויגנס אין גן־עדן.

אַך, דער Shop, און די סאַונע, און דער פּינג־פּאָנג,
מעדיצין־מיטלען, אַנטי־
מעדיצין־מיטלען, אַנטי־
מעדיצין־אַנטימיטלען אויף צו נאַשן און דיסימילירן,
און פֿאַרשפּרייטן זיך (בראשית, יג:טז) איבער דער ערד...

און איר לויפֿט, און איר ווייסט נאָר צוויי אַרבעט מיט איין מאָל –
ווי אַ פּערד.

TV: פּייזאַזש-1982

דאָס בלוט רינט אַרויס פֿון די מתים, ווי נאַפֿט פֿון די קוואַלן,
און ווערט אַלץ געדיכטער, פֿאַרשטײַפֿט, – ווי אַ פֿרישער אַספֿאַלט
מיט ליידיקע אָפּדרוקן פֿון פּענימער, באַקן און בערד.

דאָס איז אויף דער ערד.

די וואָלקנס, דער אַטמאָספֿער־שיכט איז דורכגעלעכערט
פֿון באָמבעס – די לופֿטערן שטייען און זויגן אין הימל אַרויף –
–אַ מין סופּער־שטויבזויגער –
פֿון גאַסן און סקווערן די גײַסטער אָן גופֿים און רייעך.

אָט דאָס איז די הייך.

ווּ ביסטו, רבונו־של־עולם? אויף אורלויב, בײַם ברעג פֿון אַ ווײַטער גאַלאַקטיק?
די רערן – זיי ציִען שוין לײַבער און שטיינער אַרויף.

ווער רעדט גאָר פֿון שולד? ווער רעדט נאָך פֿון יושר? ווער רעדט נאָך?
אַ קאָסמישער ווינט, אַ שווײַגן־געהויל און אַ שורשען, אַ שאָרך אין די טרובעס –
פֿון נשמות.

מאַסקאַראַד

ער זיצט, דער אָנקלאָג, אין פֿינצטער, ער הייבט אויף צום לאָמפּ
מײַן סכעמע, מײַן גורל־רענטגען, איך שטיי פֿאַר אים נאַקעט,
ווי אַ רעקרוט, ער שמייכלט און הייסט מיר זיך אָנטאָן,
און שענקט מיר דאָס לעבן...

דער טראַמוויַ אויף דער גאַס טוט אַ שפּרונג אין אַ זײַט, כ׳הער דעם קלונג
און דעם ווילדן געשריי פֿונעם עולם, איך הייב אויף די אויגן:
די פֿירערקע זיצט בלייך ווי טויט אין קאַבינע בײַם טאָרמאָז,
נאָר וואָס מיר געפֿעלט נישט: זי שמייכלט, ס׳איז דאָס שמייכעלע זײַנס.

דער בער, אַ צעיושעטער, פֿון שײַן אַ פֿאַרבלענדטער, זיך פֿונעם טירגאָרטן
אַן אַרויסגעריסענער – לויפֿט צו מיר צו, שטשירעט אויס
פֿערציק שטיק זײַנע שטינקענדע ציינער
אַון צעלאַכט זיך, ווינקט אונטער, און – די בלוטפֿולע בײדע עיניים
פֿון מיר ניט אָפּווענדנדיק – גיט אַ וואָרף זיך צום מיליציאַנט.

אַ משוגענער טאָג... איך פֿאַרמאַך זיך אין דר׳היים, אַלע טירן
פֿאַרשפּאַר איך, כ׳פֿאַרגראָב זיך אין בעט... ער שטעלט זיך
און שטייט איבער מיר
ווי אַ גולם, דער פֿלאָט־אָפֿיציר, שפּיליעט אָפּ שוין זײַן שפּאַגע,
דעם פּראָטעז ביז עלנבויגן, ביידע פֿיס, דעם ברוסטקאַסטן, דעם קאָפּ...
און איך הער נאָר זײַן קול: מאַט טוואָיו יאָפּ, כ׳וועל דיך קאַטעווען, – שרײַט ער,–
און קאַטשען,
כ׳וועל דיך קאַטשעווען, קאַטען און קאַטשעווענקאַ־טעווענקאַ־טשעווענקאַ־טעווענקאַ...
כ׳וועל דיך קאַטשען
ביז דו בלוטיקסט און קנאַקסט שוין ווי כראָסט, און שלוקערצסט, און בלאָזט...

אַ מיקראָטראַקטאַט צו דער מורא־טעאָריע און ענלעכע זאַכן

די ״גערניקאַ״ און ״דער לעצטער טאָג פֿון פּאָמפּעי״
האָבן דעם זעלבן חסרון: דעם פּחד זיי שילדערן
איינס צו איינס, אַזוי, ווי ס׳איז טאַקע די פּאַניק געווען.

ביי סאַלוואַדאָר דאַלי איז אויסגעדריקט אָבער דער וועלט־סוף
מיט אַ רמז: אַ בלעזל אויפֿן גלאַטן און לענגלעכן קאָפּ
ביים אַפּטייקער.

אַ יונג פּאָרל, פֿאַרליבט און מיט אָפּגעשוואַכטע (מײַ־חודש) נערוון
פֿאַרלאָזט אין דער פֿינצטער דעם קינאָזאַל: אַ סוזשעט
אין וויעטנאַם, מיט די ״גרינע בערעטן״ – גייט אַ ביסל שפּאַצירן
אין סקווער, ווו ביי זיי אויפֿן וועג, פֿון דער ווייכער ערד
קײַלעכט זיך פּלוצעם אַרויס אַ מין שווענמל פֿון אײַזן, אַ קעפּל
פֿון ווער ווייס וואָס דאָס איז, און צו וואָס, און פֿון וואַנען עס קריכט...

פֿרידלעכע רויבערס

זיי בלאָנדזשען אַרום אין פֿאַרוואָרלאָזטע שטיבער. אַ לאָמפּ,
אַ זעלצערל, אַ פּאָרטרעט פֿונעם פֿירער געפֿינען זיי, אָפּט מאָל
שפּילט נאָך די ראַדיאָלע. זיי רײַסן אַראָפּ
די דראָטן און דרייען אָפּ בראָנדזענע הענטלעך פֿון טירן.
ס׳מאַכט זיך אויך, סע באַגעגנט זיי איינזאַם אַ הינטל – זיי נעמען עס מיט.
זיי געוווינען זיך צו – און שוין גייען אַרײַן
אין די הײַזער, ווו ס׳לעבן נאָך מענטשן. זיי קומען
צו מיר, על־פּי טעות. וואָס האָסטו, אַ טאָכטער? אַ זון?
אַ זון מיט צוויי טעכטער, אַהאַ! זיי פֿאַרשרײַבן׳ס אין העפֿטל.

איך שלאָף ניט די נאַכט. כ׳שלאָג זיך אַלץ מיט דער דעה: צי כ׳זאָל
גאַנץ פֿרי, מיט מײַן כאָפּטע אין איינעם, פֿון דאַנען
אויסזײַן די צײַט, אָדער אפֿשר – אויב זיי זענען ניט ברוגז
און ס׳איז נאָך נישט צו שפּעט – זיך אַרום־און־אַרומזען און צושטיין
צו דער סטײַע, נו יאָ, צו די שטילע און פֿרידלעכע רויבערס...

די זײַטיקע טיר

װ׳היין איך גיי ניט און שטיי ניט – שלעפּ איך תּמיד מיר נאָך
די זײַטיקע טיר, װאָס זי הענגט, װיגט זיך לײַכט אין דער לופֿטן –
אַ בלאָװער שטיל־װינטיקער אױסגאַנג.

קיינער קלאַפּט דאָרט ניט אָן – מע גייט זי אַרום פֿון רעכטס און פֿון לינקס –
מע ברעכט זיך אַרײַן, אין פֿאַרבלאָטיקטע שקראַבעס, דורך װענט,
מע שפּאַרט אויף מיר אָן, אַ פֿרײַנדלעכער פּאַטש אין דער פּלייצע,
אַ גרוס פֿון... װען כ׳קען אים, אַ לאַך מיר אין פּנים מיט סלינע...

איך שטיי אַ פּריטשמעליעטער. כ׳קוק זיך אַרום: דער איינציקער אויסװעג –
די זײַטיקע טיר.

וועגן קעץ

אַ קאַץ – אַז זי פֿאַלט אויף די רעלסן כּפּרות – ווערט ניט סתּם פֿאַרפֿאַלן.

די פֿריילעכע שפּערלעך זעצן זיך ציכטיק אויף איר
און פּיקן אויס פֿריילעכע פֿליי.
די פֿאַרביקע סויקעס, פּאָרלעכוויַז, קנײַפּן איר אויס
גאַנצע קובליקעס האָר – אויף אַ היימנעסט.
פּעליקאַנען פֿון אינדיע און פֿון דער אָזערע טשאַד
פֿליִען שווער זיך צונויף אויף די שפּאַלעס
און צעשנײַדן, ווי זײַד, און צעטיילן דאָס פֿעלעכל בעזש
גלײַך אויף גלײַך, אויף צוועלף קליינינקע שירעמלעך.

נאָר די ציטערנדיקע נשמה איז מער שוין ניט דאָ –
זי פֿליט צו דעם ערדקאַנט: אַ פֿלעק אין דער לופֿטן, פֿאַרטשעפּעט
מיט די נעגעלעך פֿאַרן לעצטן וואַגאָן –
נאָך אַ היגע אויף אונדזער פּלאַנעט אַ וואָך מיט אַ טאָג.

– און סע רײַסן, ס׳קאַלויטשען זי די איירע־אַזישע ווינטן –
ביזן זאַמלפּונקט, ביז וולאַדיוואָסטאָק.

די ערשטע סימנים

פֿאַרשטייט זיך, איך בין ניט דער ערשטער, וועמ ס׳האָט זיך פֿאַרטראַכט
וועגן דעם, פֿאַר וואָס בײַ דער שוואַלב
איז אין צווייען צעטיילט דער ווינטיקער עק, און פֿאַרשאַרפֿט
זענען ביידע שפּיץ־פֿעדערן – אַזוי, ווי אויף די שפּיץ פֿינגער
וואָלט פּליסעצקאַיאַ מאַיאַ געטאַנצט.

פֿענאָבינאָמיזאַציע, זאָגט איר? בײַ הײַנטיקן טאָג, אויף דער וועלט
ווו די גרויסע חכמים ווייסן שוין אַלץ, און די קליינע –
ווילן גאָרנישט שוין וויסן, חוץ זייער מאָגן און לוקסוס, און לוסט,
(דער לעצטער ״וואָלוואָ״ ווערט אַרויסגעלאָזט מיט אַן אַרויסרוק־שאַסי –
טיילט מיט טריומפֿירנד דער ראַדיאָ BBC), –
בײַ הײַנטיקן טאָג
בין איך, מיין איך, דער איינציקער אויף אונדזער פּלאַנעט,
ווער סע שטופּט נאָך די נאָז
אין דער אייביקער פֿראַגע: פֿאַר וואָס
איז די שוואַלב דאָך צעצווייט – ווי אַ פֿרוי, אַזוי גלאַט
זענען אונטערגעשאָרן די פֿעדערלעך צווישן די שפּיצן,
אפֿשר – מער אַקוראַט.

צו דער וועלן־טעאָריע. דעות

טאָמאַס עדיסאָן און אַלעקסאַנדער פּאָפּאָוו, אײַער אַלטע השערה
וועגן כוואַליעוודיקייט פֿון דער שיינער נאַטור – איז היינט, טראָץ
אַלע ספֿקות, באַשטעטיקט געוואָרן, און ס׳איז ניט נאָר די בלאָווע
טעלעגראַף־, טעלעפֿאָן, טעלעוויזיע־נעץ! –
טעלעפּאַטיע און טעלעאַנגיעקטאַזיע (רויטע
אָדער רויט־בלאָווע פֿלעקן בײַ אונדז אויף די נעזער), דער גריך טעלעמאַך
און די טעלערס אין הימל, וואָס פֿליִען און רייצן די גאָנערס, און – אַך,
די אַראָפּהענגענדיקע דראָטן איבערן סטעפּ, און דער מילכוועג בײַ נאַכט
(פֿול מיט זילבערנע פֿיש) – אַלדינגס קרײַזלט און שײַנט, זינגט און לאַכט.
און העיקר די מלכות! – וואַסערמיידלעך, די גרינע רוסאַלקעס,
מיט אַ זעקס־זיבן כוואַליעס דאָס לײַב, און מיט קודלעס – ווי מאָך
אויף די הייסע אוקרײַנישע ברעגן, אויף די סקאַנדינאַווישע זאַמדן,
אויף די שטיינער לאָך־נעס[1] מיטן אמתן נס אינעם לאָך.

---

[1] Loch Ness – אַן אָזערע אין שאָטלאַנד, אין וועלכער עס לעבט, לויט אַ סך עדות, אַ ריזיקע חיה פֿון יוראַ־פּעריאָד, וואָס די טוריסטן האָבן איר אַפֿילו אַ נאָמען געגעבן – ״נעסי״.

לעסבאָס

לעבן גלוסט זיך מיר ניט, שטאַרבן גלוסט זיך מיר ניט, סײַדן כ׳זע זיך געפֿינען
אויף אַן אינדזל אין איך־סוף ווו אַ רויבפֿויגל ווקעט: ״ווו־ווו״,
און אויף זײַן ווקערײַ שווימט אַרײַן צו אונדז מיטן דערינען
– ווי אַ יונגע רוסאַלקע – די מילכגאַס אויף אַ ראַנדעווו...

זאָל זי אויסגיין מיט מילך – ס׳וועט קיין קליאַנטשען ניט העלפֿן, קיין אָכן...
בעל־משפּחהוועָן?... האָדיע! ווײַטער! ווײַטער אַהין ערגעץ ווו
אין דעם אייביקן גילגול... מיט מײַן דאָרשט און דעם ווילדן בטחון
ענדלעך ווערן אַ כריפּיקער פֿויגל געבוירן און אַרויסשרײַען מײַן ״ווו־ווו״.

ב׳

פֿאַרלירט ניט מײַן שפּור



דאָרטן האָבן אונדזערע פֿאַנגער
פֿאַרלאַנגט פֿון אונדז ווערטער
פֿון געזאַנג,
און אונדזערע פּײַניקער
פֿריילעכקייט...

תּהילים קל״ז. ייִדיש: יהואָש

אַ פּאָעט, אַ שײנגײַסט

לעוו בערינסקי איז אַ פּאָעט ,אַ שײנגײַסט, מיט אַן אָנגעלאָדענעם שאַפֿערישן דינאַמאָ, וואָס שוועבט איבער אומבאַגרענעצטע דימענסיעס פֿון צײַט, רוים און מענטשן. זײַנע פּערסאָנאַזשן קומען פֿון פֿאַרשידענע צײַטן און עפּאָכעס, שטאַמען פֿון כּלערלײ געאָגראַפֿישע פּונקטן אויפֿן ערדקײַלעך און זענען געוועזן צווישן די פֿאָרמירער פֿון עקסיסטענציאַלן און גײַסטיקן לעבן פֿון דער מענטשהײט. איר טרעפֿט בײַ אים דעם אַלטן רוימישן חכם לוקיוס סענעקאַ און נעבן אים זײַן תּלמיד, דעם רישעותדיקן קייסער נעראָן; דעם כּלומרשטן "פֿעלקער־באַפֿרײַער" אַלעקסאַנדער מוקדון און באַלד נאָך דעם – דעם פּסיכאָאַנאַליטיקער זיגמונד פֿרוידן. ער ברענגט אײַך אַ פֿערז פֿון שפּאַנישן דיכטער פּעדראָ קאַלדעראָן און פֿאָרט אים גאָר צונויף מיט דער כעמישער פֿאָרמולע וועגן לעבן פֿון דמיטרי מענדעלעיעוון.

לעוו בערינסקי פֿירט נישט קײן חשבון מיט דער צײַט. ער אָנערקענט נישט די סטאַנדאַרטן און נאָרמעס פֿון דער אָנגענומענער צײַט־רעכענונג, וואָס דער מענטש האָט אויסקאַלקולירט לטובֿת זײַנע נויטווענדיקייטן. עס רייצט אים נישט דער וו ע ן, נאָר דער וו אָ ס, נישט דאָס מאָבילע וואָס איז אַדורך, נאָר דאָס סטאַבילע, וואָס איז אייביק.
"אין מוקדם ומאוחר בתּורה"?

דאָס זעלבע – אין שײַכות צו רוים: די ערדפֿלאַך איז צעצויגן איבער פֿעלדער, בערג און מידבריות, זי איז אָבער אומעטום דאָס זעלבע "פֿאַסיקל ערד" <···> "אָן אַ סוף, און אַ סוף נעמט ער דאָרט, ווו מיר שטעלן זיך אָפּ". דער קאָסמאָס ליגט אים אויף דער דלאָניע און ער שפּילט זיך מיט אים, ווי אַ קינד מיט אַ שפּילעכל.

די פּאָעזיע פֿון לעוו בערינסקי איז אַ מאָדערניסטישע, הן אין זינען פֿון טעמאַטיק און הן אין זין פֿון פֿאָרעם. זי שטאַמט פֿון אַן אינטעלעקטועלן, וואָס דריקט אויס ערנסטע מחשבֿה און אינדיווידועלע לעכצונגען אין בצימצומדיקע ווערטער. זי איז אָפּט סאַטיריש־ציניש כּלפּי דער אַרומיקער געזעלשאַפֿט, און נישט זעלטן אויך בײַסיק־סאַרקאַסטיש לגבי אייגענעם גורל...

זײַנע לידער פֿאַרמאָגן אין זיך אַ סך בילדערישקייט און עסטעטיק פֿון וואָרט, און צוזאַמען מיט דעם זענען זיי בליציקע און אָפּט אַפֿאָריסטישע. פֿאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זענען געשריבן אין פּעליטאָניסטישן טאָן מיט עלעמענטן פֿון ריינער דיאַלעקטיק, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, זענען זיי דורכגעווייקט מיט געפֿיל און עמאָציע – פֿאַראַן אין זיי ליריק, אומעט און טרערן. לעוו בערינסקי איז אַ שטערן אויפֿן הימל פֿון דער ייִדישער נײַער פּאָעזיע, און מיר וועלן נאָך האָבן נחת פֿון אים.

יששכר פֿאַטער. 1992

אייראָאַזישע אַנונגען

אייראָפּעיִשע פֿעלדער

אַ געפֿערלעכע אייגנשאַפֿט האָט דאָס היי: ס׳צינדט זיך אָן סתם פֿון זיך.

כ׳טו אַ קוק אויף דער מאַפּע אייראָפּעס, אַ פֿאַרזייטע מיט סנאָפּעס –
מיט די זאָרגפֿעליק איבערגעבונדענע, שטײַפֿע גאַרבן ראַקעטעס...

שטילער אַווגוסט. זוניקע טעג.

ל.ב. עסטאַמפּ. 1980

צו דער גען־אינזשענערישער קאָנפֿערענציע: װעגן נעדקאָנקורענציע

D.F.R. Essen

דער זרע־באַנק פֿאַר קינסטלעכער פֿרויען
באַפֿרוכפּערונג טיילט מיט זיינע קינפֿטיקע
קליענטקעס, אַז קיין לאַנג־אויעריקע, ליסע
און קרומנעזיקע זענען צווישן זיינע דאָנאָרס
ניט פֿאַראַן.

פֿון אַ צײַטונג

אָט דאָס רוף איך אָן הומאַניזם! מיט אײזלען
איז טאַקע גענוג צו פֿאַרמערן דעם עולם. אָבער די גרויסע
קלוגע קאָפּעקלעך – װאַסערערדישע ביאָ־קאָמפּיוטערס
האָבן אויך שוין אַרויסגעוויזן דעם תּוך, און דער מענטשהייט
אַרײַנגעזאָגט
אַ רוח אין איר טאַטנס פֿיר אותיות.

און די קרומנעזיקע... סטײַטש! כ'האָב שוין ערגעץ געהערט
דעם קאָסמעטיק־טערמין... אַוודאי!

אַרנאָלד שענבערגס אַ בריוו צו װאַסילי קאַנדינסקין:

"Jeder Jude offenbart durch seine krumme Nase nicht nur seine eigene Schuld, sondern auch die aller eben abwesenden Krummnasigen.[1]

Mödling, 4.V.1923"

---

[1] יעדער ייִד שטעלט פֿאָר מיט זײַן קרומער נאָז ניט בלויז זײַן אייגענע שולד, נאָר אויך (די שולד) פֿון אַלע אָפּוועזנדיקע קרומנעזיקע.

זענט איר טאַקע גערעכט! און אויב פֿראַו גרובערשיקל
וויל שוין האָבן אַ קינד, און וואָס פֿריִער,
דאַרף עס יאַוועגן זיך פֿאָרט ניט כאַפּ־לאַפּ אויף דער וועלט,
נאָר – מיט דער נאָז אַן אַריער!

דאָס דערמעגלעכט בײַם הײַנטיקן טאָג דער פּראָגרעס... און מיר קרומע נעז
וועלן מוזן באַגיין זיך מיטן אַלטן ווי אונדזער וועלט – אָט
דעם אין גן־עדן דערפֿונדענעם נעבעך מעטאָד.

– און ווייסט איר דען וואָס?
וועגן אַלעקסן בראָדסקי, צום בײַשפּיל, מיט זײַן קרומער נאָז,
פֿון די אַלערליי־נעזיקע זײַנע קליענטקעס איך הער
סאַמע הייסע אָפּרופֿן – אין מאָסקווע, אין בוקאַרעשט, קיִעוו און טאַלין,
און דער עיקר אין קעשענעוו, מ.ס.ס.ר.

Arnold Schönberg am Klavier

אַ באַוווּסטע געשיכטע, וואָס האָט ניט קיין שייַכות צו שפּיַכלערס

וועו דודס באַשעפער, דער האָרעפּאַשניק, דער יגיע־כּפּימניק
מיקעלאַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי
האָט פֿון אויבן, פֿונעם ברעטער־געשטעל אַ שריַי געטאָן:
– Entri, avanti!
און דער הויפּט־מאַגיסטראַטניק, אַ מבֿין אויף קונסט, אַ גאַנצער עסטראַדניק
מיט זיַין הויט־רעוועראַנס, איז אַריַין און אַ קוק נאָר געטאָן אין דער הייך:
– אַך, מאַעסטראָ, ציוווס אַזאָ נוז, צילעב וואָס, זוג עך, גור אַזאַ נאָז,
אַזאַ גרויסער שטיק שנאָבל, – צו וואָס, שטעלעך אַך דעם וואָפּראָס[1] –
וואָלט זיך אפֿשר דער מיַיסטער געדאַרפֿט צו אים צוהערן,
אפֿשר וואָלט שפּעטער
דער פֿלעבס אין פֿלאָרענציע ניט באַוואָרפֿן מיט שטיינער דעם שיינעם,
180 צענטנער־בראָק רייַנעם מאַרמאָר
אויף סיניאָריע־פּלאַץ פֿאַרן העלן פּאַלאַץ,–
דעם David,
וואָס ער האָט זייער ווירדע געקרענקט, אָבער ניט מיטן אייבערשטן מקור,
ווי דער פֿאָלקסקענער האָט אונדז געוואָרנט,
נאָר מיט גאָר עפּעס אַנדערש – פֿון וואָס
די נאָז
איז בלויז אַ סימבאָל געווען ביַי די אַלטע כינעזער
און ביַי שלמה ז. פֿרוידן, אַ מומחה, אַ גרויסער פּראָפֿעסאָר
און עקספּערט וואָס שיַיך פּראָסטע און געיִידישטע נעזער,
און דערביַי אויסגעפֿאָרשט, טיף אַריַין
אין פּראָבלעם פֿונעם טיפֿ אייראָפּעער, וואָס ביַי די אַלטע העברעער
וואָלט געהייסן
מטורפֿים, הוי שיכּורים ולא מיין.

---

[1] אַ פֿראַגע (רוס׳).

*

פֿאַר מעליטאַ דעפּנער

ווען איך געווין דעם פּרײַז "אל־על",
צי ס'וואָלט געווען כאָטש ווּ צו לײַען,
וואָלט איך געקויפֿט פֿאַר פּרווידענטאַל
אַ צוויי־דרײַ טשאַטעס פּאָפּוגײַען,

מיט זיי אַ קורצן קורס געמאַכט
און אויסגעבילדעט זיי פֿאָנעטיש –
הייסט עס, טרענירט זיי טאָג און נאַכט
די אָרטאָעפּיע פֿון ייִדיש.

און ס'וואָלט זיך אָנגעפֿילט די גאַס
מיט רויש פֿונעם אַמאָליק שטעטל –
די שטיבלעך, גערטלעך און דאָס קלייטל
מיט פּעסלעך הערינג, זייף און גאַז.

מיט לידלעך, וואָס שוין ניט מען הערט,
מיט תּפֿילות, קללות, אמת, ליגן,
מיט רעדן – פֿאָכן מיט די הענט,
הייסט עס, פֿאַרשטייט זיך, מיט די פֿליגל...

נאָר ס'ניט פֿאַראַן קיין פּרײַז "אל־על",
און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל מיר לײַען,
און כ'שפּיל אַליין דעם פּאָפּוגײַ,
צו מאָל אַפֿילו – אַז ס'זאָל סטײַען –
אַ גאַנצע סטײַע פּאָפּוגײַען
אין טויט־שטיל שטומען פּרווידענטאַל.

רוימישע בעדער

אַך דער אַלטער, דער אייביקער רוים, ווּ מ׳האָט איבערגעפּלאָנטערט
די טעג פֿון טריומפֿן מיט די טרויעריק־גרויזאַמע דאַטעס,
און עס בלאָזט אין די גאָלד׳נע טרומייטן דער בלאָזמוזיק־ווזוואָד,
ווּ פּאָמפּיי הענגט אַראָפּ פֿונעם הימל, נאָר הייסט שוין בעניטאָ,
ווּ אויף יום־טובֿ צעטיילט מען אויפֿן שטאָטפּלאַץ קאָלבאַסן
– בחינם פֿאַר די קריגס־וועטעראַנען אין יובקעלעך מיט לאַמפּאַסן – כּל הכּבֿוד!
און אין וואָכנטעג פֿירט מען די מאַסן אין באָד.

אַפֿגאַנישע עלעגיע

ווי בײַם אַש־טעכטערל אויפֿן באַל אַ קרישטאָל׳נע פּאָר שיכעלעך –
גליטשן שטיל אין דער נאַכט אויפֿן וואַסער
צוויי צינק ווײַסע שיפֿעלעך.

צינק – איז גאָר נישט קיין שטאָף אויף צו שיפֿלען אין ים זיך און רודערן –
נאָר אַהין, וו׳הין מיר פֿאָרן אַרײַן, לאָזט מען נאָר אַזוי,
ברודערל.

ס׳איז דער אונטערוועלט־שיכט, די מעטאַל־זאָנע לויט מענדעלייעוון –
ניט קיין זיפֿץ, ניט קיין פֿליג פֿליט פֿון דאָרטן אַרויס,
קיין ווינט־ווייענדל.

ס׳איז אַן עק, ס׳איז דער ברעג ווּ סע צאַנקט און גייט אויס יעדער גילגול,
ס׳איז דער דנאָ פֿון די בערג – די, פֿון וועלכע מיר גליטשן זיך, ייִנגל.

די – מיט פֿיצוכט און שאָף, ווּ מען שינדט דיך, דעם שׂונא, אויף שבת.
טיפֿער שלאָף. שוואַרצער סוף. אַ פּאָר שיפֿלעך – ווי אײַזערנע שקראַבעס.
און אַרום, אין מאַגנעטישן שטראָם, קוואַקען מינעס
צי זשאַבעס.

פֿעברואַר 1989

*

מײַן זון מיט זײַן "עוזי" און אַ ברוך־הבאָ
פֿון סאַדאַמען גאַנץ פֿרי, אַ "קאַטיושע", וואָס מער?...
און איך פֿיר מײַן חשבון נאָך אַלץ אין אייראָפּע,
ווו זיי זענען מיר שולדיק אַ בלוטיקע טרער.

מײַן טאַטע – נאָך אַלץ אין די ווינטערשיך גראָבע
אַרײַן אין דער הייליקער ערד שטיל און ווײל...
און איך פֿיר מײַן חשבון נאָך אַלץ אין אייראָפּע,
איך בין זיי דאָרט שולדיק אַ פֿלאַמיקע קויל.

דער זיידע סרול פֿיקס און זײַן סימע – מײַן באָבע,
וואָס כ'האָב נישט געבראַכט זיי'רע ביינער אַהער...
און איך פֿיר מײַן חשבון נאָך אַלץ מיט אייראָפּע:
אַ פֿלאַמוואָרט – פֿאַרן בלוטן, אַ רײַמקויל – פֿאַר אַ טרער.

אין הויף בײַ דעם קעניג

אַ מבול פֿון עפּל... זיי שיטן זיך – גרויס ווי אַרבוזן – פֿון צווײַגן,
און בייגן דיביימער.

קריפּ וואַרפּט אָן אַ שלאָף. און די לופֿטלעך אויף די קרעפּטיקע שטענגלעך
שטייען ווי קליינע אָסטאַנקינער טורעמס און *פֿונק*ציאָנירן
מיט זייערע קעפּלעך, וואָס צעגייען זיך אין אַטמאָספֿער
ווי רויטע צי גרינע, צי בלויע טעלעוויזיע־קרײַזן.

דאָס ליבעלע רײַטנדיק ציטערט – אַ מאָטאָציקליסט אויפֿן שיינעם שאָסיי
קיִעוו – ריגאַ,
און וויל בײַ מיר פֿרעגן דעם וועג,
קאָן אָבער ניט עפֿענען דעם מיטן באַקביין צונויפֿגעוואַקסענעם קין –
גלאָצט אַרויס אַ פּאָר גרויסע, ווי ברילן – מאָדעל אַפּריל־86 – פֿירעקיקע אויגן.

די גראָזגרילן גרילן מער ניט: זיי גריזען די גראָזן
מיט אַ גרויזאַמען כראָמטשען, ווי שטשערעס,
די פֿלאַטערלעך טאַנצן אין לופֿטן, אין אַ הײַראַט־געשוועב,
עפּעס ניט זאַלבענאַנד, ווי בײַ יהוהן, נאָר פֿלוצעם אין דרײַען.

דאָס ליבעלע ציטערט, נעבעך קוקט אין די אויגן אַרײַן מיר –
דעם קעניג פֿון גאַנצער נאַטור אין דעם גאָלדענעם זונפֿאַרגאַנג־נעפּל –
און איך
שווײַג און הוידע זיך אינעם האַמאַק, צי אויף לאַנגע צוויי מאַלפּישע הענט,
צי – אַ שטום־וויִענדיקע היענע – אויף אַלע פֿיר,
צי – אַ ווערעמל –
אויף אַ פּאַוועטינקע
זיך אַראָפּהענגענדיק
פֿון דער צווײַג
מיט איין
עפּל.

קאַרדימאָוואָ, זומער 1986

פֿונעם זיבעטן שטאָק

אויפֿרוף

קומט צו מיר, אַפֿריקאַנער און ייִדן,
און יאקוטן פֿון ערדישן ראַנד,
קומט צום יום־טובֿ, צום אייביקן פֿרידן,
נעמט צונויף זיך אין ליכטיקן לאַנד!

ברענגט צו פֿירן דעם תּורם, דעם קאַרגן
און דעם קראַנקן, – פֿאַרלירט ניט מײַן שפּור!
מער וועט קיינער ניט וויינען, ניט שטאַרבן
און ניט ציטערן פֿאַר דער נאַטור.

דאָרט, אין ים, אין די אָפֿענע רוימען,
ליגט אַן אינדזל, און ס׳צוויטשערט אַ בוים,
און סע נעמט שוין צונויף זיך דער עולם
ווי צום טאַנץ – צו מײַן קינדערשן טרוים...

HALLEY קאָמעט

היציקע זאַמדן און זאַפּטיקע פּאַלמעס.
גלוט פֿונעם הימל פֿאַלט ווי נאַפּאַלם – עס
פֿליט אַרום דר׳ערד דער קאָמעט אין דער נאַכט.
קלאָג און געוואוי – בויערן די אויערן.
שבֿטים און לענדער, צום גליק צי באַדויערן,
ווערן אַנטרונען און ווערן געבוירן.
שׂרה געווינט שוין איר יצחק – און לאַכט.

קעמלען פֿאַרטרײַבן דעם לאַרך – מיט די הויקערס.
ס׳לויפֿן צונויף זיך צום ברונעם שומרונקעס
כאַפּן אַ בליק: ווען ס׳האָט אָנגעבראַכט.
מרים? און ס׳פֿרייען זיך פֿייגל און בריאות –
רעווען און טאַנצן און צוויטשערן נביאות
וועגן דעם זוניקן ייִנגל מאַריִעס,
וועלכן זי האַלט אויף די הענט דאָרט – און לאַכט.

לייב איז מײַן נאָמען, מײַן מאַמע איז רוכל.
ס׳איז נאָך דער קלאַנג ביז צו אײַך ניט דערקראָכן
וועגן דעם נבֿיא, זײַן וואָרט און זײַן מאַכט.
טעכטער און זין, אי מאַריִעס, אי שׂרהס,
לעבט זיך און קינדלט און ווייסט ניט פֿון צרות,
הערט אויף דער ערד ווי מײַן קאָסמישער כאָר איז
וויל, לעבנסלוסטיק – זינגט אונטער און לאַכט.

מײַן מאַמע ליגט אין קימפּעט

די מאַמע ליגט אין קימפּעט. זאָל אַ מיידל
געבוירן ווערן, מירטשעם, צי אַ זון?
איך גרייט זיך דאָרט אין גלות פֿון גן־עדן.
כ׳וועל אפֿשר האָבן שוין דעם ערשטן צאָן,
ווען אויסברעכן סע וועט די וועלט־מלחמה.

די מאַמע ליגט אין קימפּעט. מלאך דומה
גיט שוין אַ פּאַטש מיר שטיל איבער די ליפּן
כ׳זאָל מאָמענטאַל פֿאַרגעסן וואָס איך זע
פֿון איין עק איך־סוף ביז דעם צווייטן – ווײ
טוט עס ניט שטאַרק, און עפּעס ווערט פֿאַרבליבן
פֿון גראַנדיעזן קאָסמאָס סײַ ווי סײַ
בײַ מיר הינטער די אויגן...

ס׳איז פֿאַרבײַ
אַ ביסל צײַט (איצט ווייס איך, די סאָוועטן
זענען אַרײַן אין שטעטל קאַושאַן),
איך זינג ״טרעיִאַסקע רעזשעלע״[1], מען קאָן
דערפֿאַר מײַן טאַטן אַרעסטירן...

בעטן
דאָס קימפּעט־בעט האָט מען געבעט בײַם זיידן,
בײַם מאמין, בײַ דעם קראַוִטאָר[2] סרול פּיקס,
די מאַמע ליגט אין קימפּעט. ״כ׳וועל דער טייטן, –
זאָגט שמיל צום שווער, – אויב ד׳יִידישסט אים״. (באַשניטן
בין איך געהיים געוואָרן).

---

[1] «Trăiască Regele» – דער רומענישער הימען ״זאָל לעבן דער קייסער״
[2] שנײַדער (רומ׳).

די ״שעה איקס״

ברעכט אויס, דער דײַטש באַמבירט שוין. אויף צו ברעכן
איז מיר פֿון אַזאַ וועלט...

טאַדזשיקיסטאַן,
די שטאָט רעגאַר מיטן אַריק און קעמלען,
און הונגער... ס׳הערט ניט אויף אין מאָגן קלעמען
און נאָגן... זאָל זי אונדז דאָס לעבן נעמען –
דעם זון און זיך אַליין? – באַטראַכט מסתּם
די מאַמע – ווײַל איר שמיל, זעט אויס, שוין ניט וועט
זיך אומקערן פֿון קריג צוריק...

...אין קימפּעט
די מאַמע ליגט. ס׳איז פּסח. אויף דער וועלט
איז אַלץ שוין גרייט צום צווייטן וועלטקריג. ס׳בילט
דער הונט בײַ אונדז אין הויף, ער האָט דערפֿילט:
אַ פֿרעמדער
צוגווינט צווישן די טריקנדיקע העמדער
און גאַטיעס אויפֿן שטריק.
עס גייט אַרײַן – לאָזט אָן אַ צימער שײַן –
און שטעלט זיך אינגר־ניראהדיק די שכינה
איבערן בעט, מיט איר פּלאַנעטן־צאָפּ
(צעפֿלייצט ווי בײַ דער שבת־שיקסע לינע)
און צײַגט אויף פֿינגערשפּראַך:
– דו האָב אים, רוכל, האָב...

7.4.2013

דער בלאָז־אָרקעסטער, אויגוסט 1980,
אינעם לײַפּציגער פּאַרק "קלאַראַ צעטקין"

דער בליץ פֿון דעם קופּער־וואַלטאָרן – דעם ווילדן וואַלדהאָרן
אינעם כאָר פֿון טרומייטן און פֿלייטן, דער טענאָר־טראָמבאָן
העט אויבן איבער דער פּויקן־גרופּע, און צימבל, און טעלערס,
און רויטע און ראָזעווע אָפּגלאַנצן אויף די קופּלען מיט ביר
און אויף אײַזקרעם־פּאַפּירלעך און שפּילעכלעך בײַ די צניפּלעך, בראַסלעטן
און איידלשטיינער אויף די הענט, אויף די בריסט בײַ די פֿרויען
מיט פֿריילעכע קינדער – מיט זייער אייביקן צושטיין צום פֿאָטער
און אַרומלויפֿן צווישן די בענק.

איך זיץ אין דער ווײַטנס, אין שײַן, אויפֿן ברייטן גאַזאָן
מיטן אונטערגעשאָרענעם גראָז, צעשפּרייט מײַן לוקסרעקל
און אַראָפּגעצויגן – אַ מחיה – די שיך, און פֿאַרקאַטשעט די הויזן –
און איך הער מיר די עכטע זעקסישע טרינקלידער: "Alt wie ein Baum",
"Solang man nüchtern ist" און "Rätätä",
און איך גלײַך אויס די באָרוועסע פֿינגער און טראַכט ניט פֿון גאָרנישט,
און די טרערן איבערן פּנים גיסן זיך מיר.

טוריזם-86

אינעם שיינעם עקספּרעס "אַרלינגטאָן־פּערלאַשעז" ווו מיר פֿאָרן,
גיט מיך אַ פֿרעג אין passageway אַ פֿרוי פֿון דזשאַנקוי,
צי ס'איז אמת, אַז דײַטשן
זענען גרויסע געלערנטע? נעמט, זאָגט זי, דעם ראָבערט קאָך –
אַ באַנדיט, האָט ער צוגעטראַכט ווייסט איר דען וואָס? דעם באַציל
TBC, אַ מין שטעקעלע אָנצושטעקן אַ פֿאָלק מיט טשעכאָטקע.
אַלע אומגליקן זענען פֿון זיי!

– נאָר פֿון זיי, מאַדאַם? און די האַרבסטיקע אַנטיציקלאָנען,
דער שניי אָנהייב מײַ, די אַטלאַנטישע וויכערס, דער שטראָם קוראָשיאָ,
און מאַיאַמי מיט זײַן ווילדן צונאַמי?

– יאָ! – כאַפּט זי אונטער,– די זאַמדיקע שטורעמס, די היץ וואָס פֿליט אָן
פֿונעם דרום,
מיר וייסן פֿון וואַנען! די ווינטערס וואָס מיר בלײַבן אָן שניי?
און איצט נאָך דער קאָמעט, דער האַליי...
אַ מין סופּער־זעניטקאַנאָן – און ר'זאָל זיך דרייען אָן אויפֿהער! –
וואָלט אפֿשר געהאָלפֿן קעגן זייערע כלומרשט "סטיכיייִשע גזירות",
אַ האַרמאַטקויל – און אויס מיט די היישעריקן; אַ קויל
אין פֿאָלאַרשטײַן – און אויס מיטן שמוציק־יאַפּאַנישן פֿילם "בעליִע נאָטשי"
אויפֿן צווייטן קאַנאַל; אַ סנאַריאַד אויף די זעקס־זיבן אינדזלען
אין אָקעאַן – און אויס מיט די ערד־ציטערנישן אין טאַשקענט...
און אײַנריכטן אויפֿן פֿראָסט־פּאָלוס אין ווערכאָיאַנסק
אָן אַנטי־סופּערזעניטקע, פּשוט און פּראָסט,
ווײַל מע קען דען הײַנט וויסן – ווּעמען פּלוצעם און ווען
ניט געפֿעלן וועט אונדזער מונטערער רוסישער פֿראָסט...

איך שטיי אַ פֿאַרלאָרענער: כ'זאָל איר זאָגן דעם אמת? אַז – ניין,
ראָבערט קאָך איז קיין ייִד ניט געווען.

דער כאָר פֿון די אויסגעשטאָרבענע דינאָזאַווערן אין אַ זומערנאַכט, אויף דעם טײַך פּאַכראַ[1], דעם 27סטן יולי 1984

נאַראָנים!

זיי מיינען, סע קוואַקען פֿאַרקוויטיקטע זשאַבעס –
ווי דען, אַ גוט שבת!

דער קאָסמאָס פֿילט אָן און צעבלאָזט אונדז די אויערן־פֿעכערס!
איר, מערדער און הענקערס,
וואָס איר שינדט אונדז, שנײַדט אויף אונדז די פּולקעס,
פֿאַרקאַטשעט די הויט אונדז ווי זאָקן,
אויספֿאָרשנדיק אונדזער נשמה, דעם גוף־נס,
אונדז דערקלאַפּנדיק מיט עלעקטראָשאָקן,
באַקומענדיק Doktor Honoris ,מעדאַלן, פּאַטענטן,
און זיך אויפֿשטעלנדיק אויף די גרויליקע מאָנומענטן –
איר מיינט, שוין געכאַפּט האָט איר גאָט פֿאַר די ביידע... קוואַזאַרן?
וואַרפֿט קאָרטן, חכמים: ווו זשע זענען אַנטרונען – מיט אַ מאָל – דינאָזאַווערן?
גראַוויטאַציע, זאָגט איר?
ראַדיאַציע, זאָגט איר?
מוטאַציע?
קאָן זײַן. בײַ אונדז הייסט עס קוואַ־קוואַ־קוואַ־קוואַציע.
הייסט עס, עוואַקואַציע פֿון איין ביאָלאָגישן אַרט
אין אַ צווייטן.
קאָנסערוואַציע, הייסט עס: מען זיצט און מען וואַרט
אויף אַ נײַער עפּאָכע, אויסגעלאַסן און נאַקעט,
מען פֿאַרגעסט וואָס מען איז, מען פֿרעסט פֿליגן, מען קוואַקעט און כראַקעט
מיט גרין בלוט און מיט גאַל.

[1] אַ טײַך הינטער מאָסקווע.

מיר וועלן נאָך זײַן טשערעפּאַכעס און ווערעם, און עפּעס אַ זגאַל,
וואָס ס׳האָט נאָך די נאַטור פֿון אַזוינס ניט געהערט –
ווײַל אַהער, אויף דער ערד
האָט דער ווינט פֿון די שטערן פֿאַרטראָגן אונדז, דער אייבערשטער דעך,
און פֿאַרברענט איר דאָס לעבן אויפֿן פּלאַנעט –
קאָנען זײַן מיר פֿון שטיין און פֿון בלעך.

נאַראָנים!

גיט אַ קוק וואָס סע טוט זיך דאָ זאַמד – ס׳איז קיין זאַמד ניט, ס׳איז רויג...

און בײַ נאַכט, ווען דאָס גרויסע, מיט ווינעס ווי גאָלדשטראַלן, אויג
טוט אַ לאַנגזאַמען ווונק צו אונדז – און מיט זײַן אַלטן רענטגען
ע ר אַנטפּלעקט אין די נעבעכלעך גופֿים דעם פֿאַרוואָרצלטן גען,
די געצײַנדלטע פּלייצעס, דעם קאָנטור, דעם אָפּדרוק פֿון גאָט –
קאָן געשען דאָ אַן אומגליק, אַ קאַטאַקליזם: און אָט
גיט זיך עפּעס אַ ריר אין די שטערן, די ווינטיקע ריטשקע
גייט אַרויס פֿון די ברעגן – און דעם שטײנערנעם טײַכבעט לענג־אויס
שפּאַנט אַ טשאַטע, אַ הורט פּאַטריאַרכן, זיי ברילן און ריטשען
און צעטרייסלען די ערד און די שטרויכן
מיט דער נאַכטיגאַל הינטער פּאָדאָלסק...

ווילדער ספּאָרט

אַך, דאַניע נאַדעזשדין, מײַן ייִדישער חבֿר, צי ביסטו נאָך יונג
און פֿריילעך, צי באָדסטו זיך נאָך אין דער שנייִקער לאַווע?

מײַן דאַניע נאַדעזשדין, דער ״מאָרזש״[1], האָט געגעבן אַ שפּרונג
אין אַן אײַזלאָך, אין מאָסקווע־טײַך – און אויפֿגעטויכט אין אָטאַווע.

אָט שטייט ער דאָרט נאַקעט ווי ס׳האָט אים די מאַמע געהאַט,
און גלאָצט, און ס׳בליצט אויף אים אין קאָפּ שוין אַ שפּעטע השערה,
אַז בעסער וואָלט׳ס אים אַרויסגעוואָרפֿן אין לענינגראַד,
און נאָך בעסער – ווען ער פֿאַרטוקט זיך אין ווײַן, דער מאָרזשאָווי[2].

איך לייען זײַנע לידער מיט זייער אײַז־קלאָרן קלאַנג –
ווער דאַרף זיי דאָרט האָבן? זיי צעגייען זיך ווי פּיצלעך קריִעס.

אַך, דאַניע נאַדעזשדין, צי דאָס איז געווען דײַן פֿאַרלאַנג –
צו בלײַבן אַליין און באַזינגען פּאָלאַרישע בריאות?

אַך, דאַניע נאַדעזשדין, די טײַכן פֿאַרציִען זיך שנעל,
סע קלאַפּט זיך פֿון אונטן אַ ים־צויג צו דיר, אַ פֿאַרשווומענע נערפּע...

און ס׳שטייט ווי אַ ספּײַגלאַס פֿאַרצויגן מיט אײַז דער טונעל,
וואָס ס׳האָט איבערגעלאָזט אין דעם ערדגלאָב דײַן מעכטיקער קערפּער.

---

1 ים־פֿערד (רוס׳). אויך: אַ מענטש וואָס באָדט זיך אין אַ פֿאַרפֿרוירענעם טײַך.

2 אַ גראָבער עקוויוואַלענט צו דעם ייִדישן וואָרט "נאַר" (רוס׳).

מיטל־עלטערלעכע פּאָנטאַנען

מען באַטראַכט, מען שטייט און קלערט,
מען דערוואַרט דעם קעניגס שרײַער:
אויף די גאַסן, טיף פֿון דר׳ערד
קלאַפּן דינע שטראָמלעך פֿײַער.

שפּריצן זיי אַ וואָך, און צוויי –
נאָר ער קומט ניט אַלץ, דער רײַטער.
מען געוווינט זיך צו צו זיי
און מען לעבט, ווי ס׳פֿירט זיך, ווײַטער.

מען פֿאַרמײַדט זיי, מ׳גייט בײַ זײַט
פֿון די פֿײַערדיקע לעכלעך –
מען באַמערקט ערשט מיט דער צײַט
שוואַרצע פֿלעקן בײַ די קנעכלעך.

ס׳קומט דער שניי, אַוועק די גלוט –
און מען שפּאַנט, מען אָטעמט פֿרײַער,
און מען פֿרייט זיך נאָך, וואָס פֿײַער
שפּריצט פֿון דר׳ערד – און ניט קיין בלוט.

פֿונעם קורגאַן

כאַן באַטועס אַן אויפֿרוף צום פֿאָלק, צום געבילדעטן טאָטער:
״טשינגיז־כאַן איז געווען אַ וואָיאַקע, אַ גראָבער דיקטאַטאָר.

היינט, איר זעט עס אַליין, איז די זון אויפֿגעגאַן אויפֿן מערבֿ,
ווי פֿאָרויסגעזאָגט האָט אולוגבעק, אונדזער משׂכּיל און קרובֿ.

היינט פֿאַרגיסט מען דעם באַק ביי די טאַנקען מיט אָדעקאָלאָנען,
און מע עפֿנט די שליוזן, די רחבֿות, די שיינע קאַנאַלן.

די שלאַבאַנען ביים איבערפֿאָר טראָגט מען אַראָפּ – זאָלן פֿאָרן
אַלע אויטאָס און צוגן אָן שטערונגען, ס׳וועט אונדז ניט אַרן.

קיִעוו בלייבט ביי דעם דניעפּער. פֿערדנפֿלייש: אַ באַזונדער פּאַראַגראַף.
אַ באַזונדערע ראָלע וועט שפּילן דער קינעמאַטאָגראַף.

מאַראַדאָנאַ, צוויי גאָלדענע פֿיס מיטן באָל, ווערט אַ טאָטערשער נאָמען.
ווער ס׳איז שוואַנגער מיט ייִנגלעך זאָל קויפֿן אַ פֿאָטאָ פֿון מאַראַדאָנען.

פֿילאָסאָפֿיע, לאָגיק: פֿאַרווערן טעיאַר דע שאַרדענען.
שעפּסנפֿלייש: אַ באַזונדער רעספּעקט וועלן האָבן די וועגעטאַריאַנער.

מעדיציך־דינסט: דעם טויט קאָנסטאַטירן אַלס temporary state[1]
רינדנפֿלייש, הינערפֿלייש, קראָליקפֿלייש, ווי אויך הונטפֿלייש...״

---

[1] צייטווייליקער צושטאַנד (ענגל׳).

צו דער נאַטור פֿון די חפֿצים

דו האָסט פֿאַרראָטן מיך, פֿאַרמאַכט
די טיר נאָך זיך – אַרויס אין נאַכט.

און אויפֿן דיל, באַלויכטן שוואַך,
האָב איך דערזען די מאָדנע זאַך.

דו האָסט פֿאַרלוירן זי, פֿאַרלאָזט,
ווען פֿונעם טיש געכאַפּט דו האָסט

דײַן פּאַס – און ז׳איז געלעגן שטיל,
געברענט, געשימערט אויפֿן דיל.

כ׳האָב זי אַרומגעוויינט, אַרום...
און אין דער פֿרי דערזען אַ בלום.

אַ וואַזע טײַערע געבראַכט,
אַרײַנגעשטעלט... און ערשט פֿאַר נאַכט

באַמערקט דעם נס: אַ גאָלד׳נע שטײַג
מיט אַ זינגפֿויגל אויף דער צווײַג.

ער האָט געזונגען אָן אַ סוף
מיר ביזן שלאָפֿן און אין שלאָף.

און ווען כ׳האָב שפּעטער זיך דערוואַכט –
אַ מלאך גייט אַרום און לאַכט.

צי אפֿשר ביסטו דאָס אַליין
נאָך דײַן נשמה קריק געווען?

אָמן...

*

אַ לופּטיק בולבעלע אין קאָפּ
הענגט ווי אַ טרער און שײַנט אַראָפּ
אין תּהום, אין מאָנסטערישן חושך.

ס׳איז שטיל אין גיהנום. וואָס זשע רויש איך
מיט צווייי, ווי צווײַגן, בונטע הענט?

פֿון מענטשנהויט זענען די ווענט
אַרום דעם פּלאָם אַרומגעצויגן.

בלײַב שטום. ווער טויט. פֿאַרמאַך די אויגן
און הער זיך צו: צי הענגט נאָך ער,
דער לעצטער טראָפּן ליכט, די טרער?

ET LUX PERPETUA...

– Hello! – זאָגט ביל. – How do you feel? – זאָגט עלאַ, און

און דאָ הייבט זיך אָן אַ מסוכנע שפּיל.

שוין לאַנג נאָך איר לעבן, שוין קורץ פֿאַר זײַן טויט
גייען זיי ביידע בײַם בלויִיקן פלויט,
וואָס טיילט אָפּ צוויי וועלטן, ווײַל דער הוראַגאַן
האָט דיבאָם געשטעלט אים – דעם אָקעאַן.
דעם גרויסן פּאַציפֿישן אָקעאַן.

לענג־אויס די פּאַלמעס די שטילע, פֿון רעכטס,
דעם ברעג פֿון לאָס־אַנדזשעלעס, לאַנג ווי אַ קרעכץ,
דעם וועג פֿון מלאָכים, וואָס הויך איבער זיי
פֿליִען מיט גוואַלדיקע שפּרונגען, ווי פֿליי, –
גייט ביל מיט זײַן עלאַ – און אַלץ איז O.K.

איר האַרץ – אַ מין קליינטשיקער זינגט גראַמאָפֿאָן,
זײַן האַרץ – אַ מין ווינטיקער פֿײַפֿט סאַקסאָפֿאָן,
איר האַנט אויף זײַן היפֿט, זײַן – אויף אירע בריסט.

איז וואָס פֿאַלט אים אײַן, אָ דעם סאַקסאָפֿאָניסט?

אַז אין זייער זיסן ווי האָניק דועט
וועט זי הייסן – מאָניקאַ, הייסט עס, זי וועט
אין White House קומען צו אים, און דערפֿאַר...
(ער ווײַזט איר אין בוזעם בײַ אים – אַ סיגאַר).

גוואַלד! – הייב איך אויף אַ געשריי, – אוי, אַ בראָך...

אַ שעה מיט אַ תּקופֿה, ווי כ׳גיי זיי שוין נאָך
אַ טריט נאָך אַ טריט און אַ הויז נאָך אַ הויז
ביז ״אַלענבי 40״, און ווײַטער, לענג־אויס –
שוין אַליין, און מײַן מלאך (אַז ס׳גיט אים אַ ביס
אַ פֿלוי) טוט די בלוי מיטן פֿליגל אַ ריס,
אַנטפּלעקט מיך העט אונטן (you may look at me, please!)
און זעט, ווי דאָס לעבן שוין נימאס מיר איז.

פֿונעם זיבעטן שטאָק

אַ טענצער הייבט אויף אין דער לופֿטן זײַן באַלערינע
און דרייט זי, און וואַרפֿט זי, און בייגט.
אַ יונגער ארטיסט אין קינאָ קושט די בלאָנדע קראַסאַוויצע, קושט זי.
אַן ענטאָמאָלאָג איז רויט (פֿון דעם קלעווער אין פֿעלד) ביז די קני,
און דופּטיק, און געל ביזן קאָפּ – פֿון די פֿלאַטערלעך, גזלן!
אַפֿילו דער פֿוילער דאַנטיסט, ווען די צונג בײַ דעם חולה
שטערט אים אַרײַנזען,
טוט אַ ריר זי: ״מאַדאַם, אובעריטיע״[1].
אַפֿילו דער פֿליִער נעמט אין הימל דאָס קאַרטל אַרויס
און גלעט זײַן נאַטאַשע, אירע גאָלדענע האָר, אירע ליפּן.
אַפֿילו אַ יעגער מיט זײַן צעשויבערטן הונט.
אַפֿילו אַ קוילן־גרעבער צווישן פֿרעמדע נאקעטע אַקסלען.
אַפֿילו אַן אַרעסטאַנט.
דאָס שנעקל אַפֿילו, דער קינאָ־סמאַרקאַטש וואָס גלעט זײַן בלאָנדינקע,
באַטאַפּט...

איך זע מיך אַרום: איך באַריר אויף די וועלט –
כ׳זיץ און בײַס דעם עק פֿונעם בלײַשטיפֿט!

דו, בידנער טרווער, אַלצדינג וואָס דו קאָנסט –
נעם דאָס אָקערשט פֿאַרשריבענע בלעטל
און שנײַד פֿון אים אויס אַ פּאַפּירענע טויב, און טו זי אַ פּאָכע אַרויס
אין פֿענצטער, אין לופֿט, אין די ביימער, דו שמאָק
פֿונעם זיבעטן, גליקלעכן שטאָק.

---

[1] נעמט אַוועק (רוס׳).

פּאַראַפּראַז

מאַן דענקמול שטייט אין שווייבט – אַ סלופּ פֿין רויך, אַ חולעם.
ניט ציגעלייגט קיין האָנט – כ׳האָב אויסגעזיפּצט זאַן גוף
אין אויסגעטרוימט זאַן שטאָף – אין אָט: אַ הוילער גולעם
שטייט שווייבט ווי אַ קאָנטור, אין שווימט צי שטיקלעך איף.

אַן אַקסל אין דער לופּט פּליט ווי אַ טויטער פֿויגל
צו גאָט; די רויטע נוז צעגייצעך אין לאַזור,
ווי שניי אינטער די פֿיס באַם אָקס; דוס פּורל אויגן
– צוויי פּלאַטערלעך – פֿאַנגט אָן דעם טאָנץ־דועט ל׳אַמור.

איר וואַרט, אַז קופּער קלינגט אינטערן ווינט... אַ מושל!
פֿין שטרוי כאָטש, צי פֿין האָלץ ווען כ׳זע מאַן דענקמול שטיין!
ניין, שוואַרצע טראָנטעס רויך קאַניוטשען אַף שטים־לושן –
דער ייִדישער פּאָעט, ווּס רעדט צי זעך אַליין.

זאַן שאָלעש – וויסעך ווּס! – כאָטש נעם אַליין אין פֿיר אים
צים דענקמול באַ דער האָנט, דעם בער אַף ראָש־השנ׳...
״עקס הומילי פּאָטענס...״[1] אָבער *בעלוי דיבירים*,
ווי ס׳גיט נאָך אַנט אַ זוג דער ייִד אין קאַושאָן.

---

[1] "Ex humili potens... " (האָראַציוס). אין דעם קאָנטעקסט: ״פֿון אַ פּראָסטן אָפּשטאַם – דערהויבן״.

בנות־חלומות

וי מען שלאָפֿט אָן בײַסטרוקעס, וואָ־ס׳ניט־איז, ווען־ס׳ניט־איז,
שלאָף איך אָן מײַנע לידער
אין די זוניקע סקירדעס, אין האָטעל "Stadt Berlin", אויף די פּלאַזשעס
און פֿאַרזאַמלונגען, אינעם מעטראָ "קאָמסאָמאָלסקאַיאַ", פּיקצײַט
אָדער טיף אין דער נאַכט, מיט אַ פּרוי בײַ דעם אַקסל, מיט כאָפּטעס
מטורפֿים אין לעצטן וואַגאָן, אָדער איינער אַליין
אויף דער וועלט, ווען פֿון אָנמאַכט פֿאַרקלעפּן זיך זיס מיר די ווִיעס –
און דאַן זע איך און פֿיל וואָס איך וויל... און דאָס קול פֿונעם הימל
דערוואַכט מיך צי אפֿשר דער דיקטאָר, אָדער, ס׳מאַכט זיך, אַ רעגן,
צי אַ שטילע מינוט.
און איך עפֿן די אויגן, און – מיט אַ מאָל, ווי געשטאָרבן
און געבוירן געוואָרן אויף עפּעס אַן אַנדער פּלאַנעט –
פֿאַרגעס איך מײַן חטא...

גאָט זאָל מיך שטראָפֿן, און וויפֿל פֿון זיי
בלאָנדזשען הײַנט נאָך אַרום אויף די וועגן, אויף צוויי
אָדער דרײַ קאָנטינענטן – נאָמענלאָזע, פֿאַרלאָזטע יתומים...

נעבן שטעטל פּלאָרעשט האָב איך לעצטנס באַגעגנט מײַן טאָכטער –
אַ בלאָנדע פֿאָעמע פֿון די 60ער יאָרן, געבוירן בײַם באַלטישן ים:
אין אַ פּרויעד־בריגאַדע, צוזאַמען מיט אַכט מאָלדאַוואַנקעס
האָט זי אויסגעיעט פּאָמידאָרן מיט די הוילע צעריטשעטע הענט.

אויפֿגעהויבן די אויגן – און מיך ניט דערקענט.

און איר נעבעך...

איך פֿאַרמאַך זיך אין שטוב – נ׳מיטן טאָג מאַך איך נאַכט
איך פֿאַרצי אַלע פֿענצטער
פֿאַרלעש אַלע לעמפּ
פֿאַרשפּאַר זיך
אין שאַפֿע

קו־קו!

כ׳קריך אַרײַן אין אַ שיכפּושקע, מאָדעל "סקאָראָכאָד"
אין דער סאַמע נאָז טופֿליע
כ׳פֿאַרזשמורע די אויגן

כ׳וואַרט

מיט אַ מאָל טוט אַ בליץ אויף דער ה׳ צבֿאָות – ווי אַ קינאָמעכאַניק
נעמט ער מיר דעמאָנסטרירן פֿרעמדע לאַנדשאַפֿטן און ניט־היגע ווענס,
און כ׳פֿאַרצייכן אויף גיך אין דער פֿינצטער אין מײַן געלן העפֿטל
אַ באַרג וואַסער, אַ חזיר
מיטן וויאָלאָנטשעל אין די קאָפּיטעס, אַ הון מיט דרײַ שווענץ...

און דאַן לייענט איר, איר נערווירט זיך און פֿרעגט מיך:
וואָס הייסט דאָס, וואָס הייסט יענץ?

אַ ליטעראַרישע דערשײַנונג

לעוו בערינסקי איז אַ ליטעראַרישע דערשײַנונג, וואָס לאָזט זיך ניט אַרײַנקוועטשן אינעם סדום־בעטל פֿון דעפֿיניציעס. ער שרײַבט אויף רוסיש און ייִדיש, וווינט אין ישׂראל אָבער באַקאַנט איז ער מערסטנס אין דײַטשלאַנד. אַ דיכטער אין זײַן עצם און מהות, איז ער אויך אַ באַגאַבטער איבערזעצער, זשורנאַליסט און עסייִסט. זײַנע ווערק זײַנען צעזייט און צעשפּרייט איבער כלערליי פּעריאָדישע פּובליקאַציעס אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן, אָבער סטיליסטיש און אידעיִש זײַנען זיי אַלע טיילן פֿון איין גרויסן טעקסט.

בערינסקי איז אַ מאַרגינאַלע ליטעראַרישע פֿיגור, און דאָס איז אַ פּאָזיציע, וואָס ער קולטיווירט מיט גרויס התמדה זײַן גאַנץ לעבן. <…> אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט ער געצויגן זײַן חיונה פֿון איבערזעצן רומענישע און דײַטשישע ליטעראַטור. דער עיקר, די ווייניק־באַקאַנטע מאָדערניסטישע דיכטער. <…> ער האָט אַנטפּלעקט פֿאַרן רוסישן לייענער די טשערנאָוויצער שיטה פֿון דײַטשיש־ייִדישער דיכטונג און די רומענישע פּאָעטן, וועלכע האָבן אָפּגעהיט זייער אינערלעכע אומאָפּהענגיקייט בעת דער טשאַושעסקו־תּקופֿה.

אויף דער שוועל פֿון די 1980ער יאָרן, אין דער סאַמע מיט פֿון ברעזשנעווס ״סטאַגנאַציע״, האָט בערינסקי זיך גענומען שרײַבן ייִדיש. אין יענער צײַט איז דאָס געווען אַ דרייסטער זשעסט, וואָס דערמאַנט אָן יעקב גלאַטשטיינס באַרימט געזעגענונג־ליד ״אַ גוטע נאַכט, וועלט״. צו ערשט, האָט בערינסקי אַפֿילו ניט געקענט דעם אַלף־בית, אָבער די פּרעכטיקע בעסאַראַבישע ייִדישע שפּראַך פֿון זײַן קינדהייט האָט געלעבט אין אים.

די גאַנצע טראַדיציע פֿון ייִדישן מאָדערניזם האָט באַקומען איר המשך אין בערינסקיס דיכטונג. אים איז ספּעציעל צום האַרצן דער דרומדיקער, פּאָדאָליש־בעסאַראַביש־רומענישער צווײַג; די ליניע, וואָס ציט זיך פֿון די בראָדער זינגער דורך גאָלדפֿאַדען צו יעקב שטערנבערג און איציק מאַנגער, און ווײַטער צו אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט. אייניקע קריטיקער האָבן אויסגעטײַטשט בערינסקין ווי מאַנגערס אַ יורש, אַ פֿאָרשטייער פֿונעם ״ייִנגערן״ דור פֿון ייִדישן אַוואַנגאַרד.

אָבער די דיכטונג פֿונעם ייִדישן מאָדערניזם – בפֿרט מאַנגער, קולבאַק, האַלפּערן, מאַרקיש – איז בלויז איינער פֿון די קוואַלן פֿון בערינסקיס שעפֿערישקייט. זײַן סטיל, געהויבן און איראָניש, ביטער און סענטימענטאַל, דערקענט מען פֿון די סאַמע ערשטע שורות. און וועגן וואָס ער זאָל ניט שרײַבן, קומט ער אַזוי אָדער אַנדערש צוריק צו זײַן הויפּט־טעמע: גלות, גירוש, עמיגראַציע, עליה. זײַן אויער דערקענט אָפּקלאַנגען פֿון די דאָזיקע מאָטיוון אַפֿילו אינעם ווײַטן אַלטערטום, בײַם באַרימטן ״אַלטרוימישן גוי״ פּובליִ אָווידי נאַזאָן, וואָס איז געשטאָרבן אין גלות בײַם שוואַרצן ים און געוואָרן דער אורזיידע פֿון דער רומענישער ייִדישער דיכטונג.

מיכאל קרוטיקאָוו, מײַ 2011

וועלטמאָדעל – קאַושאָן:
Big-Bang, קלאַסנקאַמף, לאַפּאַצאָן



לייב ב., 5 חדשים

7טער טאָג פֿון דער 2טער וועלט־מלחמה

ויברך אלהים את יום השביעי...

40 יאָר פֿרידן

אויף צו קלעפּן פּאָעזיע דאַרף מען קיין חכם ניט זײַן.

אָט אַזוי ווי איך זיץ מיר אין גאָרטן און קוויק זיך מיט קאַרשן,
שווימט מיר אויף אין זכּרון, פּוץ בליץ שנעל,
דאָס פֿאַרגעסענע ווערטעלע:
– ריצנאייל!

– ריצנאייל! – פֿלעג שרײַען דער טאַטע, און באָבע סימע
איז שוין געלאָפֿן צו דעם אַפּטייקער, צו ריצעסן: היילן
האָט נאָך דער גריך ניט דערגרייכט, אָבער געבן אַן עצה – דאָס יאָ!

– ריצנאייל! – פֿלעג רײַסן די האָר אויף זיך מומע ציפּע
און זוכן דאָס פֿלעשל, און איבערקערן די שטוב.

– ריצנאייל! – זעלבסט מיר האָט דער ייִדישער כּישוף־שפּראַך אמת געגעבן
ביז הײַנט צו דערלעבן
און גליקלעך אין גאָרטן צו זיצן אונטער די קאַרשן
און נאַשן,
זיך מאַכן משוגע,
זיך נאַרישן,
וויצלען
אַרום וואָס? – אַרום ריצנאייל...

אַגבֿ: אויפֿגעוואַקסן בין איך אויף מאַקוכע, וואָס ווילט איר פֿון מיר?

ייִדישער פּאָציפֿיזם

מײַן טאַטע, אַ צושנײַדער, האָט געלערנט שיקע דעם קרומען
צושנײַדן אַ פּאָר הויזן – נײַען האָט יענער געקאָנט.
אין אַ מין צוויי־דרײַ שעה, שוין גליקלעך, פֿאַרזאָרגט אויף דער עלטער
מיט אַ זאַט שטיקל ברויט, פֿרעגט אים שיקע פֿאַרחידושט:
– זוג, *שמיל*,
ביסט אַזאַ באַ אינדז ווייסער, אמת אַ גראַמאָטנער מענטש,
איז אין ווּס איז דער קוועטש, וו'זוי זשע ווסיאָ־טאַקע פּליט די ראַקעטע
זעמליאַ־וואָזדוך־זעמליאַ?

און ער האָט מיט די דלאָניעס געוויזן
אונדזער ערד, און דעם הימל, און העכער – שוין ווידער אַן ערד?

ענטראָפּיע

וואָס ווייסט ער – דער ייִדליק, דער פּינע־טאַנדעטניק – פֿון ענטראָפּיע?

איך, בר־סמכא און משׂכּיל, בין אים פּשוט מחויבֿ דערקלערן...

איז הער:

האָסט שוין ציגעגרייט, זוגסטי, צים נייען דעם קליפּט –

אויסגעשניטן דעם קאָלנער, די פּאַכוועס,

אונגעווייקט, ווי סע קער צי זאַן, לאַוונט,

פֿאַרסיליעט, געשטעלט דוס מאַשינדל –

אין דו וואַזצעך אַרויס, אַז די פֿיידים טויגן צים טרען!

ענטראָפּיע – איז פּינקט אָ די בייזע בהלה, ווּס דען?

ס'איז פֿאַראַן אַ פּראָצענט – 20, 40 פּראָצענט ענטראָפּיע.

קימסט, למשל, אין קימפּעטהיים צי דאַן לייקען – זי אופּנעמען

מיטן מזיק אינייִנעם: אַ טאַקסי, אַ בוקעטיק... איז ווּס

קלערצעך איך? – אין דוס איז שוין 50 פּראָצענט ענטראָפּיע! –

אַז ז'האָט ווידער אַ מיידל געהאָט... נאָך דערצי אַ קורנאָס!

ענטראָפּיע – איז אינדזוער אייביקער בראָך אין פֿאַרדראָס.

ענטראָפּיע – איז דער סוף פֿין אַ מענטשן, אַ שטערן.

ענטראָפּיע איז – נײַער אונהייב, אַ בראשית־מאָמענט.

ענטראָפּיע – זאָלסט מעך אפֿשר בעסער פֿאַרשטיין – איז

אַ צעשאָטענער אָלעף־בייס – אָבער נישט סטאָם צעשאָטן,

נאָר צעשאָטן ווי פֿליי אַפֿן הינט – אַף 100 פּראָצענט!

אַגבֿ: נעכטן ז'דער הינט מיט די פֿליי אופגעפּייגערט

באַ דאַן שוכן, דעם זנבֿ יאָסקע־קורנאָסן, ווּס ער גיצעך אויס פֿאַר אַ דאָצענט.

דער אָנגעווירענער אידעאַל
(אַ צוגאָב פֿון כאַסיע אָבאָל צום מיליץ־פּראָטאָקאָל)

"הײַנט, דעם 16טן מײַ, אין דער פֿרי, זענען מיר צוגעפֿאָרן
צום טײַך, און פֿאַרוואָרפֿן די ווענטקעס, אויף וויפֿל כ׳געדענק –
אַ קליאָנאָווע צווײַג,
אַ שפּאַציר־שטאָק, אַ שירעם,
אַ מאַגנעט־לאַסאָן – פֿאַר באַרינגעוועטע פֿייגל צי שלענג.

נאָר דער טײַך איז ווי אויסגעשטאָרבן געווען:
קיין פֿישל, קיין קאַטשקע, קיין פֿראָש.
חיות־ריין.

אין אַ שעה אַרום עפֿנט יאַן טאָפּאָראָווסקי, מײַן אידעאַל,
דעם ליקער, טוט אַ שלוק און אַ שפּײַ אויס, אַ שלײַדער ס׳אַלבאַנישע פֿלעשל
אינעם טײַך – תּיכּף, ווי אין אַ שרעקלעכן חלום,
ווערט דאָס וואַסער פֿאַרגליווערט, פֿאַרגלעזערט, פֿאַרכאַפּט ביזן דנאָ –
דאָס געוואַלדיקע שטיק פֿון דער אײַזנבאַן־בריק ביז דער טערמאָעלעקטראָסטאַנציע.
ס׳ווערט אונדז שוואַרץ אין די אויגן: אַ מין רעגן־בויגן,
אַ גראַנדיעזע פּאָדקאָווע וואָס הענגט אין דער לופֿטן
אויף אונדזערע כאַטשיקלעך,
און מיר פּרוּוון זיי דווקא אַרויסציִען – יאַן טאָפּאָראָווסקי
שטרענגט זיך אונטער מיט אַלע כּוחות ,מײַן אידעאַל...

ווי אַ ליוסטרע אַ מין, טוט זיך פֿלוצעם אין הימל אַ הוידע די הליבע –
און צעשיט זיך אויף פּיצלעך, אויף זילבער און גאָלד, און רובין...

מיר פֿאַרשטייען דעם צאָרן און ווייטיק פֿון דעם פֿישפֿאַנג־אינספּעקטאָר
און דעם שיפֿגאַנג־ביוראָ, צום באַדויערן, טרערן העלפֿן שוין ניט סײַ ווי סײַ,
נישט אונדז, נישט דער זומער־סעזאָן־נאַוויגאַציע,
וואָס די מאָסקווער טוריזם־פֿעדעראַציע
האָט געעפֿנט ערשט נעכטן, זאָגט יאַן טאָפּאָראָווסקי, דעם 15טן מײַ."

תּחית־המתים, אָדער ליאָוועס פֿאַרזוך זיך צו טרענקען

מען האָט אים פֿון אויבן דערזען – און גלײַך
אָפּגערופֿן די אַמבולאַנץ, און זיי זענען געקומען, נאָר שווימען
האט קיינער, פֿאַרשטייט זיך, פֿון זיי ניט געקאָנט, האָט מען טעלעפֿאָנירט
אין ראַטירדינסט, און זיבן שליחים אין שיינע סקאַפֿאַנדערס
האָבן אים פֿונעם דנאָ אויפֿגעהויבן, אָפּגעקאַטשעט, צעשפּרייט
אויפֿן טראָגבעט, און דאָ – ווי אַ בלעטל
נעמט ער ברענען פֿון היץ, אַזש פֿאַררויכערט, רופֿט מען אַרויס
פֿײַער־לעשערס, בחורים
מיט קופּערנע קעפּ און גאָפֿרירטע פֿאַרפּלאָנטערטע קישקעס,
און איינער פֿון דער אָכראַנע
באַמערקט בײַם אָביעקט אויף זײַן הינערברוסט אונטער דעם גראָד־שלײַם
דעם בלאָווינקן אָנשטעך פֿון אָפּל צום אָפּל

ע א
וו טל נ
ס א



און ז׳איז תּיכּף צו לויפֿן געקומען, פֿאַרנומען
אַהיים דעם קוואָליאַק, און געמאַכט אַ געלעגער דעם טיף,
און געלאָזט אים בײַ זיך אויף דער גאַנצער נאַכט –
אוי, די מײַ־נאַכט, איך עפֿן די אויגן און טו אַזש אַ כליפּ:
די זון קלאַפּט אין פֿענצטער, אַ פֿייגלכאָר זינגט, און צוקאָפּנס
אויפֿן בענקל – אַ טעסעלע קאַווע, מיט אַ פּיק זאַלץ, ווי כ׳האָב ליב...

אַ שמועס מיטן בלויזן פֿאַנטאָם
– קיין פֿלייש און קיין קנאָכן –
וועגן feedback, באָנטאָן, בירגער־חובֿ און ענלעכע זאַכן

נאָרבערט ווינער, אַ העלער קאָנטור, דער חיי־עולם־געווינער,
איז געזעסן אין פּאַרק ״ערמיטאַזש״ אויף דער שטילער פּעטראָווקע
און האָט עפּעס געצייכנט אין זאַמד מיט אַ שטעקעלע, ווי אַרכימעד.

– עקסעלענץ! – זאָג איך אים, – די קלותדיקע פּאַסאַזשירן
לאָדן איבער דעם טראַנספּאָרט גאַנצפֿרי: ניט אַרײַן, ניט אַרויס!
מײַן דערפֿינדונג איז פּשוט־פּראָסט:
אינעם דיל אינסטאַלירט מען אַ ליוק, און דער פֿירער, ווען ס׳איז אים נייטיק,
גיט אַ קוועטש אויפֿן רויטן קאָנטאַקטקנאָפּ – און די איבעריקע שיטן זיך אויס...

– פֿאַרשטייסט, – שלאָגט מיך איבער דער ״פֿאַזער אָף קיבערנעטיקס״, –
האָסט אַ ייִדישן head, נאָר די עלעקטראָניק בײַ אײַך...

– אויב אַזוי! – כ׳האָב זיך גליקלעך צעלאַכט, – איז שוין אויכעט באַטראַכט:
בײַ דעם ליוק אײַנמאָנטירן אַ הייבער, ס׳הייסט, אַ מין הענטל –
אַז דער איבעריקער זאָל זיך קענען אַליין...

– סטײַטש! – איז אַזש אויפֿגעשפּרונגען דער פֿאַנטאָם אויף די פֿיס –
ס׳אָבער איז
דער פּרינציפּ פֿון מײַן feedback! נאָר אין אײַער רוסיע, כ׳מיין...

– ניט פּרינציפּ, נאָר – excuse me – אונדזער פּרינציפּ פֿון בירגער־באַוווסטזײַן! –
האָב איך אָפּגעהאַקט די דיספּוטאַציע, אַגבֿ: שאַרף, אָבער שיין.

מײַן, קאָן זײַן, געניאַלע דערפֿינדונג

אַ פֿײַן מאַשינדל האָב איך צוגעטראַכט – ״עקאָנאָמעטער״[1].
עס דערלויבט מיר צו שפּאָרן:
לופֿט,
וואַסער
און ליכט.

מיט לופֿט און מיט וואַסער איז דערווײַל נאָך נישקאָשע, אָבער מיט ליכט...
און דאָס ליכט, זאָלט איר וויסן, איז צווייפֿאַך:
דאָס נאַטירלעכע (זון, לבֿנות און שטערן, שטורעם־בליץ, רעגנבויגנס),
און ס׳קינסטלעכע (שׂרפֿות, עלעקטריע, פֿונקען – ס׳מאַכט זיך אויך – פֿון די אויגן).

בײַ נאַכט, פֿאַרן שלאָף, שטעל איך מײַן אַפּאַראַטל צוקאָפּנס,
און אַלץ, וואָס סע חלומט זיך מיר (אויב ס׳קומט פֿאָר דאָרט בײַ טאָג)
פֿאָדערט קיין איינציקן וואָלט צי אַמפּער, פֿאַרקערט, דער מכשיר
אַקומולירט נאָך די זונשײַן (אויב ס׳אַ טאָג וואָס סע שטייט ניט קיין smog).

און חלילה סע חלומט זיך מיר אַ פּאָלאַרנאַכט,
אַ שלוכט, אָדער סטאַסיק קוניאַיעוו,
באַלויכט מיר דאָס לעמפּל מײַן חושך – און איך קלײַב זיך פֿון שוידער אַרויס.

[1] דאָס געדיכט איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ׳ 8, 1983, און מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָב איך איבערגעלייענט אין אַ מאָסקווער צײַטונג וועגן עפּעס אַ טאַקסי־פֿירער, וואָס האָט דערפֿונדן, אויסגעפֿאַרטיקט און געשטעלט אויף זײַן אויטאָ אַ מכשיר ״עקאָנאָמעטער״. זײַן פֿאַמיליע־נאָמען האָט זיך גאַנץ כּשר געלייגט אויפֿן אויער, ער וואָלט בפֿירוש געקענט זײַן אַ לייענער פֿון דעם איינציקן אין ראַטנפֿאַרבאַנד ייִדישן זשורנאַל.

צען מאָל גערעכט, אַזוי אַרום, איז געווען דער גרויסער רוסישער פּאָעט פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש טיוטשעוו (1873-1803), וועלכער האָט אין אַ ליד געשריבן: ״ס׳איז אונדז פֿאָרויסזען ניט געגעבן די אָפּקלאַנגען פֿון אונדזער וואָרט״.

צום נאַטירלעכן ליכט האָב איך אויכעט אַ מיטל:
אין סאָטשי, למשל, לייג איך זיך אונטער דער זון
אַזוי, אַז די שטראַלן
זאָלן פֿאַלן צו ערשט און צו גונסט אויף די בלעטער
פֿון דער פּאַלמע (שטעלט זיך פֿאָר ווי כ׳בין – איינציק! – פֿאַרברוינט).

די מענטשהייט ווערט, ברידערלעך, גרעסער און גרעסער, און די רעסורסן –
אַלץ קנאַפּער און קנאַפּער. דאָס הייסט, אַז מיר מוזן
זיך פֿאַרטראַכטן, מיר טאָרן
ניט באַרויבן די דורות וואָס קומען (לייענט דעם לעצטן צע־קאַ[1]־באַריכט).
אַזוי אַרום, וויפֿל, טאָוואַרישטש, דו לעבסט, דאַרפֿסטו שפּאָרן און שפּאָרן,
און פֿאַרן אַוועקגיין – ״פֿאַרגעסט נישט אויסשליסן דאָס ליכט״[2].

[1] צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמפּאַרטיי.

[2] אַ סטאַנדאַרטע אָנדערמאָנונג אויף רוסיש איבער דער אַרויסגאַנג־טיר אין אַלע מלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע אַמטן און אַנשטאַלטן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

צווײ פֿאַרשװינען

װוּס הײסט – מע האָט נישט װוּס צי זאָרגן!
זײַ גײען שוין, זײ קימען און –
אַװוּרײמל מיט דער קליאַפּע נ׳גאָרגל
אין יאָיל װוּס שרײַט אין מעגאַפּאָן.

אַװוּרום דער לאָנגער היסט אין װאַרגצעך,
אין שטײט, אין קװעטשט זיך, אין פֿאַרלירט...
דער פּעמפּיק יאָילעק אײַלט אין מאַרק זעך,
אין קלײט, אין בוד – אין פֿראָקלאַמירט!

דוס גאָנצע שטײטל, אָלע געסלעך
אין ליקלעך האָבן זײ דערקענט –
דעם װוּרעם מיט צװײ אויגן־פּעסלעך
אין מיט די פּור האָלאָבליעס הענט.

דעם יאָילעקיאָלד – װער װיל אים הערן?
אַװוּרײמלען? – מ׳קען אים שוין ניט זײן.
זאָל שוין פֿאַרשטימט דער שרײַער װערן,
דער שװײַגער – שרײַען אַף די צײן.

טשימישלי̇ע, 1960

קישמעך, יהודה, צעלוימעך, בעסאַמע מוטשאָ
(דרייצעך די פלאַט, די פּאַרקריצטע פלאַסטינקע אין גורטן)
ס׳איז דוס לייבן מיר נימעס, דער טײַך אין דער בוים, אין דער מוילעד,
אין דוס וינטל, ווּס וויל מעך נישט קישן – קישמעך, יהודה.

זײַ מיר מאַן וואַב אין מאַן פּוטער, מאַן טרוים אין מאַן קינדהייט.
זייסט אָ־דוס בינטעלע יי̇דן? – זיי זיצן אין שפּילן
שאַך. אונגעשוואָלן אין רויט ווי צוויי ווערעם אין קייווער,
קריכן צי מיר דאַנע ליפּן, קישמעך, יהודה.

גיב מיר אַ קיש ווי אַף אייביק, נ׳דער באַק, אין דער דלאָניע,
קישמעך אין טו עס – אין מאַך ווּס די מאַכסט, פּוטוס קרוטשאַ[1]...
ערגעץ טאָנצט מען, מע קישצעך, אַך, נעם די גיטאַרע, יהודה,
קישמעך, יהודה, בעסאַמע, בעסאַמע מוטשאָ!

---

[1] אַ מיאוסע לעסטערונג (רומ׳).

אַנטיקוואַריאַט

דער ייִדישער סאַמאָוואַר, ווייסט איר, איז אַ קוואַדראַטנער, פֿון האַלץ.
און דאָס קאָכעכץ, דאָס בלוט זידט אין אים, און סע סווישטשעט אַ פּאַרע
פֿון די שפּאַלטן – ווי אַמאָליקע צײַטן אַ רויך
פֿלעג אַרויסרײַסן זיך פֿון אַ פֿעסטונג, דורך די שיסלעכער...

בעת די רוסישע, עכטע מאַטריאָנאַ מיט קופּערנע בריסט
און אַ פּאָר רײַכע זײַטן שטייט אין מיטן דעם טיש און טאַנצט אונטער,
וואַרט, מע זאָל זיך צעזעצן, צעכראַסטען, צעקראַצן דאָס האַרץ
פֿאַרן ליבן זעמליאַק – און דאָ הייבט זיך, ברידערלעך, אָן
שוין יענער סטריפּטיז, טשײַ זאַסטאָלניק...

וואָס שייך מיר – טרינק איך ביר.
פֿון אַ בלעכענעם טשײַניק.

מושבֿ־לצים

אַ בראַוועד קאַרליק, הוילע מעלות,
שטעלט אָפּ צוויי דאַמעס אויף דער גאַס
און מאַכט מיט זיי קיין לאַנגע טענות:
– מאַדאַם?
זיי פֿאַלן אין עקסטאַז.

ער כאַפּט זיי אונטער מיט דער רעכטער
און מיט דער לינקער. גיט אַ רוף:
– טאַקסי!
און מיט אַ ווילד געלעכטער
יאָגט די קאָמפּאַניע – פֿיס אַרויף.

ער ברילט, ער גלעט זיי ביי דער פּלייצע,
ער פֿירט זיי מירטשעם גלײַך אין באָד...

שעקספּיר! ווו איז דײַן פּען? – ס׳איז לצים!
ווו איז דײַן שווערד, באַשווערטער גאָט?

מיטן פּולן מויל בלוט

הערשל נאַטאַנזאָן טשעפּעט צונויף
וואַגאָנען.
ניין, קיין אײַזנבאַנער איז ער ניט, פּאַרקערט, ער איז זיך אַ דאַנטיסט.
נאָר ווען איינער זעצט זיך אַרײַן אין פֿאָטעל
און צעעפֿנט דאָס מויל,
הייבט אָן הערשל
אים פֿאַררייִדן די ציין מיט זשענשען, מיט פּעליני, לאָך־נעס,
הייסט עס, טשעפּעט – ווי סע זוגט עס מאַן טאָטע – וואַגאָנען.

ווי אַ פּעלדז שטעקט דער dens molaris בײַם נײַעם קליענט,
בפּירוש אַ באַלעבאַטישער פּאָניע – און הערשל
לאָזט אין וועג די אויסערן־פּאָליטיק – אַ שווערן וואַגאָן,
וואָס ער גיט שוין אַ טשעפּע צונויף מיטן ריזיקן פּולמאַן
פֿון דער פּרויען־פּראָבלעם, און פֿאַרטשעפּעט נאָך די סעקסועלע
פּלאַטפֿאָרם מיטן קינעמאַטאָגראַף – און גיט שוין אַ מאַך מיט דער האַנט
צום מאַשיניסט, דעם מסוכּנעם קאַרליק, און יענער
טוט אַ ריס דעם שווערוואָגיקן צוג...

ווען דער קליענט
קומט צו זיך אויף אַ רגע און עפֿנט די אויגן,
זעט ער ווי נ׳אַ מיראַזש
דעם ווײַטן לעצטן וואַגאָן מיט אַ רויטן סיגנאַל־לאָמפּ,
און דעם בראַוון דאַנטיסט, וועלכער שפּרינגט איבער שפּאַלעס
און קאָן ניט דעריאָגן דעם צוג...

– אַך נעשוואַשומאַש!

סטרעס

גייעך אַרויס אינדערפֿרי אין באַגעגן דעם שוכן טשערניאַק.
שטעלט ער מעך אופֿ:
– אַ גיט־מאָרגן, מסיע נאַפּאָלעאָן!
– ביסט שוין גאָנץ אַף די מאָזגעס צעטראָסקעט?

פֿאַרדרייט ער די נוז.

– האַ, מסיע נאַפּאָלעאָן! – באַגריסט מעך אַ פֿערטל פֿאַר נאַן
מאַן שעף, אַ מענטש וווּס ווייסט נישט קיין כאָכמעס.

– גוד מאָנינג, מסיע נאַפּאָלעאָן! – שרײַט אַראַן צי מיר אין ביוראָ
דזשאָן אָקאַי, אַ לערנייִנגל פֿין גאַנע.

מייגט איר אָלע... פֿאַרברענט אין פֿאַרסאַרפּעט...

אַפּדערנאַכט, שוין דער לעצטער, זעך קאָם דערעכגעגאָנוועט
לייבן פֿענצטערל מיטן שטענדיק פֿאַרשיקערטן וועכטער,
דערגייט מיר צים סלוך, ווי דער גוי זינגט מיר נוך:
"אי אופּאַל מוי טאָוואַאַרישטש נאַפּאָלע..."[1]

אַ וועלט?... נו וווּס ווילטיר... אַ מהומע... אַן אמתער בענץ...
מישיגענע גריוון... מישיגענע גענדז...

---

[1] "איז מײַן פֿרײַנד אויפֿן שלאַכטפֿעלד געפֿאַלן..." (רוס').

פונקט געטראָפֿן

מײַן כעמיקער, וואָס איז אַרויסגעפֿאַלן פֿונעם צוג[1]
און צוויי יאָר אין די וועלדער געבלאָנדזשעט – איז בטל געוואָרן.

נעכטן קום איך צו אים, שטייט ער באָרוועס און קאָכט זיך אַ יויך
פֿון לאַקמוס־פּאַפּירלעך, אָנגעשניטענע דייקא ווי לאָקשן.

– פֿאַרשטייסט, – לאַכט ער גליקלעך, – איצטער דאַרף איך נישט טרעפֿן,
איך ווייס
וווּ ס׳איז שקר וכזבֿ – און וווּ איז דער אמתער אמת!
כ׳זע, למשל, אַן אַלטן באַקאַנטן, צי ס׳מעג זײַן אַ זשיראַפֿע,
איז גענוג כ׳זאָל נאָר גיבן אַ שפּײַ...

– וועסט פֿאַרשפּײַען די וועלט! – שרײַ איך, שוין פֿון הינטער דער שאַפֿע.

– ווידער נעמסטו זיך מישן?... גאָטס אַ נפֿש קאָן זיך תּמיד די מאָרדע אָפּווישן,
און אַ בלויזער אַסטראַל... היי, וווּ ביסטו? כרר... פּאָפּאַל!

---

[1] זע מײַן ליד ״איר זאָלט זיך ניט קושן, שפּאַצירנדיק אויף דער אײַזנבאַן״.

דאָס געבעט פֿונעם יונגן נאַטוראַליסט

13700 נאַטור־געזעצן
האָבן פּלוצעם זיך – איכה? – סינכראָניזירט,
און ווי כ׳גיב מיט די אויגן אַ פּינטל – פֿאַרפֿאַלן
אין די פֿינצטער־געהויפֿנטע וואָלקנס די זון.

אוי, ווי שטראַלנדיק, פֿריילעך געווען איז די ערד – זעט דעם הפֿקר...

מאַמעניו, טאַטעניו, גאָטעניו, עמעצער, ווער ס׳אידניט־איז,
קומט און ווענדט אום אויף מערבֿ דעם צפֿון־ווינט,
און אויב אויף דער וועלט
ס׳נאָך אין עמעצנס מעטעאָראָלאָגישער מאַכט –
מאַכט
אַן אייביקן זוניקן טאָג אויף דער שוועל פֿון דער פֿינצטערער נאַכט.

אין דאָרף

באָנע לעגאָרן, אַ מאַדאַם פֿון ליוואָרנאָ – די הון,
און דער אינדיק ל׳אַבע, דער פֿראַנצויז פֿון די צײַטן אָנעגינס,
עסקאָרטירן אין צווייען מײַן צניפֿל: דער לערער ל׳אַבע
שטעלט זיך אָפּ און צעשפּרייט אַ פּאָר פֿליגל פֿון מערבֿ ביז מיזרח,
דרייט זיך אויס און מערקט אָן – פֿונעם צפֿון אויף דרום – די וועלט,
וואָס וואַרט אויפֿן קינפֿטיקן בירגער: געאָגראַפֿיע, הייסט עס.

ווײַטער קומט ביאָלאָגיע: טוט ער דעם וואָרעם אַ פּיק
און אַ טראָג צו דעם קינד פֿאַר די אויגן – אַ בילד פֿון אַכזריות –
שוין גיכער סאָציאָלאָגיע... און די מאַדאַם
לויפֿט אַרויף אויף דער קוטשע, געפֿינט דרײַ פּאַפּשויענדלעך – נעמט
העפֿטיק טיקען אין זיי מיטן דזיוב, און זיי קנאַקן, און ס׳הערט זיך דאָרט נאָר:
דאָ־מי־סאָל, מי־סאָל־דאָ, סאָל־דאָ־מי – מאָצאַרט, אָפּוס C-dur

אויף דער שטילער דעליאַנקע,
ווו מ׳האָט אויסגעהאַקט גמור דעם וואַלד

דער אַלטער אַוורום איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט.
און ס׳איז גאָר ניט קיין וועלט, ווי עס פֿלעג זײַן אַמאָליקע יאָרן.
קוקט ער ווידער אין פֿענצטער אַרויס, זעט ניט קיינעם און קוועלט:
– שיינע זאַכן, מאַרוכאַ, דער עולם איז זיך צעפֿאָרן.

די מאַרוכאַ, די קאַץ, גיט אויף אים פֿון דער שאַפֿע אַ שפרונג
און צערוישט זיך: ״קומיאַר־מיאַקום״, הייסט עס ״גיב מיר אַ טרונק!״
– מעגסט שוין טרינקען – דו ווייסט וואָס, און עסן – וואָס איך עס אַליין! –
און ער גיט איר אַרויס פֿונעם טאָפּ – און צעלאַכט זיך – אַ ביין.

אַ פֿאַרעקשנטער טיפּ. מען פֿלעג קומען צו אים אויפֿן הויף:
די לעסניטשעסטווע, זיידע, פֿאַרמאַכט מען. זײַ קלוג און אַנטלויף.
פֿלעג ער אָנהייבן אָבער פֿון אָנהייב זײַן אייביקע ליד:
– כ׳בין אַ פענסיאָנער און כ׳בין אַ טרודאָווי אינוואַליד...

אָט אַזאַ מין פֿאַרגלייבטער, פֿאַרוויסטער, משוגענער ייִד!

מען אײַלט זיך, מען ווייסט ניט...

הערט שוין אויף! זאָל שוין אײַער אָרקעסטער ווערן פֿאַרשטומט!
וו׳הין שלעפּט איר אים, מעכלען גראַבויס, אין פֿאַרשניי, ווי אַ שאַר שוואַרצע ראָבן?
ער איז טויט? וואָס זשע איז? הייסט עס, דאַרף מען אים תּיכּף פֿון שטוב,
פֿון דער שטאָט אַרויסשמײַסן, אונטער דער ערד אים באַגראָבן?

בעסער עפֿנט דעם קאַסטן, און לאָמיר אים העלפֿן, דעם תּוך,
זיך אַראָפּלאָזן פֿון דער מאַשין און זיך פֿריילעך צעלאַכן,
און אים אָננעמען בײַ די הענט, און אים געבן די נייטיקע זאַכן,
און אים לאָזן זיך גיין – ביזן פֿרילינג וואָס בלײַבט, אַ פּאָר וואָכן, אַ וואָך?

ער וועט אָפּרוען זיך, ער וועט כאַפּן אַ דרימל אין וועג,
ערגעץ דאָ אויף דער וועלט, אויף אַ פּריזבע, דער אַלטיטשקער היטער
בײַ דעם שטויביקן סקלאַד פֿונעם לעבן־אוטיל, וואָס ער פֿלעג
ווי מציאות צונויפֿנעמען – שיינע יאָנטויוויום און לידער...

אונטער אַ קליין ביימעלע
וועט ער ווי אַ קינד
זיך אויפֿבויען אַ היימעלע
פֿון שטראַלן און פֿון ווינט.



נחומס מעשׂה וועגן זײַן הימל־רײַזע

אַזאַ גאָר מלאָכה – זיך באָמבלען אין קאָסמאָס...

שיקעס איידעמל נחום דערציילט אָבער אָט וואָס:

– כ׳פֿור מיטן פּאָיעזד ״מאָסקוואַ־לענינגראַד״,
אין אַ באַזינד׳רעם קופּע (אַנדערש שטייט אים נישט אָן!).
פֿאַרשליסעך די טיר
אין מאַך נאַכט...
אַקוראַט אַ פֿערטל אַף פֿיר –
נאַט אײַך! זיי זיצן באַם טישל אין אָכלען אַ געפּראַזשעטע הון!
דרײַ פּאַרשוינען, באַ יעדן אַ פּור פֿליגל ווי טאָרבעס הינטער דער פּלייצע... מאָדנע...
כ׳זאָל אַזוי לייבן, צי כ׳זוג ליגן!

לאַדנאָ...[1]

כ׳מאַכזעך ניט־זייענדיק, שפּיץ און מאַנעביידע ראַדאַרן.
– חענעכס פּלאַנעט, – זוגט ער,
דער איינער פֿין זיי, – איז אַ קוואַ... קוואַ...

– קוואַזאַר! – מישט זיך שיקע אַרײַן.

– וואַרטעך, אפֿשר קימט דער קאָנדוקטאָר.
נאָר דער צווייטער פֿין זיי נעמט אַרויס פֿינעם לאָץ,
אָט אַזוי, ווי דער אילוזיאָניסט אַקאָפּיאַן,
אַ מין קליין טעלע... וויי׳ז מיר, אין זיי שליסן אים אַן,
אין מיר פֿליִען שוין איבערן אָקעאַן,
מיטן טישל איניינעם, מיטן גאָנצן קופּע –
איבער טורציִע...
אַפֿריקע...

---

[1] נו, מילא (רוס׳).

אין שוין זייעך – ט׳איז ער! – דעם ווולקאַן פּע... פּע... פּע...

– פּאָפּאָקאַטעפּעטל? – פֿרעגט שיקע, – ס׳איז מעקסיקע לויט געאָגראַפֿיקע.

– אַקליאָל, עך באַמערק, אַז מיר זיצן אין טעלער, פֿין די, ווּס מע שראַבט,
אין ס׳פֿינצטער אַרום, ווי באַם נעגער אין קיילער,
נאָר העט אויבן אַ קײַלעכל שאַנט.
נו, פֿליִעך אין טראַכט: ווי זשע האָבעך פֿאַרטון, אין כאָטש ראַסזעך די פּייעס,
מאַנע לעצטע צוויי מייעס?...

– Ciao!
איצטער מיזן זיי זאַראַז צים קאָלטן סאַטורן,
– דערקלערט מיר דער מאָלעך לוטשאַנאָ, –
אין דער סעקרעטנער, אין יאָם, קאָסמאָדראָם,
– זוגט ער, – ז׳ניט וואַט, דו נעבן האַנאָווער...

שיקע שווײַגט. און גיט אַרויס פלוצעם צום גראַם:
– כ׳מיין, דוס זענען געווין גאַנוועם.

אַ נימאסע טבֿע, דאָס לעבן

קאָלומב

דאָ פֿלעג איך זיך אָפּשטעלן אין די זאַמדן, אויף דער בלוטיקער סטעזשקע
קיין בבֿל.

דאָ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין אָקעאַן, אויפֿן שיפֿבריקל "סאַנטאַ מאַריִאַ".

דאָ אין הימל שטעל איך זיך אָפּ מיטן אַעראָפּלאַן
פֿאַר מײַן בלאָוון וויראַזש אויף צוריק –
דאָ, נאָך אַלץ אויף דער ערד, אַלץ פֿאַרבײַ...



ADIO

ווײ איז מיר, ווען איך ווײס ווער דו ביסט, ווּ דו ביסט, ווען דו ביסט
אויף דער ערד – קום איך אָן און פֿאַל צו צו דײַן זוניקער פּיאַטקע.

יאָרן: זיבן און פֿערציק, נײַן און זעכציק, אײן און נײַנציק – איך לויף
איבער אומאַן און קעשענעװ, כ׳זוך דיך אין מאָסקווע, אין לײַפּציג,
אין רומענישער נאַפּאָקאַ, רוימישן בערגאָמום, נ׳שלאָף...

כ׳מײן דו הײסט אומאַהאָן, נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, אַז דו ביסט הײַנט
ווידער אויסער דער וועלט און איך שליאָנדער בײַם ים־התּיכון.

וועגן ווערטער און נעמענער

גאָט זאָל מיך שוינען: סדום־ועמורה, העטמאַן כמעלניצקי,
שטאָטפּלאַץ לוביאַנקאַ, – נעמענער, ווערטער, וואָס קלינגען ווי קללות,
צי ווי אַ וואָרן־סיגנאַל פֿונעם הימל, צי אַ גרוס פֿון דעם טויט.
איך אָבער האַלט אין זכרון־רעזערוו אַ פּאָר שמות,
וואָס ווען כ׳ברענג זיי צוזאַמען אַרויס – צעפֿאַלט זיך דער גלאָב.

– סוועטלאַנאַ! – הערט זיך אין הימל, מיר צאַפּלט דאָס האַרץ
און איך הייב אויף דעם קאָפּ: אַ באַבערדיקטער זשלאָב אין אַ פּאָר בלאָווע גאַטקעס
רעוועט אַראָפּ צו דעם קינד פֿון דעם אַכטן – סוועט! לאָ! נאַ! – באַלקאָן.

סוועטלאַנאַ – גיט מיר אַ ברען אָפּ די אויגן דער נעאָן־רויטער שילד.

סוועטלאַנאַ – שאָרכן, שושקען זיך דראָענדיק, ווי אַ קרײַזל אורקעס, די ביימער.

כ׳וועל דיך אָנרופֿן ריווקע. ריווקע! ריווקע! – וועל איך דיר נאָכשרײַען –
און נעמען נקמה,
און זיך אָפּרעכענען מיט דיר.

אין זשום

איר האָט אפֿשר באַמערקט: אויף די גאַסן, אין פּאַרק, בײַ דעם טײַך
רעדן מענטשן און לאַכן צו זיך אַליין, ווי עובֿר־בטל...

צי זיי האָבן שוין קיינעם, ווער אויסהערן זיי וואָלט געקאָנט? –
קיין געליבטע, קיין מאַמע, קיין פֿרײַנד, כאָטש אַ פֿײַנד זאָל אויסהאָרכן...

צי געפּלעפֿט אויף אַזוי פֿיל און זאַטשמעליעט ז׳געוואָרן די וועלט,
אַז סע הערט שוין ניט איינער דעם צווייטן – כאָטש שרײַ אים אַרײַן אין די אויערן.

צי דער מענטש האָט שוין הײַנט ניט קיין נײַן, נאָר נײַן הונדערט מאָס רייד,
און אים אויסהערן – דול קען מען ווערן, מ׳קען פֿאַלן חלשות?

אַך, איך ווייס דאָס נישט, פֿרעגט מיך נישט, שלאָגט מיך ניט איבער – איך רעד
ניט צו אײַך, ניט אַפֿילו צו זיך – כ׳הער פֿון לאַנג זיך אַליין נישט...

אַ צרה

איך הער, סע וויינט אַ קינד. איך הער עס וויינען
ניט אויף דער גאַס, ניט אויבן בײַ די שכנים.

איך דריי דעם גראַגער אויס. כ׳פֿאַרשפּאַר די טיר.
אַ צרה: די נשמה וויינט אין מיר.

דאָס קינד, וואָס כ׳בין געווען, וואָס איז פֿאַרבאָרגן
אין בייך־אוןךחלבֿ הײַנט, אין לוסט און זאָרגן
פֿון אַ שטיק פֿלייש, פֿון אַ פֿאַרוויסטן זשלאָב,
וואָס לעבט אַ זיסן טאָג – שטאַרבט לאַנגזאַם אָפּ,
מעסט צו שוין די תּכריכים, אויף אַ פּראַכט...

ווײַן טאָג און נאַכט, נשמה, טאָג און נאַכט.

אונדזער טויטזינד, דער איינציקער קוש

וואָס האָט פֿריִער אַ בליץ געטאָן טיף אין מײַן קאָפּ –
אונדזער קוש צי ס׳געוויטער אין הימל?

...ווען די ליפּן בײַ אונדז, צוויי מאָליוסקן בײַם ים, זענען זיך פֿון קעלט שוין צעפּאַלן –
האָט געקנאַלט נאָך די הייך, געשאָסן מיט שטיינער, מיט פּחד און אײַז.

ביסט געשטאַנען – ווּ ביסטו? – אין פֿינצטער, בהדרגה געקומען צו זיך
און אַרומגעקוקט ווילד יענע געגנט, דערקענט דעם פּייזאַזש פֿונעם זיבן
און צוואַנציקסטן טרויער־קאַפּיטל.

ס׳איז געווען אַרום זעקס, ס׳אָבער נאַכט דאָרט געוואָרן אויף דר׳ערד,
ווי אַ מענטש אויף דער באָדגאַס מיט קוילערס, – האָט געקוויטשעט דער הימל.

און צעריסן אין צווייען געווען איז דער פּרוכת – מײַן האַרץ.

קרומער מישפּט

און אַן אַנדערש מאָל האָט איר ניט געקאָנט?

אויף אַן אַנדער פּלאַנעט צי אין עפּעס אַן אַנדער עפּאָכע,
צי כאָטש ניט – נאָר ווי אויסגערעכנט – אין יענער יול־נאַכט, אַז איך
זאָל געבוירן ווערן עקזאַקט אין דעם טאָג, אין דער שעה און מינוט
פֿון זײַן תּחית־המתים אין מיר – ווײַל איצט זעט מען שוין יאַוונע,
ווען סיקום ס'אַרײַן אין מײַן קערפּערל: דעם אוזורפּאַטאָרס
פֿון מײַן גורל – אַרײַן בעת מײַן ערשטן געשריי אויף דער וועלט
און פּאַמעלעך זיך צוגעפּאַסט צו מײַן קאָנטור, און בשתיקה
צוגעפּאַסט מײַן יאָרטויזנט פֿאַר זיך , מײַן מאַגדאַלענע,
און מײַן קרייצונג און אויפֿלעבונג, יאָ, מײַן לעבן און לײַב, כאָטש איך מיין,
ס'וואָלט אים בעסער דער פּרצוף געפּאַסט פֿון דעם העלדמוטיקן מאַרשאַל ניי,
אָדער – נאָך מער – פֿון דעם קאַמפּגרייטן ייִד האָוואַרד פֿאַסט.

און די עלטערן מײַנע? – גיב אַ קוק, דו יחיד חי העולמים, אויפֿן אַלטן פּאָרפּאָלק,
וו'זוי זיי שטייען ווי קליינע צוויי שטיפֿערס, אומשולדיקע קינדער,
און קאָנען ניט נעמען אין טאָלק,
וואָס דו ווילסט פֿון זיי – ווײַל זייער זינד, אַ יאָר פֿופֿציק צוריק,
איז געווען יענער איינציקער, מילדער
ערשטער קוש, און דאָס שפּעטערע (חופּה, קימפּעט און אַלע סאָרט גליק) –
איז, געוויס, נאָר דײַן טריק
מיטן אייגענעם זון, וואָס דו האָסט אים – ווי אַ קוקאַווקע
לייגט דאָס איי אָפּ אין עמעצנס נעסט –
שטיל אַרײַנגעפּערעט אין מיר, למאַי ניט אין אַ פֿויגל און דווקא
אויפֿן ווײַטן ערגעץ פּלוטאָן?

און איצט שטראָפֿן אונדז וועסט?

– מאָמע, טאָטע, זעטצעך אַנידער! אָדער גייט אַרויס אין קאָרידאָר.
זאָל ער זיך אַליין פֿאַרלייענען דעם פּריגאָוואָר, דער צבֿויאַקפּראָקוראָר...

עך טי אַכזר, פּראָכוואָסט מיט דײַן ממזר אין מיר, עך טי שווינדלער,
וואָס באַשערט מיר דו האָסט ס'פּאָרל זקנים, ווי מע וואַרפֿט אונטער קינדער.

פֿון גאַסט

אַ גראָוו מיידעלע, רוכל, מײַן מאַמע, קוקט זיך אַרום
אויף דער וועלט – מיט די ברייט אויפֿגעעפֿנטע קלאָרע פּאָר אויגן,
און קאָן ניט פֿאַרשטיין, ווו זי שטייט אין דעם אורוואַלד מיט גראָז און געבלום,
וואָס דערגרייכט ביז דער הייך, מיט די יאַגדעס און ווילדע ווײַנטרויבן.

די וועלט איז פֿאַרוואַקסן געוואָרן, איז חושכדיק, טויב
און זקניש, ווי ס׳געווען אינעם שטעטל אַ מאָל יענער גוי איז,
און מײַן מאַמע דערשרעקט זיך און חלשט, און לייגט זיך, ווי טויט,
אין די גרעזער – בשעת כ׳פּיר זי אָפּ מיטן טאַקסי צום פּאָיעזד.

דער צוג ציט אַרײַן זיך נ׳אַ לאַנגן טונעל מיט ליאַנעס,
ווו סע שפּרינגען און קלאַפּן אין פֿענצטער מסוכּנע זשאַבעס,
און דערנאָך, ווען מײַן רוכלען ברענגט מען אַ זיס גלעזל טיי –
איז זי שוין אין די וואָלקנס, אין דעם אַעראָבוס "ANGST-2".

די אייניקלעך וויינען און שטרעקן צום הימל די הענט.
די אייניקלעך זענען שוין גרעסער און עלטער פֿון רוכל,
נאַטאַשאַ שפּילט פּיאַן, און וואַלעריק – כּמעט אַ סטודענט...

אַ וועלט. אַ יאָרהונדערט. אַ גורל. אַ גאַסט אויף צוויי וואָכן...

אַ נימאסע טבֿע

נאָך אַ ביסל –
און כ׳דערגרייך שוין דעם עלטער העמינגווייס, נאָר ביז הײַנט
בין איך קיין מאָל נאָך ניט געפֿאַלן מיטן אַעראָפּלאַן,
ניט געגאַן אויף געיעג אויף צעשויבערטע לייבן
אין די גרינע אַפֿריקאַנישע היגלען,
אין איטאַליע
אויף די שטילע שלאַכטפֿעלדער
ניט פֿאַרליבט זיך אין קעטרין,
אין קאָנגרעס
ניט אַרויסגעטראָטן
מיט אַ באַשולדיקונגס־רעדע – אָבער הערט אויס,
יעדעס מאָל בעת מײַן לויפֿן צום גליקלעכן וועלטרום, עפּעס ווי Papa Hem
צי מיראָ,
צי, קאָן זײַן, מאָדיליאַני,
וואָס פֿון אים איז אַ טראָפּל אַרײַן אין מײַן בלוט, – יעדן טאָג
אָדער צען מאָל אין טאָג, ווי דער ראַדיאָ ברענגט אײַך דעם מזג־האַוויר
צי ווי איינער פֿון אײַך האָט אַ נימאסע טבֿע
זיך קאַלופּען די נאָז –
בלײַב איך שטיין: כ׳שטעל מיר צו דעם פֿינגער צום קאָפּ
און נעם זיך דאָס לעבן...

נאָר דאָס לעבן איז שטאַרקער פֿון מיר.

װעגן גאָלדענע זאַכן

מאַראַדאָנאַ, דער פֿוטבאָליסט,
אַסעקורירט זײַן פּאָר גאָלדענע פֿיס
אויף אַ האַלבן מיליאָן. און טערעזאַ, די קינאָ־אַקטריסע פֿאַרזיכערט
אירע מאַרמאָרנע פּולקעס מיט 700.000 **דאָלאַר**. איך בעט:
פֿאַרסטראַכירט מיר דעם סאָלאָוויי אין פֿרימאָרגנדיק־זילבערנע צווײַגן.

די גאַראַנטיעס מײַנע?

איך פֿאַרמאָג אַ **הויך** קלינגענדיקן אַקאָרדעאָן "Meisterspiel";
אויף דער וואַנט הענגט בײַ מיר אַ שעדעוור: מײַן מאַמעס אַ פֿאָטאָ
פֿון די 20ער יאָרן.
כ׳וואָלט געקאָנט אויך אַ שפּאָרביכל האָבן, נאָר דער זכר סוועטלאַנעס,
דער כעמיקער, מוז יעדע וואָך לויפֿן אײַנקויפֿן אַזש
צוויי דרײַליטער־פֿלעשער – כימיקאַטן און י״ש.

גענעראַל פּינאָטשעט, דער ממזר אַוגוסטאָ, איז בײַ הײַנטיקן טאָג
אַן עושר זעקס מאָל אַזוי גרעסער
ווי זײַן פֿאָרגייער, דער אימפּעראַטאָר אַוגוסטוס, אין רוים.

מיר געפֿעלט אַזאַ וועלט –
מיט גאַלאַקטיקעס רײַך, מיט פּלאַנעטן,
און אויף איינעם פֿון זיי – מיט קאַיאָרן און אָקעאַנען,
און דעם אָזורע־נס, דעם לאָך־נעס; מיט פּאַלאַצן און ווילעס, און פּאַרקן;
מיט קילקאַסטנס פֿול נאַשעכץ און אויבסטן, און כל־מיני ווורשט!
און דאָס קלינגעוודיק קליינגעלט
אין די בײַטעלעך, וואָס זיי הענגען אַראָפּ
פֿונעם אָפֿענעם האַלדז בײַ די יונגע סטודענטקעלעך, און
מײַן גאָון׳שער פֿינאַנץ־טריק: אסעקורירט מיר דאָס גאָלדשטיק – די זון.

SECOND HAND

מחמת לעבנס־אומשטאַנדן, צום פֿאַרקויפֿן:

אַ ווינט־שטוב

אַ טרוים־שראַנק

אַ שלאָף־טיש

אַ וויין־בעט

אַ טרער־קאַפּ

אַ שפּיגל (אַ טיר אין דערמאָנונגען)

באָנוס קאָסטן־פֿרײַ (פֿאַר עפּעס אַ נויט):

אַ וועלט־רוים, אַ קינדערליד, אַ זיפֿץ פֿאַרן טויט.

קלינגט אָן און פּועלט אויס:

36-56, פּאָדאָלסק

REQUIEM AETERNAM

ווייענאָ

וואָס גאָט באַשערט: אַ שטיבל נ׳מיטן רוסלאַנד –
פֿון שטרוי און ווינט. אַ בבֿלישע איזבאַ,
ווּ ס׳הערט זיך אין דער נאַכט: ״מוי באָג, מניע גרוסטנאָ״[1],
און אין דער פֿרי: ״תּודה, תּודה רבה!״

די זון שטייט אויף, פֿאַרברענענדיק, ווי פֿײַער,
דעם האָריזאָנט, די ווײַטן הינטער אים,
אַן אינדזל שײַן הענגט אין דער לופֿט – אַ נײַער
בראשית: ס׳פֿליט אַ כּרובֿ, אַ כערוּווים.

ער פֿליט, בלאָזט אָן צוויי באַקן (ווי נ׳דער דודע
בלאָזט לוי אַרמסטראָנג) האַלט זײַן שילד און שווערד,
און אַ פּאָר וואָלקנס – קריסטוס און יהודה –
שווימען שוין אָן אויף דר׳ערד, ווי ס׳איז באַשערט.

54°59′05″ с. ш. 32°17′

[1] גאָט מײַנער, ס'איז מיר אומעטיק (רוס').

טאָפּלינג

אַך, די קינדערשע טבֿע זיך קוקן אין שפּיגל און קרימען.

כ׳קוק זיך איין מאָל אין האַרבסט אינעם סטאַוו, באצוימטן מיט בלומען.
כ׳קוק זיך איין מאָל אין יאָר אינעם הימל, באַרעמלטן מיט שטראָמען
בלוי, וואָס הענגען אַראָפּ פֿון דער האַנט ווען איך ווייס ווועמענס,
איינעמס
וואָס ער ווײַזט מיר מײַן פּנים.

כ׳קוק זיך איין מאָל אין לעבן אין מײַן קאָסמישן אָפּבילד אַרײַן –
אַ מין גרויסע וויניעטקע אין אַ זילבערנעם אײַנפֿאַס, עטוואָס צעגראַבלט
פֿון צערטלעכע נעגעלעך –
מיט אַ פּאָר גאַלאַקטישע כמאַרעס
קוקט ער לאַנג מיר אַרײַן אין די אויגן און מאַכט זיך ניט נאַריש.

בים־באָם

אַז יעדער מײַן אָטעם און קוש, און געדאַנק – איז באַשערט!

און ווען כ׳וועל שוין פֿאַר בושה פֿאַרפֿלאַמט, פֿיל איך: ס׳שלאָגט זיך על־חטא
זעלבסט רוח אלהים אין מיר – ער, וואָס האָט אַלץ אויסגערעכנט
און פֿירט מיר דעם קאָסמאָס, די ערד, דאָס לאַנד און די שטוב...

– וו׳היין פֿאַרפֿירסטו אונדז, שטעל זיך שוין אָפּ!

קאָנסום

זיץ! זע, פֿון וואַן דו כליעפּטשעסט, מענטש!
ניין, שטייסט און קוקסט אין גרויע צײַטן:
ס׳טיילט אָפּ די נאָענט פֿון די ווײַטן
דער האָריזאָנט – ווי אַ פּאַרענטש.

שטייסט אויבן אָן, ווי אויף אַ בריק.
סע טרעט אַרויס שוין פֿונעם נעפּל
אַן עפּלסאָד מיט צוויי־דרײַ עפּל
און מיט אַ רער – ווי אַ פֿאַבריק.

אַ פֿרוכט־ און ציבל־גיסערײַ
פֿון די, וואָס קאָנקורירן אויפֿן
שטאָפּמאַרק מיט גאָט אַליין, און שאַפֿן
אַ וועלט סינטעטישע, אויף ס׳נײַ.

קיין מלאך קומט צו דיר אַראָפּ.
קיין טײַבל זעצט זיך אויפֿן אַקסל.
וואָס דאַרפֿן נאָך די פֿליגל וואַקסן
בײַם פֿויגל – בײַ אַ הון אין טאָפּ?

דעם אינקובאַטאָר־נפֿש עס!
אַ סעודה מאַך אויפֿן באַלקאָנטשיק,
און אויב עס פֿליט נאָך אַ פֿאַרבלאָנדזשעט
גאָטס קיִעלע – איז אויך אַ נס.

דער בונט פֿון דעם ווײַנשטאָק – פֿון דער ביטערער לאָזונג אויפֿן באַרגנייג, בײַם דערפֿל סקינאָסע

איצטער וועלן מיר געבן
ניט קיין ווײַן אײַך, נאָר קליי "BF-2", אויף קאַלאָשן צו קלעפּן!

טוט אַ דריי אויף דעם קנאָספּ, און טרײַבט אונטער
– אַ מציאה אַ מין! –
דעם אויטאָ צי דעם אַעראָפּלאַן: ס׳רינט דאָך רייִנער בענזין!

פֿון די וואָרצלען – נעמט רײַסט אונדז אַרויס – וועלן שיטן זיך שרויפֿן
און קוועקזילבערנע שײַבעס און מוטערקעס.

גאָט זאָל אײַך שטראָפֿן!

אָט די לופֿט אַרום אונדז, דעם מוסקאַט־ און מערלאָ־אַראָמאַט
וועט צעטרײַבן די זון, ווי אַ מעכטיקער spray-אַפּאַראַט.

איצטער גרייט זיך צום ערגסטן, חכמים: מיר וועלן אײַך געבן
צו פֿאַרשטיין וואָס סע הייסט צו פֿאַרוויסטן דאָס לעבעדיק לעבן:

פֿון די עפּל – וועט גומע זיך ציִען, ס׳וועט רײַסן פּאָטאַש
אין מאַראַנצן, דאָס בוימוואָל־געבלום וועט אַרויסוואַרפֿן אַש.

פֿון דעם פֿי אויפֿן פֿעלד וועט איר האָבן שוין אויך יענעם נחת –
נאַפֿט און קאַלך!
ווײַל די ערד איז מיט אונדז און מיט פֿלאַטערלעך אייניק, יד־אַחת.

בלויז דער שרעקפֿויגל אונטערן שטרויהוט, צעכראַסטעט דעם פֿרענטש,
וועט זיך דורכגיין אין טאַנץ, ווי אַמאָליקע צײַטן – דער מענטש...

און מיר וועלן אײַך געבן צו וויסן די שעה – מעגט אונדז גלייבן –
ווען פֿאַרגלעזערט וועט ווערן דער הימל... אָ, מיר וועלן אײַך געבן!

זומער 1985

AUTUMN CANNIBALISM

(פּענטאַפּטיך)

*

כ׳וואַרט, מײַן גאָט, ווען דו וועסט מיך פֿאַרנעמען...
נאָר דערווײַל זשע מוז איך עפּעס טאָן,
שאַף איך זיך אָן אייניקלעך, כ׳גיב נעמען,
איך פֿאַרזעץ אַ קליאָן, צי אַן אַלון.

כ׳עס און טרינק דײַן לײַב – די לופֿט, דאָס וואַסער
און דאָס גרינע פֿלייש פֿון דער נאַטור,
און דײַן זונשײַן – געל און פֿעט ווי חזיר...

וויפֿל בלײַבט מיר נאָך – אַ שעה? אַ יאָר?

אָ, מײַן לעצטער טאָג, איך טרוים, איך רוף אים...
כ׳גיי אַרײַן – איך פֿיל – אין דעם פּראָצעס
פֿון פֿאַרמישן זיך מיט גראָז און גופֿים
אין אַ זיסן צימעס... נעם מיך, פֿרעס!

שפּײַסט זיך אויס אויפֿן לעבן. שפּײַסט זיך אויס אויפֿן טויט.
פֿונעם גיהנום נ׳גן־עדן שפּרינגסט אַריבער דעם פּלויט.
ווי אין שמד – אַ משומד, גייסטו איבער אָן מי
מיט דײַן היגער נשמה אין אַן אַנטי־כעמיע.

ס׳קען די ראיה ניט פֿאָלגן ווו און וואָס פֿון דיר ווערט –
ווערסט אַ לאָך פֿון אַ וואָלקן שוין פֿון יענער זײַט וועלט.
און רבונו־של־עולם קוקט, און ס׳פּלאַצט אים די גאַל –
וואָס ער האָט אָנגעווירן אין זײַן געטלעכן אַל.

REQUIEM AETERNAM

קיין שום לוויה נישט – נאָר מיך פֿאַרברענען
גלײַך נאָכן טויט, צי לעבעדיקערהייט.
קיין סימן זאָל... ווײַל מײַנע רעשטלעך זענען
פֿאַר אײַך מסוכן, ווי אַן אויפֿרײַס־קוויט.

מיט זון און תּאווה דורכגעהיצט, זיי פֿלעגן
צעפֿלאַקערן זשאַרוויזיעס – איז הערט:
שוין נישט דאָס פּוילן קען זיי דאָרט צעלייגן –
נאָר זייער ברען וועט אויסהוילן די ערד.

קיין שום באַוויינען מיך – דאָס אַש צעשיטן
איבער אַנטאַרקטיק, איבער אײַז און שניי,
אַז די פּינגווינען, צי אַן אויטאָשליטן
זאָל זיי צערײַבן, כאָטש עס טוט נאָך וויי.

קיין שום געדענקען – נאָמענלאָזע גלידער,
פֿון טרוימערײַ דורך פֿײַער דיסטילירט...
מײַן אייביקייט איז אַנאָנים – די לידער,
וואָס זיי דער קאָסמאָס קיין מאָל שוין פֿאַרלירט.

קיין קבֿר נישט – ווײַל אײַער גלאָבוס דרייט זיך
שוין פּוסטערהייט, אַן עיפּוש־פּולער רוים,
וואָס – ווען מען לייגט מיך דאָרט אַרײַן, דעם רוצח, –
קען עקספּלאָדירן פֿון מײַן ווילדן טרוים.

אַזוי אַרום – פֿאַרברענען און צעשיטן
איבער אַנטאַרקטיק, איבער אײַז און שניי,
און די פּינגווינען, צי אַן אויטאָשליטן
זאָל מיך צערײַבן, כאָטש עס טוט נאָך וויי.

צום בורא

צי האָב איך מורא? – יאָ, כ׳האָב מורא
געליימט צו ווערן. איין מינוט
פֿאַר פֿריִער גיב מיר כאָטש, מײַן בורא,
דעם שאַנס: דערלעבן זאָל איך ניט.

איבער שטאָטפּלעצער, גאַסן, ליקן
כ׳בין גרייט פֿון גאַנץ פֿרי און ביז שפּעט
אויף אַלע פֿיר זאָל איך זיך רוקן –
אַבי נישט פֿוילן אינעם בעט.

און גיב: אַז ניט אין אַ בית־אָבֿות
מיט קוויטשערײַ און שטינק – נאָר כ׳זאָל
אין שלווה אויסגיין, ווי׳ן בעטהאָווענס
לבֿנה־שײַן, שאַ־שטיל, Cis-moll

אַ שוויַיגן־געשריי אין מאָביל־טעלעפֿאָן
פֿון דעם באַרג בית־עלמין כּפֿר מכר
אויף יאָרצײַט כ״ג באָדר התשנ״ט

– האַלאָ! – צי מיט וואָס פֿאַר אַ וואָרט צי אַ סימן
איז מעגלעך זיך ווענדן צו דיר, וואָס דו ביסט
אַנטרונען, זיך אומגעקערט ווידער צו סימען –
דײַן מאַמען, און שפּילסט זיך דאָרט ערגעץ אין מיסט
מיט צוועקלעך פֿון שײַן און מיט זילבער־פּאַפּירלעך
און שפּליטערס פֿון עפּעס אַ רויטן פּלאַנעט
ביז שפּעט אויף דער נאַכט, און דו הערסט נישט, נאַטירלעך,
ווי ס׳רופֿט דיך די מאַמע, ס׳איז צײַט שוין אין בעט!

ווּ ביסטו, מײַן שמיליקל, דו, וואָס געווען ביסט
אַ פּראָסטינקער שנײַדערל, קליינטשיק און דאַר,
און נעבעך אַן אייביקער נאַר: פֿון גנבֿות
און שקר אויף דר׳ערד נישט געהערט – און דערפֿאַר
האָט גאָט דיר אַ קינדהייט געשענקט נאָכן לעבן,
וואָס עפּעס אַזוינס האָסטו דאָ נישט געהאַט,
אַ מאַמע וואָס לאַכט, און – שוין גאָר ניט צו גלייבן –
אַ פֿאָטער, דעם לייבל, דעם יונגן סאָלדאַט
(פֿון ערשטער מלחמה אַ בעל־מום דערקראָכן),
און זע – נאָך דעם זון דײַנעם, אַך, דעם סערגיי,
סרולס אייניקל (אגבֿ, אַ גרוס פֿון דײַן רוכל,
זי גרייט זיך פֿון לאַנג שוין צו אײַך) דעם יעוורעי
אין רוסישער קלאַסיק־מוזיק, דעם אַנטיקל,
וואָס ס׳וועט אים נישט איין מאָל באַווײַנען די ערד...

האַלאָ, די משפחה איז דאָרט שוין דער עיקר,
איר זעט מיך? צי פֿילט איר מיך אפֿשר? איר הערט,
כ׳בין אויך שוין מיט אײַך כמעט – נאָר איבערבינדן
דאָס פּעקעלע לידער, ס׳איז עפּעס דאָך ווערט

מיט בלאָנדע סוועטלאַנעס, מיט זון – און מיט ווונדן,
אַרײַנגעהאַקט טיף אין דעם גוף אין דעם בלינדן
און אין דער נשמה, וואָס קוקט שוין דורך ווינטן
און וועלטן – פֿון אויבן אַהער אויף דער ערד.

אַ נײַער ייִדישער פּאָעט[1]

ס׳איז מעגלעך זיך פֿאָרשטעלן אַזאַ איבערוועטלען זיך פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט איר גורל:

– ווילסט האָבן אַ העמשעך? – פֿרעגט זיך אָן דער גורל.

– אַוואַדע!

– אַזוי שטאַרק, ווי אַן אַקאָרע וויל פֿאַרשוואַנגערט ווערן?

– באַ אַן אַקאָרע גייט עס אין איין געזינד. באַ מיר – אין גאַנצן פֿאָלק.

– וואָס טויג דיר בעסער צוליב דײַן העמשעך – אַ נײַע פּאָעמע פֿון אַ שוין פֿאַראַנענעם דיכטער, אָדער אַ נײַעם פּאָעט, נאָר אָן אַ גאַראַנטיע, אַז ער וועט וועדניט־איז אָנשרײַבן די נײַע פּאָעמע? וואָס קלײַבסטו אויס?

– דעם נײַעם פּאָעט.

(. . .)

אונדז איז צום האַרצן לעוו בערינסקיס גאַנג, בייס וועלכן דער געדאַנק און די בילדער־וועלט געפֿינען זיך אַ גאַנצע צײַט אָפּן ראַנד פֿונעם אַבסורד, און באַוועגנדיק זיך פֿרײַ איבער אָט אַזאַ ראַנד־ברעג, כאַפּט ער פֿון מאָל צו מאָל קונציק אַרויס אַ פּאָעטיש גאָלדן פֿישעלע.

איינער אַ ליטעראַטור־קריטיקער האָט באַמערקט אין שײַכעס מיט די פּערסאָנאַזשן פֿון שעקספּירס קאָמעדיע "די ווינדזאָרער שטיפֿערקעס", אַז זיי זײַנען טאַקע אַפּאַנעמעסן אַבסורדאַל, אָבער פֿולקום עמעסדיק און רעאַל. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן בערינסקיס לירישן העלד.

ס׳איז באַוווסט, אַז פֿאַר קענען אײַנשפּאַנען דאָס פּאָעטישע "מעשוגאַסל" אין דער ענערגאָנעץ פֿון דער ליד האָבן טאָמיד באַקומען אַ לייענערישן יאַשער־קויעך מוישע־לייב האַלפּערן, מאָטל גרוביאַן.

מיר וועלן דערמאָנען נאָך איין גרויסן ייִדישן דיכטער – דאָוויד האָפּשטיינען, וועלכער האָט אין דער צײַט פֿון זײַן פּערזענלעכן אָנהייב און פֿונעם אָנהייב פֿון דער גאַנצער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג געטרוימט וועגן

אַ שפּאַן טאָן מיט נײַעם מיט ברייטן,
מיט אייגענעם, נאָך ניט געגאַנגענעם שפּאַן.

אַהרן ווערגעליס. 1988

---

[1] אין דעם אויסלייג פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד".

מאָסקווער מערידיאַן

פֿון דעם ציקל "C'est si bon!"

וואַרט אויס!

אַך, זוניק און יום־טובֿדיק האָב איך מײַן לעבן פֿאַרבראַכט
מיט יונגאַטשקעס, מיט הויפּטשטעט און לידער.

פֿאַר די אויגן איז דורכגעלאָפֿן די וועלט – אַ נעאָנעווער שילד.

און איך קוק זיך אַרום – און סע ברענט איבער מיר אַ געשטערן:
"קומט צו פֿליִען! מיר לעבן און לאַכן און ליבן זיך זיס".

איז גלייבט מיר, כ׳וועל אַנטדעקן דעם וועג צו דעם הימלשן יום־טובֿ.
כ׳וועל אַוועקזעצן שטיל זיך בײַם טיש און באַטראַכטן דעם מצבֿ
פֿון דער מענטשהייט,
וואָס אין פֿענצטער בײַ איר בלויז דער הײַנטיקן טאָג זעט זיך אָן.
און געפֿינען, און פֿאַר אײַך ניט פֿאַרטײַען די חײַ־עולם סודות[1] –
נאָר נישט איצטער, ווען כ׳וויס נאָך ניט וואָס מיט מײַן אייגענעם לעבן צו טאָן...

וואַרט, ס׳איז ערשט "יום ראשון"!

---

[1] די סעקרעטן פֿון אומשטערבלעכקייט.

WEEKEND, שבת־פֿאָרשונגען

אַלעקסאַנדר, אַ רוח נ׳דיַין טאַטן,
גיב אַ קוק, וואָס איך פֿאַרמאָג –
צוויי באַלויכטונגס־אַפּאַראַטן,
וואָס זיי מאַכן נאַכט און טאָג –
אַ מין נײַינקע לבֿנה
און אַ שטראַלנדיקע זון:
וויל איך – כ׳שטעל די אָוונטזאָנע,
וויל איך – כ׳צינד דעם מאָרגן אָן!
דאַרף איך אָבער – לויף, איך בעט דיך,
נעם אין די קונצעקי־קלייטלעך
דעם צײַט־גלאָבוס...

ס׳הײַנט פֿאַרמאַכט?

נו... צוויי "Brandy" און צוויי... מיידלעך.
ס׳אַ מעת־לעת דאָך: טאָג־און־נאַכט.

מיידלעך

פֿאַר שירה גאָרשמאַן

וואָס סע טוט זיך זומערטאָג מיט מיידלעך!

גאָט מײַנער, וואָס לאָזסטו זיי אַרויס,
נאָר ווי טײַבלעך, פֿאָכן מיט די קליידלעך!
נאָר ווי טײַבלעך? צען מאָל אַזוי גרויס!

גאָט מײַנער, פֿאַרשפּאַר זיי אַלע נ׳איינעם
אין אַ שלאַק – איז ענג? אין אַ מעטראָ,
זאָלן שטיין פֿאַרשטאַרט דאָרט און ניט מיינען
אַז דער גאַנצער גלאָב איז זייער טראָן.

גאָט מײַנער, ביסט אונדזער האַר און קייסער,
נאָר גענוג מיט מיידלעך! קוק אַראָפּ
און צעטרײַב... צעווייע זיי.... צעזיי זיי...

אַך, וואָס רעד איך... ס׳שווינדלט מיר אין קאָפּ...

*

דער ערשטער דונער רעדט צום גראַם –
גראַמט אָן אַ גאַנצן טאַראַראַם.

איך האָב אים ליב, דעם ערשטן דונער!
ער איז נאָך דרייסט אַזוי און יונג,
ער שיט מיט חכמות, שפּריצט מיט הומאָר,
שטעקט אונדז אַרויס זײַן רויטע צונג.

דער אייביק ערשטער, דער גערעכטער, –
סע גרילצט אין הימל זײַן געלעכטער.

אַ גרימל – אַ פּאַרס!... כ׳בין אים מקנא.
כ׳האָב אויך געלצעוועט געלעבט, –
גערייצט, געקנאַקט פּאַר אײַך מיט גראַמען
און אין דער הייך ווי ער געשוועבט –
דער דונער־דאָנאָר...

ס׳גלאַנצט דער נאַסער
אַספּאַלט... און ס׳פּאַלט אײַך רעגן־וואַסער.

איך וויל, איר זאָלט וויסן

סטאַס וואָניאַעוון

מענטשן לעבן אין הימל, אין וואַסער, אין זאַמדן, אויף פֿעלדזן און צווישן.
יעדער איינער זײַן עקאָלאָגישע סבֿיבֿה געפֿינט,
ווי אויף אײַזבערג פּינגווינען, אין טײַכל אַ בלום און אַ פֿישל –
אומעטום ווו דאָס לעבן צעלאָזט זיך, צעבליט און צעגרינט.

נאָר איך לאַך, ווען מען זאָגט מיר, אַז עריקס יאַקולוס[1] איז מיר אַ ברודער.
ניין, מײַן ברודער איז מאָטל, לאָרענצאָ, אָלזשאַס... און דער אמת – מײַן גאָט.
און די זון, ניין – דאָס בלוט פֿון דער זון פֿליסט אין יעדן מײַן אָדער,
ווען כ׳פֿאַרגראָב זיך אַפֿילו אין דר׳ערד ווי אַ מולוואָרף, אַ קראָט.

[1] אַ קליין גיפֿטיק שלענגל, Eryx jaculus

*

ווי מוסולמענער באַגראָבן אין זאַמד אַ גיאַור, און סע שטעקט
נאָר דער קאָפּ –
אַזוי וואָלט איך פֿאַרגראָבן אין דער וויסטעניש גאָבי
די אויטאָמאָבילן.

ווי מיט לאָפּעטעס זאַמד מען פֿאַרשיט אַ פֿאַנאַטיקער זעלבסט־אונטערצינדער –
וואָלט איך נישט פֿאַרשאָטן אויטאָמאָבילן, ברענען אַלע זיי אויס!

כ׳וואָלט דעם ברעג פֿונעם מידבר סאַכאַראַ מיט צוויי פֿינגער אונטערגעהויבן
און אַרײַנגעלאָזט זיי טיף אין דר׳ערד, אינעם סופּערגאַראַזש,
זאָלן דאָרט אַלאַרמירן אין פֿינצטער און דערשטיקט ווערן פֿון בענזין...

און אַליין –
זיך אַרײַנגעזעצט
אינעם לעצטן אין שטאָט לימוזין
– און אַרומגעפֿאָרן איבער גאַסן, אַרום גערטנער און לאָנקעס, אין פֿעלד
אַ מחיה! מיט גראָז אויסגעפּאָלסטערט פֿאַרקײַלעכטע וועלט...

סיאָמקע

פֿון קונצעוואָ און ביז קראַסני סטראָיִטעל, פֿון יאַסענעוואָ ביז לאָס
ליגט זײַן פֿרילינגס־אימפּעריע – די פֿאַרטומלטע מאָסקווע:
792 טויזנט (בלויז רונד אַרום קרעמל) שוואַרצע גראָבע מײַ־זשוקעס,
953 טויזנט (אויפֿן יאַוזאַ טײַך) שפּערלעך, קאָרנקראָען און אין הימל שרײַענדע
גענדז,
8 מיליאָן מענטשן (חוץ די געסט) – אויך גאָטס נפֿשות,
הונגעריק אָדער זאַט.

וויל ער – קנאַקט ער אויף רוסיש, וויל ער – פֿײַפֿט ער זיך אונטער אויף ייִדיש
אָדער לייענט גאָר אויף ענגליש: "Girl's"
אויף דער רעכטער באַק פֿון די דזשינסן
מיט אַ נאָט, וואָס זי פֿירט אין דעם גיהנום־גן־עדן אַוועק.

Боже мой! C'est si bon! !אָהאָהאָ

און פֿאַר נאַכט, נאָך אַ רעגן, ווען סע צינדן זיך אָן די וויטרינעס,
און אַ רויטמויליקער M שרעקט, ווי נ׳פּופּן־טעאַטער,די וועלט –
שטעלט זיך סיאָמקע שטיל אָפּ, שפּאַרט זיך אָן אין אַ בוים, און דערפֿילט,
ווי ס׳צעטרייסלט

דעם באָדן

אונטערן פּאַרק

דער דראַקאָן

מיט זײַן בלאָוון עלעקטרישן לײַב –
זוכט אין טיפֿעניש דאָרטן, זיגזאַגעוועט, קרײַזלט,
ווען סע גיט אים אַ רוף פֿון דער ווײַטנס
(אַ רחמנות אויף זיי –
דורך טעקטאָנישע ערד־פּליטעס און אין ים דורך צוויי־דרײַ אַטלאַנטידעס)
די צעהיצטע ניו־יאָרקער סאַבוויי.

רויטע קוילן

דאָ וועט ליגן – פֿון ימען ביז ימען – אַ שיכט רויטע קוילן.
מיט ליידיקע פֿאָרמעס פֿון פֿייגל און מענטשן – בלויז פֿולע
מיט רויטלעכער לופֿט.

און מיט אַ שוואַרצן קאַפּ בלוט בײַם פֿאַרשטיינערטן וואַסער.

מאָסקווע, 1982



דער, מיטן רויטלעכן פֿלעק אויפֿן שאַרבן

*

ווער איז ער, וואָס איך בין אים גלייבן מחויבֿ?
ער ברענגט מיר אַ נײַס: סע דרייט זיך די ערד!
און איך זע, ווי די מילכפֿערמע שטייט ווי ס׳געווען,
בעת אויף אים דרייט זיך טאַקע דאָס היטל.

*

ווי שעמט ער זיך ניט, דער אייביקער פּאָנטי פּילאַט,
אַרויסטרעטן פֿאַר דער וועלט און זאָגן: ער ווייסט ניט.

ער ווייסט ניט, וויפֿל מאָל מ׳האָט דעם ישו געקרייציקט
און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן איז יענער אַרויף אויפֿן הימל.

ער ווייסט ניט, ווער ס׳האָט אָנגעמאַכט צרות אין סדום,
ווּ די ליבעלעך זיצן ווי רויבער נאָך הײַנט אויף די בלומען.

ער ווייסט ניט, ווי געפֿערלעך זײַן לײַב איז, זײַן טראַכטעכץ אין קאָפּ,
דער אַטאָמישער בויך זײַנער, פֿול מיט די אויסשטראַלונגס־שטאָפֿן.

ער ווייסט נעבעך גאָרנישט מיט ניט
וועגן דעם, ווי מ׳טרינקט אויס פֿאַר אַ נויט דעם בעכער סאָקראַטס פֿאַרן טויט.

אײַ, ער ווייסט דען, דער מלאך מיט צוויי פֿליגל ווי שניי אויף די אַקסל,
פֿון וואַנען די פֿיס בײַ אים וואַקסן?

אַ סוד

ביַי נאַכט און ביַי טאָג,
אויף דער גאַס און אין סאָד
הערט זיך אַ פֿריילעך געלעכטער אין שטאָט.

אויף שריט און אויף טריט,
און ביַים פֿאָרן און גיין
הערט זיך אין שטאָט אַ פֿאַרשטיקטער געוויין.

אין פּאַרק, אויף ירידן,
ביַים טיַיך און אַרום
הערט זיך אַ שוויַיגן אין שטאָט, אינעם זשום.

די פֿאַראָבֿלטע איַינוווינער, אַלע אין שטאָט
ווייסן,
נאָר גיבן ניט אויס זייער סוד.

פֿעניקס

וואָס ווילסטו, ווילדער פֿויגל אין דער נאַכט,
פֿון מיר – אַז איך זאָל אמת זיך צעוויינען
און דורך די טרערן אין די שטערן לייענען
דעם בוך, וואָס פֿאַר די מענטשן איז פֿאַרמאַכט?

וואָס שרײַסטו דאָרט, אויף דײַן פֿאַרקרימטן בוים?
דער רוים איז פּוסט, די צווײַג איז אויסגעבויגן...
איך קאָן נאָר שווערלעך עפֿענען די אויגן
אין שלאָף – און דיך אַרײַננעמען אין טרוים.

כ׳לייג זיך שלאָפֿן, איך פּאַס צו דאָס קישן צום אַקסל, צום קאָפּ,
די פּלייצע – צום בעט, צו אַ באַנק אין אַ סקווער פֿאַר אַ נויט.

וואָס זשע שרעקט איר מיך מיטן טויט?

מײַן ספּיטש

בײַם אַנטהילן
דעם פּאָסטאַמענט
פֿאַר אַ דענקמאָל
אונדזער גרעסטן מאַנדריל
וואָס האָט איבערגעלאָזט אין זכּרון
בײַ דער מענטשהייט און אויפֿן שטיין
צוויי אָוואַל־רויטע שפּורן,
שיין
ווי אַ פּאָר מאַרשאַל־גאַליפֿע:

– ע-ע... **ע-ע-ע...**

שליחות

צום קבלת־פּנים לכּבֿוד דעם פּאָעט

מיר באַגריסן דעם סאַמע שעפּערישן און דעם גרעסטן באַנײַער פֿון די אַלע, וואָס האָבן זיך גענומען צו ייִדישער פּאָעזיע אינעם נאָכמלחמהדיקן דור. אונדזער ליטעראַטור האָט צוגעקראָגן אַזאַ אויסטערלישע מתּנה, אַזאַ מאָדנעם פֿויגל, וואָס האָט זיך אויסגעבריט אין אַ פֿרעמדער נעסט און פֿליט עפּעס נישט מיט די געוויינטלעכע וועגן פֿון זײַנע קאָלעגן ייִדישע פּאָעטן, אָבער – צוויטשערן צוויטשערט ער מיטן עכטן קול פֿון זײַנע אָבֿות־אָבֿותיו, אַ קול וואָס האָט זיך ניסימדיק אויפֿגעהיט אין זײַן האַלדז און אין זײַן האַרץ.

בערינסקיס שאַפֿונג איז אַ גאַנצער אוניווערס אין באַוועגונג. נישטאָ בײַ אים קיין אָפּגעשלאָסענע טעמעס, קיין באַזונדערע תּחומים, קיין מאָמענט־פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַן איבערלעבונג, פֿון אַ לאַנדשאַפֿט, פֿון אַן אַרײַנקלער. אַלץ איז דינאַמיש, קוועקזילבערדיק, אַלץ האַלט אין איין ווירקן אויף אַלעמען. זײַן ליד קאָמענטירט נישט די דאָזיקע קאָפּשווינדלענדיקע צווישנווירקונג – עס פֿאַרקערפּערט זי.

אָט וועל איך אײַך פֿאָרלייענען וועגן דעם אַ קורץ ליד. ס'איז אַ מעטאַפּאָעטיש ליד, נאָר זײַן מעטאַפּאָעטיק – ווי אַלץ בײַ בערינסקין – גייט נישט אויף קיין שטאָלצן. דאָס ליד הייסט "און איר נעבעך". (. . .)

וואָס זשע זאָלן טאַקע הייסן די האַרבע מאָמענטן אין בערינסקיס פּאָעזיע? איך בין זיך מודה: נישט יעדע זאַך פֿאַרשטיי איך. נו, טאָ וואָס איז אַז איך פֿאַרשטיי נישט יעדע זאַך? און אין מײַן אייגן לעבן פֿאַרשטיי איך שוין יאָ יעדע זאַך? און אין דער וועלט אַרום מיר? פֿון דעסטוועגן, אַז מע לאָזט מיך לעבן אויף דער וועלט, האָב איך הנאָה. די הנאָה פֿון לייענען בערינסקין שטעקט אין דעם פּאָעטישן כּישוף פֿון זײַן שפּראַך. דאָס איז עפּעס וואָס מע קען נישט אַנאַליזירן. אין דעם זינען דערמאָנט מיר בערינסקי אין פּרץ מאַרקיש: אָפֿט מאָל קענסטו נישט קלאָר איבערגעבן וואָס ער מיינט, נאָר דו שפּירסט מיט אַלע חושים אַז אַזוי און נישט אַנדערש האָט ער געדאַרפֿט שרײַבן.

ווען בערינסקי האָט זיך באַזעצט אין ישׂראל, אין 1991, האָט נישט קיין קלענערער ווי אַבֿרהם סוצקעווער אים אויפֿגענומען און אַרויסגעהויבן. אין אַ בריוול צו אים האָט סוצקעווער געשריבן: "אײַערע שורות גליִען ממש מיט פּאָעזיע".

און ס'איז אמת.

יצחק ניבאָרסקי. פֿון דעם וואָרט צו ל. בערינסקיס לייענונג אין דער מעדעם־ביבליאָטעק, 10.4.2014

*

וויפֿל טײַערע פֿרײַנד פֿון בני־דור, וויפֿל זיסע קראַסאַוויצעס
האָבן דאָ שוין פֿאַרענדיקט די טעג.

גאָט האַלט מיך אויף, ווײַל איך האָב אײַך נאָך עפּעס צו זאָגן.

און איך עפֿן דאָס מויל: מ-מ-מ... מ-מ-מ... מ-מ-מ...

אַ נסיון־נסיעה

"Ich bin kein Gespenst der Vergangenheit"

אַ מין היַנריך – כ׳מיין הײַנע, דעם אײראָפּעיִשן ליריקער גרויסן –
האָב איך אונטער דעם פֿרעמדן פּאָלאַר־שטערן ווערן געוואָלט.

הײַנט שרײַב איך מײַן נאָמען מיט פֿרעמדע תּלמודישע אותיות,
און גיי אָפּ מיט שווייס פּאַר חמימה און פֿלײַס, און פֿיל: ס׳איז מיר קאַלט.

וואָס זשע לויפֿסטו מיר נאָך אין די וועלדער בײַם פֿענצטער, יאָגסט איבער מײַן צוג,
קוקסט אויף מיר שוין אין שטוטגאַרט אַרויס, האָסט געדולד ניט גענוג –
הענגסט אַריבער, באַלײַכטסט מיט דײַן שאָטן דעם פֿינצטערן וואַלד,
לייגסט זיך צו אויפֿן פֿעלד און לויפֿסט ווײַטער – און באַלד
פֿליסטו איבער דעם רײַן מיט איין שפּרונג, ווי אויף שטאָלצן,
ווי אַ קלאָון אונטער דעם הימל־קופּאָל, וווּ די בלוי ווערט צעשמאָלצן
אין די ערשטע זונשטראַלן אין דעם רונדיקן צירק שאַפּיטאָ –
און ביסט פּלוצעם נישטאָ, היי, וווּ ביסטו, צי הערסטו מײַן רוף, מײַן געשריי
שוין פֿונ׳ם דריטן יאָרטויזנט?

O'kay,

ביסט דאָרט ווידער אַרויס – קיין געשפּענסט, בלויז אַ גײַסט – אין דער פֿרי
אָט דעם דריטן איִר מיט דײַן דײַטשלאַנד אין פֿענצטער, מיט קי און מיט פּי
אויף די פּאַשעס, מיט דערפֿער און קירכן, און טײַכן, און שטעט,
וואָס דער צוג זיי פֿאַרמײַדט אָדער שטייט צוויי מינוט, און ביז וואַנען ער שטייט
אפשר פֿיר
וואָלט איך, קאָן זײַן, באַוויזן אַראָפּגיין – אַ ביסל זיך איבערווערטלען מיט דיר...

אַן אָפֿענער בריוו צום רעדאַקטאָר

חשובֿער חבֿר רעדאַקטאָר,

איך מעלד זיך צו אײַך און איך רעד ווי אַ חוטא צום גאָט.
סע גייט שוין מײַ־חודש – און ס'קיין פֿרילינג נאָך ניט. מײַן רעאַקטאָר
אַרבעט אומרעגולער. ס'איז פֿאַר קיינעם דאָך אָבער קיין סוד,
אַז ליריק מאָנט קאַשע. און אויסער די אַעראָפּלאַנען
לאָזט זיך קיינער אין הימל ניט הערן. און קיין סאָלאָוויי
דערהרגעט נאָך אַלץ ניט בײַם טײַך זײַן ריוואַל. און סוועטלאַנאַ
האָט מיך אַלץ נאָך ניט ליב, ווינד און וויי!

חבֿר רעדאַקטאָר, איך טענה שוין ניט וועגן רויזן –
אַ פּראָסטע ראָמאַשקע, אַ גרעזל זאָל שטעקן! אַ בין
זאָל טאָן כאָטש אַ זשוזשעו! אַ פֿליג זאָל אין שטוב צי פֿון דרויסן
זיך קלאַפּן אין גלאָז מיטן קאָפּ! אַ גזר אָט אַ מין
פֿון הימל אויף מיר – גאַנצע נעכט שלאָף איך חלומלאָז, רויִק,
און בײַ טאָג שרײַב איך סקיצן און אַפּעלן צום זש.ע.ק.[1],
וויל איך רעכטצײַטיק געבן צו וויסן: זעט אויס, צו מײַן ליריק
האָט געמומען אַ סוף און אַן עק.

אַך, דער קוילער דער סאָלאָוויי! וועלכע הימנען פֿאַר אים האָט
מײַן נשמה געזונגען! און וואָס איז זײַן אָפּדאַנק? ער פֿליט,
איז שוין, זאָגט מען, בײַם דניעפּער! נאָר בײַ אונדז האָט דער קלימאַט
אָן אים זיך צום שלעכטן געביטן, איר פֿילט?
ס'הייסט, ביז וואַנעט אין אײַער זשורנאַל וועלן ווינטער די ייִדן
מיט אַ שמייכל אַ וואַרף טאָן דעם בליק אויף מײַן בריוו, אין איין בריל, –
וועל איך שרײַבן מסתּם אַ צוואה, הגם גאַנץ צופֿרידן...

פּ"ס: מ'האָט הײַנט, זאָגט מען, אַ פֿעניקס דאָ געזען, בײַ דער מיל.

---

[1] זש.ע.ק. – אכא (רוס'). אַן אָרגאַניזאַציע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט טעכנישע און פֿינאַנציעלע פּראָבלעמען פֿון אַ הויז אָדער בלאָקהײַזער.

אַן אָפֿענער ענטפֿער קיין טשערנאָוויץ

מאַדאַם רויטמאַן, גאַנץ טשערנאָוועץ קען אַך פֿאַר אַן אמתער אופּהיטערין
פֿין קולטור, איר קענט ריסיש אין ענגליש, פֿראַנצייזיש, רומעניש אין דאַטש,
אין, פֿאַרשטייצעך, די קודש־שריפֿט... עפֿנט איר איף מאַנע לידער – אין
ווילט אים נישט לייענען, דעם שאַמשעוואָטן נאַכאַלנע אינגאַטש.

זענט איר טאַקע גערעכט: ווי אַ רייגן דעם צעלעכצעטן פֿאָס,
פּאָס עך אַך מיט מאַן גראָב־ייִדיש – אין דערצי נאָך יאַקבי פּאָעטיש,
אין עך מיין, אַז אַ גרויסן טוס האָט מיט מיר אינדזער ״סאָוועטיש
היימלאַנד״ ווּוס דריקט מעך אין ריפּט אַרויס באַ אַך אַ פֿאַרדראָס.

נאָר וועז – איר הערט, מאַדאַם רויזמאַן? – אין מיטן דער נאַכט
שפּרינגט איר פּליצעם אַרויס פֿינעם שלוף מיט האַרץ־קליאָפּעניש, אָדער
פֿינעם אייגענעם ווילדן געשריי, ווי ס׳וואָלט בליט איַיך געשפּריצט פֿין אַן אודער, –
כאָפּט לייענט איבער מאַן ״זוניקן לייב״, אין צעוויינצעך, צעמילדעוועצעך, צעלאַכט.

פּאָעזיע, ליריק, – געהערן דאָך ניט צי ״קולטור״.
שטיקער שיַין, שטיקער פֿלייש, שטיקער גליק אונגעווייקטע אין ווייטיק,
שטיקער ליפּט אַף דער ערד, אַ שטיק געטלעכער הימל־לאַזור,
ווּוס אַזוי פֿאַר די מענטשן (אין אויך פֿאַר בהמות, מאַדאַם קרוינזאַם) איז נייטיק.

*

וואָס לייענסטו, דו ייִדישער לייענער,
בײַ נאַכט, שוין אין בעט, פֿאַרן שלאָף –
אַ ליד, פֿול מיט חושך און ביינער?
אַ שטות מיט אַ גליקלעכן סוף?

דײַן אויטאָר – ווו לעבט ער, ווער איז ער,
ווען שרײַבט ער עס, וואָס ער באַשרײַבט?
האָסט אויסגעשטעקט דעם טעלעוויזאָר,
דאָס "קול" אין דײַן ראַדיאָ שווײַגט.

קאָן זײַן, דווקא ניט אַזוי גרויס איז
דאָס ווערק, און אויך נישט אַזוי קלוג,
דו לייענסט אָבער ייִדישע אותיות –
און דאָס איז ניט ווייניק, מוי דרוג...

די שירה־נשמה

אַ פֿאַרשפּעטיקטער ענטפֿער אַ׳ סוצקעווערן

אַ ווילד־נס – אַ וואַלד־נוסבוים טורעמט אין הויף,
די בלעטער די אייגענע בלעטערט,
אַ וועוורוק אַרויס פֿון דעם אויסהויל – אַרויף
זיך דראַפּעט, צום עליון קלעטערט.

תל־אָביב, 28.3.2011

*

ליידיקע פֿלעשער קומען אייניקע מאָל נאָך צו ניץ.

לידער
– ״טום־באַלאַלײַקע״, ״לאַ קומפּאַרסיטאַ״, ״סאַשקאַ״ –
האָניק מיט בלוט,
טרערן און גליק פֿילן אָן דאָס פֿאַרשטויביקטע גלאָזוואַרג.

עפּנט אַ פּונקט ״סטעקלאָטאַראַ״[1] בײַם קאָסמאָדראָם.
שיקט אַראָפּ אויפֿן טויטן פּלוטאָן אַ קאָנטיינער פֿאַרפּראָפּטע ניגונים
און צעזייט זיי – אַ לעבן אויף פּוסט־שטומע פֿעלדזן פֿאַרזייט,
אַ מין מעלאָדיזאַציע, גופּימלאָזע ציוויליזאַציע...

---

[1] גלאָזטאַרע (רוס׳).

סופֿרות. רײַכע שלעפּערס

פֿאַר איציק ריווקעס

פֿון מיליאָנען־מתים־קבֿר,
ווי אַ ווילדקרויט איבערן פּלויט,
בין איך, דער זאַפֿטער גײַסט־און־אבֿר,
אַרויס דורך נס און גראָז, און ליימער
צו אײַך – נאָר איר זענט מער ווי טויט.

מיט טויטער טויטקייט אָנגעגאָסן,
מיט שׂינאה, גאווה, פֿאַלשער פֿרייד,
טאַנצט איר און דרייט זיך, טויטערהייט
– אַ טויטער פֿאָרץ אין טויטן ראָסל –
ווי וווּרדאַלאַקן, אויף די גאַסן,
אויף טיש און בענק, און פֿרעסט, און וויינט...

צי דו ביסט עס, מײַן פֿאָלק?... איך גיי מיר
אַהיים, אַהין, צוריק אין קבֿר...

און איר, דער יום־טובֿדיקער טויט,
לעבט וויל, בלײַבט פֿליישיק, ניט פֿאַרהונגערט –
דאָס איין און צוואַנציקסטע יאָרהונדערט
וועט זאַט אײַך האָדעווען מיט קרויט.

תל־אָבֿיבֿ, מײַ 2001

די נאַכט פֿון דערהרגעטע דיכטער

דעם 12טן אַווגוסט בײַ נאַכט
צינדט אָן אין די הייכן רבונו־של־עולם די גאָלדענע ליכטער –
עס זאָלן אין קאָסמאָס געפֿינען די וועגן צו מיר די דערהרגעטע דיכטער.

דעם 12טן אַווגוסט בײַ נאַכט
ווערט שטיל אין די זיבן שמים, ביז שחקים און העכער –
און ס'שוועבט דאָרט אַרויף אַ געשריי, הערט: עס שרײַט איציק פֿעפֿער.

דעם 12טן אַווגוסט בײַ נאַכט
ווערט אַנטשלאָפֿן – מיט אַ קויל אינעם קאָפּ נאָך דער פיטקע[1]
און אַ שמייכל אין חלום, אַ שמייכל אויף אייביק – לייב קוויטקאָ.

דעם 12טן אַווגוסט בײַ נאַכט
הייבט אויף זײַן כאַליאַסטרע און פֿירט אַזוי לעבהאַפֿטיק־טראַגיש
פֿאַזע גרינעם בולוואַר און דאַן ביז דער לוביאַנקע – פּרץ מאַרקיש.

און עס לויפֿן זיי נאָך
(און די אויגן מיר ברענען פֿון כלאָרקע)
ווי מען לויפֿט אויף אַ שׂימחה: וויאַן, און יאַשווילי, און לאָרקאַ.

דעם 12טן אוווגוסט בײַ נאַכט
איז קיין קדיש, קיין פֿאַלן פֿון אויבן אַ טרער ניט צו הערן –
דער פּלאַנעט ליגט אין ברידערגרוב, ביז די ברעגן פֿאַרשאָטן מיט שטערן.

מאָסקווע, 12.8.1982

[1] פּײַניקונג (רוס׳).

פֿאַרן פֿענצטער

איז דאָס אַ וואַלד־ צי אַ גאָרטן־בוים? – דאָס ביימל, פֿון וועלכן
ס׳הענגט אַראָפּ אין דער פֿרי אַ מאַראַנץ,
בײַ טאָג – פֿינעף קאַרשן,
און זיבן ווילדע, ווי שישקעס, ליכטער – שוין קעגן נאַכט?

*

ס׳פֿאַלט אַראָפּ פֿון די צווײַגן אַן עפּל: ס׳טוט אַ הוידע די ערד
– אָט, איר הערט? –
און אַ ציטער די לופֿט – פֿלאַנעטאַרער פֿאַרהאַלטענער אָטעם.

אַזאַ יאָר אויף דער וועלט! אַז אין דערפֿל מיט צוויי קי בײַ דער בלאָטע
און זעקס בערוועניס־שטיבער
רײַסן זיך ניט קיין שישקעס פֿון יאָדלעס אַראָפּ – נאָר סע הודזשען זיך איבער
שווערע איבערגעצײַטיקטע עפּל, וואָס באַדעקן די ערדפּלאַך מיט גריבער.

*

מײַן טעלעפֿאָן שטייט בײַ מיר אויפֿן פֿענצטער, דער דראָט
גייט אַרויס דורך אַ פֿאָרטקע און ציט זיך העט ווײַט ביזן באַרג,
ווו עס שײַנט, אַלע בלעטער פֿאַרלוירן, אַן אולמע – און דאָרטן
הענגט ער, איבערגעריסן, אַראָפּ פֿון אַ האַרבסטיקער צווײַג...

כ׳נעם דאָס טרײַבל, כ׳דערהער, ווי מען אָטעמט אויף יענער־וועלט־זײַט,
און מען שווײַגט, און מען וואַרט – כ׳זאָל נאָר עפּעס וואָס זאָגן...

אין פֿאַרחלומטן פּאַרק

*

הויפֿנס גאָלדענע פּלאַטערלעך
פֿרווּון אויפֿלעבן אונטער דעם ווינט.

מען פֿאַרברענט זיי. דאָס גאָלד ווערט פֿאַרשריבן
ווי הכנסה אויפֿן חשבון פֿון דריטן קוואַרטאַל – פֿון קבצנישן האַרבסט.

*

איך געדענק די קינדערשפּיל –
זיך אין בעט פֿאַרגראָבן שטיל,
אָטעמלאָז, און טיף אַנטרינען
ווען סע עפֿנט זיך די טיר,
אַז די טרערן זאָלן רינען
בײַ דער מאַמען איבער מיר...

כ׳כאַפּ זיך אויף: אַ שטוב. די סאַמע.
אָפֿן, קלאַפּט די אַלטע טיר.
ס׳גייט אַ רעגן, און קיין מאַמע
שטייט אין הימל איבער מיר.

*

הײַנטיקס יאָר איז קיין האַרבסט ניט געווען: אין מיטן דעם ראָזעוון בלײַען
איז אָנגעפֿלויגן אַ פֿראָסט, און דער וואַלד האָט מיט גלאָז זיך באַדעקט.

דער פּיקהאָלץ האָט נאָך אַ פּאָכע געטאָן מיט די פֿאַרבן,
און אַ ווינט – אַ וויטראַזש האָט זיך אים אויף די פֿליגל געלייגט.

די עפּל האָבן אַ קלונג געטאָן אויף דיביימער,
ווי אין קריסטלעכן חלום אויף ווײַנאַכט: דין־דאָן.

אַ ווערעמל שטעקט ביז די אַקסל אַרויס פֿון אַ ווײַנשל
און קוקט זיך פֿאַרגליווערט אַרום: וואָס קומט פֿאָר אויף דער וועלט?

גאָרנישט... נאָר אויפֿן באַרג, אין די שנייִקע הייכן
שטייט, אונטערגעהויבן די האַנט, אַ גרויסער גאָרניסט.

מאָינקע־קוילער

פֿאַר אַלעקסיי פּאַרשטשיקאָוו

וו׳הין זשע, מיינט איר, גייט אונדזער מאָינקע אויף נאָווי גאָד?
אָט איז ער אין סוויבלאָווע, אין דעם לעצטן שטיבל, בײַ ניורען,
און זיי לאַכן און גרייטן צום טיש, און באַמערקן ניט דאָרט,
ווי סע לאָזן זיך שווימיק אין דרויסן, אין הייפֿל אַראָפּ
צוויי אַ. ד. (״אַנאָמאַלע דערשײַנונגען״), אַ פּאָר קאָסמישע טעלערס,
און סע גייען אַרויס צוויי מלאָכים – און הייבן אָן שפּרינגען
אויף די ווײַסע שפּיץ פֿינגער (אַ פֿראָסט!) און זיי הייבן אָן פֿאָכען
מיט די פֿליגל, און גליטשן זיך צו צו די פֿענצטערלעך: ליכט!
זיי צעפּלעטשן די נעז בײַ דעם גאָלדענעם גאָר דינעם גלאָז,
ווו דער מאָינקע דאָרט זיצט, אַ פֿוס שוין איבער אַ פֿוס,
מיט אַ ״קענט״ אינעם פּיסק און אַן עלעקטראָנישן זייגער
אויף דער האַנט, וואָס ער האַלט אויפֿן אַקסל בײַ ניורען, בשעת
ניורע גלעט אים די האָר, און סע קומט נאָווי גאָד, און די גלעזער
מיט שאַמפּאַניער גיבן אַ צאָק, און דערנאָך, ווי נ׳אַ טרוים,
שפּילט אַ שטילע מוזיק, און צוויי מענטשן – אַ מויד מיט אַ בחור –
רירן איינער דעם אַנדערן אָן מיט די קני, מיט די ליפּן,
און שוין שלעפּן גליקלעך אַראָפּ אַלע הויטן פֿון זיך...

אין דער פֿרי, ווען סע ווערט אונדזער מאָינקען קאַלט אין דער פּלייצע,
עפֿנט מאָינקע די אויגן און דערזעט אויף די פֿענצטער
ווײַסע פֿליגלען – אַלץ, וואָס ס׳איז געבליבן פֿון די צעגליטע מלאָכים...

...און זיי מאַכן זיך טיי, און באַמערקן גאָר ניט, ווי אין הויף
הענגען, דרייען זיך שטיל אין דער לופֿט אַ פּאָר שנייִקעווירבלען
און וואַרטן – אויף ועמען? אויף וואָס?

– ניורקאַ, נו אי מאָראָז![1]

[1] ניורקע, סאַראַ פֿראָסט אין דרויסן! (רוס.).

*

איך וואַרט אויף משיחן. נעמט אַוועק די דערשראָקענע קינדער
פֿון דער וויזע מיט בלומען. דאָס ציגל. דעם ייִדישן ווינטער

מיט די פּעלצלעך און טעפּלעך, און הינער אין ווינקל מיט שיך – און
סע גייט שוין אַ נײַער אַפּריל. איך וואַרט אויף משיחן.

אַן אַנדער סענטיאַבער. פֿירט אַוועק פֿון דער וויזע די קינדער –
איך וואַרט אויף משיחן. ער פֿליט שוין. ס׳איז נאָך אַ מאָל ווינטער

מיטן רויך פֿון די קוימענס, פֿאַרבלאָנדזשעטע שטערן, ראַקעטעס
(מע שטערט אים צו לאַנדן). כ׳פֿאַרליר מײַן געדולד שוין. די ערד איז

פֿאַרשאָטן מיט שניי, צי מיט פּעלצלעך, מיט אַ קאָסמישן טעלער
פֿאַרשטעלט, ווו זשע שטעלט ער אַ פֿוס ווען ער קומט, אונדזער העלער
משיח, וואָס פֿליט קיין ראָש משך אַצינד, ערבֿ ווינטער?...

אַך, פֿירט אים אַוועק מיט זײַן ציגל! סע פֿליִען דאָך קינדער!

*

פֿאַר ס.ק.

כ׳זאָג זיך אָפּ פֿון היַינט און אויף וויַיטער, כ׳זאָל האָבן צו טאָן
מיט דער וועלט, מיט דער ערד, מיט פֿאַרשנייטן לאַנד, מיט דער שטאָט,
מיט דעם געסל, אַ בראָך, קאָלאָבאָווסקי
און דעם בלאָק ווו דו וווינסט...

כ׳נעם צו מיר אין האַרץ דיך אַריַין.

אַך, ווי שיין איז געוואָרן די גאַס און די שטאָט
און דאָס לאַנד, און די ערד! – און איך פֿיל:
ס׳טוט דאָס האַרץ מיר אַ קלעם
און פֿאַרקלעמט דיר אַ פֿינגער צי׳אַ גאָלדענעם לאָק –
דו פֿאַרקרימסט זיך פֿון ווייטיק און לאַכסט.

*

אַ שאָטן פֿון אַ בלימל שטעקט אין שניי
און ווײַזט דעם צענטער פֿון פֿאַרשנייטן רוסלאַנד.

אַ בער אין וואַלד, אין זײַן בערלאָגע שלאָפֿט
צווישן די טויבע וואָרצלען פֿינף חדשים.

סע גייט די זון אַרויס, און ס׳שיט זיך שניי
פֿונעם קאַרניז, אַזש פֿון יופּיטערס הימל.

דער קאָסמאָס שנייט. און ס׳בלאָנדזשעט אין די בערג
מײַן מזל – דער טיבעטער מיסטער Yeti.

POEMETTI

Jewpatorija 港口 Dshuma-Dshami 清真 寺的立体效果

一对钟楼，一对尖塔，一左一右，中间是穹顶
Musa Ibn-Jizchak, 当你清晨从海上登岸
一对钟楼，一左一右，中间的大门，
[illegible]
一对钟楼，[illegible]
Isa Ibn-Mojsche: [illegible]
lachawle! lachawle!
[illegible] Pontus.
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] Musa Ibn-Isa [illegible]

כינעזיש

Τὸ Στερεοφωνικὸ ἀποτέλεσμα
τοῦ Τζοῦμα-Τζαμιοῦ στὸ λιμάνι τῆς Εὐπατορίας

Δυό Μιναρέδες, δυό πύργοι – δεξιὰ κι ἀριστερὰ ἀπ' τὸν τροῦλλο,
ὅταν ἦρθες Μωυσῆ Ibn-Yitzhak, πολὺ πρωΐ ἀπ' τὴ θάλασσα·
δυό πύργοι καὶ μιὰ πύλη στὴ μέση – σὰν μιὰ θύρα
στὴν Ἤπειρο (Εὐρώπη) μὲ ἄμμο, δάση καὶ χιόνι·
δυό πύργοι – αὐτοὶ καὶ σένα σ' ὁδηγοῦν μὲς' ἀπ' τὸ σκοτάδι,
Isa Ibn-Mojsche: ὁ δεξιός, ἐκεῖ ψηλὰ πάνω
στὴν κορυφὴ (Γιαχβέ, Γιαχβέ) φώναζε ὁ μουεζίνης
καὶ θρηνοῦσε, [illegible] εἶναι ἀπ' ὅλο τὸν Εὔξεινο Πόντο,
κι ὁ πύργος στ' ἀριστερὰ ἦταν ὁ νυχτοφύλακας, τ' ἀηδόνι,
τρίζει, σὰν νὰ τὸ σφίζανε,
ἕνα εἶδος ὑστερικὸ πουλί,
καὶ τὸ μικρὸ φιλάρεσκο παιδί ξυπνοῦσε στὴν Κωνσταντινούπολη,
στὸ μακρινό σου μεγαλόπρεπο παλάτι –
τὸν μελλοντικὸ ἔμπορο Μωυσῆ Ibn-Isa.

גריכיש

**Meschitam Dshuma-Dshami Eupatoriae in portu
vim stereophonicam exercuisse**

Bina tibi minareta, binae turriculae utrimque
amplecti videntur tholum, cum luce oriente,
Musa Ibn Jizchak, venis cum aequore una -
binae propylaeis turres circumdatae - ianua tamquam
continentis terrae ad arenas silvasque nivesque.
Binae turres - quae et te in tenebris duxisse valebant,
Isa Ibn Mojsche: in summa dextera stabat,
qui populum (lachawle!) vocabat ad precationem
ululanti similis, personabat Euxinus totus,
dum de laeva turri nocturno tempore vigil
fictum luscinia querebatur stridula vulnus.
hystericam ut dicatis avem,
Constantinopoli exsuscitans domo in ditissima tua
puerulum illum Musam Ibn Isa lascivum,
negotiantem futurum.

לאַטײַניש

Jewpatorija 港にそびえるモスク
Dshuma-Dshami のステレオ音響効果

ドームの右と左に立つ二本の塔、ミナレット、
Musa Ibn-Jizchak、あなたが上陸とともに早朝そこへ着いた時、
二本の塔とその中央に開く門は、
まるで砂と森と雪の大陸への扉のようだった
二本の塔、それはまた Isa Ibn-Mojsche
あなたを暗闇を貫いて導いた
右の高く先端には、祈りの時を告げる者が立ち
黒海の隅々まで届くような悲しみの声を響かせた
左の塔では夜の番人であるナイチンゲールが
まるで人がこのヒステリーな鳥を絞り殺しているかのような
金切り声をあげた
そしてコンスタンチノープルのあなたの遠い宮殿では、
あのわんぱくな坊主、繊細な、将来の貿易商人、
Musa Ibn-Isa の目を覚ました

יאַפּאַניש

دو منار، دو برج جنب راست و چپ گنبد
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

פערסיש

מוינאַקי, אין די ריזיקע שלײַמבעדער

א׳

שוואַרצע רוחות מיט ווײַסע פֿאַרשפּיציקטע פּנימער ליגן פֿאַרוויקלט,
ווי ערשט וואָס געבוירענע צניפּלעך.

אַ שוואַלב פֿליט אַרום אין דער לופֿטן. דאָ לעבט זי
און כאָוועט אויס קינדערלעך – הויך, בײַ דער הייסער רערלייטונג.
קיין ליים און קיין שטרוי פֿאַר אַ נעסט איז ניטאָ – האָט זי זיך אויסגעשׂכלט
אויספּליקן האָר בײַ די תּמיד פֿאַרשלאָפֿענע רוחות.

דער גלאַנצשלײַם איז פֿעט אויפֿן מאַרמערנעם דיל, ער אָטעמט
און לאָזט אַרויס גאַז.

אַ ווערעמל, ס׳טרעפֿט, שטופּט אַרויס פֿון דעם שלײַם דאָס ראָזעווע קעפּל –
פּיקט זי׳ס תּיכּף אַרויס פֿונעם דיכווינקל בײַ דעם קליענט
און פֿאַרטראָגט עס אַרויף, און צעטיילט עס אויף זיבן חלקים.

אויף די רערן ווינט אויכעט אַ קאָטער.
ווען ער וויל, קען ער גוט דעם אַרויסגאַנג,
נאָר ער האָט זיך דאָ אײַנגעלעבט, צווישן די רוחות און שוואַלבן,
האָט מיט זיי, מיט די קליינע באַפֿעדערטע ווײַבעלעך, קינדער,
וואָס צו מאָל נאַשט ער אויף – ווען די מײַז און די פּרידלעכע שטשערעס
ווערן פּלוצעם דערשטיקט.

ב׳

איין מאָל אין יאָר, געוויינלעך סוף מײַ, נאָר ס׳מאַכט זיך גם אויגוסט,
קומט אַן אומגליק: דער שלײַם אויף חלאָים – אין 20 מינוט,
וואָס זיי וואַרעמען זיך – ווערט פֿאַרשטיינערט:
אַ פּגימהדיקע פּאַרטיע בלאָטע.

און דאַן קאָן זיי שוין קיינער ניט ראַטעווען: אָפּקלאַפּ־האַמערס ספּראַווען זיך ניט.

צו דער אַרקע שווימט צו אַ באַרזשע – און די פּאַציענטן
ווערן אַרויסגעטראָגן, יעדער באַזונדער, ווי מאָנומענטן
זיך אַליין.

מען גרוזעט זיי אָן, 60־70 שטיק, די גאַנצע גרופּע שלימאַקעס,
און מען פּירט זיי אַרויס
– וואָס ווײַטער, עק וועלט, יענזײַטס פּאַרוואַטער –
און מען שיט זיי דאָרט אויס...

ס׳בלײַבט פּאַר קיינעם קיין סוד ניט. נאָר וואָס קאָן מען, אויב ס׳איז באַשערט?
מענטשן ווילן געזונט זײַן – מוזן זיי ריזיקירן. צי ס׳לוינט זיך, ס׳איז ווערט?
די סכּנה איז גרויס, אָבער קלענער ווי, למשל, צו פֿליִען
מיטן ״אַעראָפּלאַט״, אָדער לעבן אויף אַ קײַלעכיקער ערד.

ג׳

דער שלײַם ציט אַרויס בײַ די פּוילע פּיעשטשוכן אַלע כּוחות און זאַפֿטן.

דער שלײַם פֿון דעם שלעפּעריקן מענער־אָפּטייל
און דעם פֿריילעכן – הינטערן ווענטל – פֿרויען־״באַזאַר״
ווערט שפּעטער צונויפֿגעגאָסן אין אַ קאָלאָסאַלן רעזערוואַר,
ווו מען וואַרעמט אים אונטער און מען קאָנדענסירט אים אויף ס׳נײַ –
און די קינדער,
וואָס פֿאַרפֿירן זיך דאָרט – באַהאַלטן זיך פֿאַרזיכטיק אויס
בײַ טאָג אין די גרויסע טשוגון־קעסלען (און מען זעט נאָר, ווי ס׳פּלאַצן
אויפֿן שלײַמשפּיגל בולבעס), און בײַ נאַכט
שליאָנדערן זיי איבער ליידיקע גאַרדעראָבן און אין די ווינקלען
פּונעם קילן בופֿעט – און די וועכטערס,
וואָס קוקן אין פֿענצטער אַרײַן און קלאַפּן אין גלאָז מיט די פֿינגער,
רופֿן זיי: שדים.

ד׳

בײַם גרוזינער נאָדאַר, בשעת ער איז רויִק געלעגן
אין שלײַם, אײַנגעוויקלט, איז דורכגעוואַקסן פֿון צווישן דער פּאַכווע,
פֿון רעכטס, אַ קרעפּטיקע זונבלום, אין 20 מינוט!

שווער צו זאָגן: צי ס׳האָט זיך אין שלײַם אַ זוימל פֿאַרוואַלגערט,
אָדער ס׳קערעלע האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די דראָטיקע האָר
בײַ נאָדאַרן, ווען ער, אַך, מיט זיבעצן יאָר שוין צוריק,

זיך געבאַלעוועט האָט אין די סאָנישניקעס בײַ אָדעס אויפֿן ברעג
מיטן רוסישן מיידל סוועטלאַנאַ (כ׳גיב זי דאָ אים אַוועק!).

יעדן פֿאַלס, איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דער הויפּטדאָקטער,
און דעם פּאַציענט
האָט מען מיט פּאָרזיכט צעוויקלט, און אינעם ברעזענט
אויסגעשניטן אַ דורכלאָז – דאָס שטענגל
איז וואַקסן געבליבן אין מיטן דער באַנק, און נאָדאַר, מיט אַ האַרציקן דאַנק
פֿאַרן לאָך,
איז מסכּים געווען קאָמפּענסירן דעם היזק
אויף אַ האַלב יאָר
פֿאַר דעם מענטשן־אָרט, זעקס אַרבעטסטעג יעדע וואָך!
די סיבה:
אין ליכטיקן אָנדענק פֿון זײַן ערשטער, אומאויסשעפּלעכער ליבע.

ה׳

ווו איז די צערטלעכע טאָמאַ, די בריגאַדירשע
פֿון די שלײַמטרעגערינס?

יאָ, דער שלײַם איז הײַנט שוואַרץ און געדיכט ווי אַנומלט, נאָר עפּעס
מיט אַ פּורפּור־רויטן פֿונק.

ניין, איך וויל זיך ניט קלאָגן דעם שעף, איך וויל פּשוט וויסן,
ווו איז זי, די טאָמאַ מיט צוויי טונקל־זונפֿטיקע אויגן,
די פֿרוי, וואָס זי האָט שוין בײַם ערשטן באַריר פֿאַרליבט זיך אין מיר
און אַרומגעלייגט, אַזוי מילד און פֿרײַגיביק, מיטן שלײַם, נאָר ווי עפּעס
אַ נאַרציס פֿון שרון,
און צוויי וואָכן אַרום, יענעם דינסטיק
פּלוץ זיך מודה געווען און געזאָגט, הייסט עס אָנגעזאָגט מיר:
״זאָלסט וויסן, געליבטער, איך נעם זיך דאָס לעבן פֿאַר ליבע צו דיר!״

ווו זשע איז זי, די צערטלעכע טאָמאַ, די געטרײַע, כאָטש ניט אַזוי יונג,
און פֿאַר וואָס איז דער שלײַם הײַנט, זעט, מיט אַ פּורפּורנעם פֿונק?

צו גאַסט בײַ דעם פֿעטער רחמיאל, בײַם אַמעריקאַנער

א׳

דער שאָפֿער צעלאַכט זיך...

אויפֿן הינטערשטן פּוף, אינעם אָפֿענעם לימוזין
זיצט אַנדרייקאַ, ער נעמט פֿונעם אַרבל אַראָפּ מיט צוויי פֿינגער
דאָס לופֿטיקע ליבעלע,
גיט׳ס אַ קער מיטן בײַכל אַרויף, כאַפּט עס אָן בײַ די פֿליגלעך, באַטראַכט
די פּאָר גלעזערנע קײַלעכס ווו ס׳שפּיגלט זיך אָפּ
אַ צעטרעשטשעטע וועלט, און בײַם עק
דאָס טראָפּנדל דזשעגעכץ – פֿון אַנגסט? טוט אַ רײַס אָפּ אַ פֿיסל,
אַ כאַפּערל, – אַך, עס פּרוווט זיך נאָך? און מיט אַ מאָל –
ביידע אונטערשטע פֿלאַטערס, די אייבערשטע קיצלען די פֿינגער,
נאָר ניט לאַנג שוין... ער פּאָרשט אויס דעם גרויזאַמען גרויסן שטיק קאָפּ
און די דרײַ נאָך באַוועגלעכע לאַפּקעס אויפֿן לײַב בײַ דעם וואָרעם:
– קאַפּוט!

דער שאָפֿער פֿון פֿאָרנט קוקט זיך אום, פֿאַרשטייט און צעלאַכט זיך.

ב׳

אַנדרייקאַ שטייט באַטויבט און פֿאַרטײַעט אויף דער לאָנקע, אין מיטן די בערג:
עס דופֿטן גוואַלדאָוונע בלומען, דער הימל איז בלאָוו, פֿון פֿאַרלאָשענעם קראַטער
שטעקן שטראַלן אַרויס; אַנדרייקאַ פֿאַרזשמורעט די אויגן,
די ווײַעס פֿאַרקלעפּן זיך אים, און ער זעט אין דער לופֿט
דורך צוויי קיצלענדיקדינינקע שפּעלטלעך: קײַלעכלעך, שטעקעלעך, פֿעדעם,
פּאַוועטינקעס און ווערעמלעך – זאָלן מיקראָבן עס זײַן?
ניט אומזיסט האָט דער זיידע פּעטראָ אים געזאָגט פֿאַרן פֿליִען:
– וו׳היין פֿאָרסטו, אַ קויטיקע וועלט...

ג׳

אַ קינד בלײַבט אַ קינד... אַז ער זעט עפּעס, גלייבט ער. ער זעט
אַ קאָנטור, אַ מענטשן, אַ דורכזעיִקן גוף – ביזן הימל
און מיט צוויי אויפֿגעהויבענע פֿאָנען אין צוויי לאַנגע הענט:
אַ סערפּ און אַ האַמער אויף איינער אַ פֿאָן, און אַ שטיק בלאָווע
הייך מיט שטערן – אויף דר׳אַנדערער. אַך,
האָסט געזען דאָך דעם גײַסט פֿון רייקיאַוויק, זאָגט אים דער פֿעטער
אויף ייִדיש, אויף ענגליש, די מאַמע דערקלערט׳ס אים אויף רוסיש,
נאָר אַנדרייקאַ ווייסט איינס: דאָס געווען איז אַ מאַרסיאַנער!
און שפּאַרט זיך, און שטייט אָן אויף זײַנס... אַ קינד בלײַבט אַ קינד.



פּרעסקע "קיום"

פֿאַר אַבֿרהם סוצקעווער

א׳

אָ, די ראָזעווע תּקופֿה פֿון הומאַניזם און דערשטיקטע גורלות...

און אין איינעם אַ טאָג זאָג איך: האָדיע! כ׳לויף אַרויס אויף דער גאַס,
כ׳כאַפּ אַ בלאָוון שלוק לופֿט און ווער בגילופֿין, מיט גרויסע
לאַנגזאַמע שפּרונגען, ווי פֿאַנטאָמאַס, גליטשע׳ך צו
צו דעם שטאָטצענטער: כ׳לאָז אַרויס פֿון דער פּלייצע צוויי לײַכטע
פּוך־שנייִקע פֿליגל, ווי אַ פּאָר פֿעכערס, כ׳צעשפּרייט זיי
און נעם זיך, אין שווונג, אָפּצווווישן די שוואַרצע וויטרינעס
פֿון לינקס, און פֿון רעכטס – געגליווערטע פּנימער, אַקסלען און רײַכע
ווײַבערשע בריסט. עס דערהערט זיך: געוואַלד! קאַראַוווּל!
מען פֿאַרגייט זיך, מען קוויטשעט, מען מאַכט אָן אַ פּאַניק,
מ׳כאַפּט מיך אָן, אַהאַ, בײַ דער פּאָלע, איך דריי זיך אַרויס
און פֿאַרגיכער דעם פֿלייִקן שפּאַן, נאָר כ׳באַמערק, ווי אַ רויטע
ליידיקע – ווו איז דער שאָפֿער? – לעשמאַשין יאָגט מיך אָן...

ב׳

אין פֿעלד, אויף אַ שטיק אויפֿגעאַקערטן באָדן, אויף דר׳ערד
זעץ איך זיך צו, כ׳נעם אַרום מיט די הענט ביידע קניִעס
און פֿאַרגעס זיך, כ׳דערפֿיל, ווי סע נעמט פֿון דעם קאָפּ בײַ מיר וואַקסן
און צעבליט זיך אַ קאַרשנבוים, ווי אין גאָרטן גת שמנים,
און סע הענגען, ווי זעק, אין זײַן קרוינגעצווײַג זיבן זעלבסטמערדער,
זיבן ליאָוועס פֿון אַלערליי עלטערס – פֿון דעם עמבריאָן
(ווי אַן אָפּגעקאָכט פּישל) און ביז דעם פֿאַרכריפּעטן, גראָוון
הונדערט־יאָריקן זקן, זיי לאַכן, זיי שמועסן זיך איבער,
זינגען אונטער און יאָפּקען זיך, און דערמאָנען זיך – יעדער
אין זײַן אייגן אַמאָליקן לעבן,
און ווי׳זוי האָבן זיי עס (דאָס לעבן) איבערגעגעבן,
ווי אַ וואַזע, איינער דעם אַנדערן, און ווי אַזוי
האָט אָט דער פּליכעוואַטער, דער יאָלד, עס שיִער נישט פֿאַרלוירן

פֿון די הענט, ווען ער האָט, דער בן־זונבֿ, זיך פֿאַרקוקט אויף סוועטלאַנען
ווי אַ הימלאָזער הונט – נאָר דער צווייטער
(שוין, הייסט עס, דער פֿינפֿטער)
האָט אַוודאי עס אונטערגעכאַפּט, נאָר, אַוודאי
האָט די וואַזע באַקומען אַ שפּאַלט...

ג׳

איך שפּאַן ווײַטער, איך קום אָן קיין ריגע. דער גרויסער און פּוסטער
סאָבאָר. כ׳זעץ זיך צו בײַ דעם אָרגל, בײַם מלאך העט אויבן
שווײַגט דער לאַנגער פֿאַנפֿאַר אין דער האַנט...
כ׳גרייט אָן
און צערײַב מײַנע פֿינגער, ווי מתימלעך, –
פּלוצעם
גיב איך – שמע, מענטשן־דור! – אַ שרעקלעכן נערעק, אַ קנאַק
אין די קלאַווישן! וויי, ווי סע טרייסלט די ווענט פֿון מײַן ״פֿריילעכס״
און מײַן ״שער״, ווי ס׳צעשפּאַלט זיך דער גאָטישער דאַך!
און די וועלט דרייט *צ ו מ י ר* אויס דעם אויער, און כ׳מאַך עס
crescendo
און
dansant
ווי סע קער צו זײַן! ס׳שיטן זיך שטיינער, קאַלך, סעלעניט.

און ווען כ׳הייב אויף דעם קאָפּ, זע איך דורכן צעטרעשטשעטן הימל
הויך אין קאָסמאָס – דעם דרײַעק, מיטן אייביקן אויג אין דער מיט.

HYMNORIUM:

אַ הימען פֿאַר מײַן ערשטער געליבטער

בעסער וואָלטסטו געשטאָרבן.

בעסער וואָלטסטו געשטאָרבן, פּאָלינע, מײַן ערשטע געליבטע, מײַן ליאַליע,
וואָלט ערגעץ אויף יענער זײַט וועלט כאָטש געבליבן אַן עדות, אַ שותּף
פֿון מײַן יוגנט, און אפֿשר אין גיכן
וואָלטן מיר שוין אין איינעם דאָרט געזעסן אויף עפּעס אַ ברעג
און אַראָפּגעקוקט ביידע אויף דר׳ערד, און דערמאָנט זיך צו ביסלעך,
דערקענט
דעם פּייזאַזש, וואָס אַ מאָל האָט געקלאַפּט אונדז מיט שײַן אין די אויגן:
דעם הויף אונטער פּערסישן בעז; דעם שוואַרץ־רויטלעכן טעריקאָן[1];
דאָס לאַנד, ווו מיר פֿלעגן זיך וואַלגערן נאַקעט אין אין טוי,
צי אין זון,
צי אין פּוך פֿון אַ טאָפּאָל;
דעם טײַך, ווו מיר פֿלעגן זיך באָדן בײַ נאַכט, ווי צוויי פֿערדלעך...

אַוודאי קאָן זײַן, אַז קיין שום יענע־וועלט איז ניטאָ,
ס׳נאָך אָבער אַ פֿראַגע, אַ האָפֿענונג ס׳הייסט...
און אַזוי
ביסטו פּשוט פֿאַרלוירן געוואָרן פֿאַר אונדז, סתּם אויסגעלעבט נעבעך
דײַן לאַכן, די קושן ווי פֿײַער, דײַן זיפֿץ פֿון אַ קינד
וואָס מען נעמט בײַ אים פּלוצעם דאָס נאַשעכץ אַוועק...

בעסער וואָלטסטו געשטאָרבן.

דו עפֿנסט די טיר מיר און כ׳זע: בעסער וואָלטסטו געשטאָרבן.

דו עפֿנסט די טיר: בעסער וואָלט איך געשטאָרבן
מיט דרײַ צענדליק וועסנעס צוריק – פֿון ליבע און גליק.

[1] קווילנשלאַק־באַרג (רוס׳).

צווייטער הימען פֿאַר מײַן ערשטער געליבטער

איצטער ווייס איך: דער גן־עדן ליגט דאָרט, אין דער ריכטונג צו טולאַ.

ווײַל פֿון דאָרטן, ווען מ׳האָט ערגעץ אויף יענער זײַט וועלט
פֿאַר דיר
אויפֿגעעפֿנט דעם טויער,
איז דאָ אָנגעפֿלויגן דער שקוואַל.
איצטער ווייס איך: ס׳אַ נעץ דאָרט, אַ קעלט, ס׳טוט זיך חושך־וחשכות –
ווײַל די עטלעכע שעה, וואָס זיי האָבן אים אָפֿן געהאַלטן,
גנעדיק וואַרטנדיק זאָלסט שוין אַרײַן – בעת דו האָסט מיך געזוכט
דאָ אין שטאָט, אין די גאַסן און ליקלעך, און סעדער, און זיך פּאַניש געקלאַפּט
אין אונדזער נאַטור, ווי אַ פֿויגל אין גלאָז, מיט דײַן לעצטן, שוין איינציקן ברען:
די נשמה אויסווײַנען פֿאַר מיר, –
האָט געהודיעט, אַ שעה נאָך אַ שעה, ס׳האָט געוואָרפֿן מיט שטיינער
און מיט ליים פֿון די אַשביימער־וואָרצלען, וואָס זענען געפֿלויגן
אַזוי הויך, אַז ד׳האָסט מיך אין מײַן פֿענצטער, אויך בײַם בליץ, ניט דערזען...

און איצט ווייס איך ניט: ביסט שוין דאָרטן בײַ זיך, צי בײַם טויער
האָבן זיי זיך אויף דיר ניט דערוואַרט און פֿאַרשפּאַרט אים –
און דו בלאָנדזשעסט שוין ווידער
אָדער שטייסט
– באָזשע מאָי! –
ערגעץ דאָ אויף מײַן גאַס,
אין דער זוניקער וועלט, וואָס זי שטראַלט נאָכן שטורעם אַזוי?

דריטער הימען פֿאַר מײַן ערשטער געליבטער

די ערד און די ימען – אַ נער־מאַסע פֿאַר די אַלע וואָס דעכען,
און דער הימל איז אויך ניט קיין וואַקוום – אַ רוים, אָנגעשטאָפּט
מיט קערפּערס פֿון שטערן, מיט שליחים, ראַקעטעס...
וואָס זשע בלײַבט פֿאַר י׳ י׳ אָבער, ווער אַנומלט האָט דאָ אָנגעווירן
זײַן גוף, און פֿאַרשטייט דאָרט ניט נעבעך צו פֿליִען, צו שוועבן, צו הענגען –
בלויז שפּירן און זען? און ווו זאָלן זיי זומערן הײַנט,
ענדע מײַ, און ווו זאָלן זיי נעכטיקן דאָרט ווען סע פֿינצטערט,
און ווו זאָלן זיי ווינטערן מאָרגן גאַנץ פֿרי, ווען דער טוי
צי דאָס ווײַסע געפֿריר פֿונעם מילכוועג האָט זיך דאָ שוין געלייגט
אויפֿן פּערסישן בעז, אויפֿן דאַך און דעם פּלויט? – פֿאַר זיי בלײַבט דאָרט
נאָר די לופֿטיקע גרעב פֿון דער ערד־אַטמאָספֿער, אַלע כּל־מיני שיכטן
מיט פֿאַרשידענער מאָס פֿון געדיכטקייט און קלאָרקייט, ווו זיי
קענען וואַנדערן שטיל, לויטן אײַנפּיר און גײַסטיקן צושטאַנד –
ווערטיקאַל, צי באַלכסון...
דאָך מיינט ניט, אַז הויל איז די לופֿט
אָדער ליידיק: דורכזעיִקע פֿעסטונגען, טורעמס, שלאָסשפּיצן
שטייען איבער די בלויִקע טײַכן און סטאַוון; און ווייץ
אָדער גאָלדענע שטראַלן זאַנגלען זיך אין די גרונטלאָזע פֿעלדער;
אומבאַצוימטע ראָזאַריומס, גערטנער ווייען מיט אַראָמאַט.
און העט ווײַט, אויף פֿאַרוואָרפֿענע פּוסטבאָדנס – צווישן די שליאַכן
בונט געשטריכענע, אַנגסטיקע מיסטפּלעצער, גריבער און הויפֿנס פֿון חטא
און פֿון שבֿועות; פֿון בלוטיקע שמייכלעך; ליכטיקע טרערן,
וועלכע וואַקסן ווי בלומען אויף עפּעס אַ סקלאַד פֿון אוטיל
צי אויף אויטאָמאָבילן־בית־עולמס...
דו זעצסט זיך אַנידער
ערגעץ ווו אין אַ זײַט דאָרט, אויף אַ לופֿטשטיין, קוקסט ווי ס׳שווימען אַרויף
פֿון דער טיף, פֿון דײַן אָקאָרשטיק היימלאַנד, פֿון דר׳ערד – די רויט־שוואַרצע
שטיקער לייכעץ און שינאה־אויסדאַמפֿונגען... מיך דאָ – זעסטו נאָך אָן?
בייג זיך אָן, שטעל צום קרײַזל די קליינינקע פֿלאַך צו: פֿיר שרעקלעכע זאָגעס
אונדז צעשיידן, די פֿינפֿטע דימענסיע איז לעת־עתּה נאָך דיסקוטיוו,
נאָר כ׳דערקען דיך אין איר: ביסט מײַן מענטש, מײַן בליץ לעבן, מײַן יוגנט,
ליאַליאַ, ליאַליאַ, שטרעק אויס מיר דײַן גרינלאַזן לולבֿ, צי אויס

דײַן אַמאָליקע האַנט, גיב מיר ווידער אַ קוש, דײַנע ליפּן
זיך צעבלִיען ניט מער – ווי אַ רויז אויף דער קאָסמישער שיף
ווערט פֿאַרגלעזערט... לאָמיר לאָזן אין וועג זיך, איבערן לופֿטלאַנד,
ווּ דער אײביקער טרוים איז פֿאַרווירקלעכט – די קאָעקסיסטענץ
פֿון די טויטע און לעבעדיקע; פֿאַר מיר זאָלסטו מורא ניט האָבן,
כ׳קען די אײבערשטע באַנען, די טיפֿע טראַנשייען, ווי נ׳שניי
אויסגעשויפֿלט אין הימל־לאַזור, אין דעם תהום ביזן ערד־דנאָ,
ווּ מיר בלאָנדזשען דאָ, פֿליישיקע וועזנס, מיט אַ פֿאַלשן געפֿיל,
אַז מיר שפּאַצירן אַרום אַדאָ – וו׳הין יעדער עס וויל....

דעפּאָ

אָ, איינזאַמע עלטער – באַראָקאָ, אַ רײַכער פּאָרטאַל מיט פּאַרפּוילטע
אויסגעהוילטע
צוויי לייבן
רעכטס און לינקס פֿונעם ריזיקן טויער־אַרײַנפֿאָר
אין דעם שוואַרצן דעפּאָ, ווו ס׳שײַנען די רעלסן, און הויל איז דער קופּאָל
אונטערן שפּיץ
אויפֿן דאַך,
פֿון וועלכן אַ בלינדער גיפּסענער מלאך
טוט פּלוצעם אַ הודיע אַראָפּ
אויף דר׳ערד
מיט אַ קרעכץ פֿונעם ווינט וואָס בלאָזט אויף דאָס פֿאַרזשאַווערטע אײַזן.

זײַן לעבן, זײַן לויפֿן
ניט אָפּשטעלנדיק – ווי אַ שווערער "קאָוראָוועץ"[1],
אַהין, אין דער שטאָלענער טיר מיט דרײַ אויטאָמאַטישע אויגן, –
ווי אין פּורגאַטאָריום
פֿאָרט מײַן טאַטע שווערמוטיק אַרײַן.

אָ, מײַן האַרץ, אָ, מײַן שמערץ מיט דעם אויטאָמאַטישן ציק־צאַק!

אַ קאָנטור
פֿון אַ שטראַלנדן מאַנצבל (אין די גאָלד׳נע זכרונ־דרויִנעס),
וואָס גיט מיר צום זייגן (און אפֿשר ביז הײַנט) פֿון זײַן ברוסט!

(צי כ׳וועל אַ מאָל אויכעט זיך חלומען מײַן הײַנטיקן צניפֿל,
וואָס איז שלאָף, און איך האַלט אויף די הענט אים, און עס ווײַנט
די גאַנצע אומענדלעכע נאַכט?
צי כ׳וועל קומען אין חלום צו אים – שוין אין דריטן יאָרטויזנט –
אין אַ מאָדנעם קאָנטור: אַ צויג, שטראַלט אַזש פֿאַר ווייטיק און לאַכט)?

ס׳האָט דער טויער פֿאַרמאַכט זיך.

---

[1] אַן אײַזנבאַן־עקספּרעס־קאַווּאַטאָר.

מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט איר געוווי און דערוואָרגענעם זיפֿץ,
איז פֿאַרגלעזערט געוואָרן
די נאַטור. דער זאַפֿט אין דיביימער
– פֿאַרדאַרט און פֿאַרשפּיציקט געוואָרן ווי שטיינדלעך –
האָט צעריסן די אָדערן ביי די בערעזעס, די קאָרע, ס׳געוועב.
ערגעץ ווייַט אויפֿן דרום
האָבן טיגעריכעס ביי זיך
אָפּגעביסן די קאָדעס. הויך איבערן פּאָלאַר־שטערן
זענען געהאָנגען, פֿאַרהיפּנאָטיזירט, אין אומפֿאַרשעמלעכע פּאָזעס,
מאַרסיאַנער – און האָבן געגלאָצט
און געוואַרט.

– האַלאָ!

איך האָב אויפֿגעקליבן דעם טעלעפּאַטישן נומער
און זיך צוגעהערט לאַנג צו דעם ווידערקול אונטערן קופּאָל
מיטן לאָך ווו ס׳איז פֿריִער געשטאַנען דער שפּיץ מיטן מלאך אויף אים, –
נאָר די פּוסטקייט פֿונעם איבערגעעלטערטן רוים
האָט אין קאָסמאָס מסתּם אָקסידירט די קבלה־קאַנאַלן.

– האַלאָ!
איך ווייס, דו שטייסט דאָרט און הערסט מיך און גיסט ניט קיין ענטפֿער.
דו, אַכזריותדיקער, מיטן ייִנגל אין מיר
האָסטו זיך אָפּגעזעגנט לאַנגע יאָרן שוין פֿאַר מיַין געשריי,
מיט וועלכן כ׳געזעגן זיך, טאָטע, מיט דיר דאָ, אַזוי ווי איך שטיי.

אַ מין קרעכצן און דונערן אין דעם געמויער, און עפּעס אַ קנאַל:
דאָס צערוקט זיך די הינטערשטע וואַנט אין דעפּאָ, ס׳אפֿשר דיני־נפֿשות,
און סע רייַסט זיך אַרויס, ווי אַ פֿייַערל, דאָס גסיסה־חשכות,
און אַ פּאַרע, אַ לייַכט־ווייַסער אָטעם, און אַ ווייַנענדיקער סיגנאַל.

פּאָעמעס



פֿאָטאָ: ל.ב. יוני 1991[1]



1.11.1996
טייַערער לעוו בערינסקי,
אַ יישר־כּוח פֿאַר אייַער בוך!
די שורות גליִען ממש מיט פּאָעזיע.
איר זייַט אַן אמתער פּאָעט.
אַז איר וועט זייַן אין תּל־אָבֿיבֿ –
קומט אַרייַן צו מיר.
זייַט געבענטשט.
אייַער
אַבֿרהם סוצקעווער

---

[1] דאָס בריוועלע איז אַן ענטפֿער אויף דעם צוגעשיקטן בוך "פֿישפֿאַנג אין ווענעציע":
"1.11.1996 טייַערער לעוו בערינסקי, אַ יישר־כּוח פֿאַר אייַער בוך! די שורות גליִען ממש מיט פּאָעזיע. איר זייַט אַן אמתער פּאָעט. אַז איר וועט זייַן אין תּל־אָבֿיבֿ – קומט אַרייַן צו מיר. זייַט געבענטשט. אַבֿרהם סוצקעווער".

אַ וויַטגרייכיקער קריַזבויגן

ס׳איז נישט פּשוט, זיך צום שאַפֿן פֿון לעוו בערינסקי האַרט צו דערנעענטערן. מיט אָן אײַנגעשפּאַרטן שאַרם ווידערשפּעניקט עס יעדע מאַרקירונג. דאָ ווערט דער העכסטער פּאַטאָס דערגרייכט און איראָניש געבראָכן, דער יחידישער ליבעשמערץ ווערט באַטראַכט ווי אַ גלאָבאַלע קאַטאַסטראָפֿע, אין די גראָטעסק־מעטאַפֿאָרן הערן זיך אָפּקלאַנגען פֿון דעם פֿראַנצייזישן אַוואַנגאַרד און דער קאַבאַליסטישער ציפֿער־מאַגיע. און אַלץ געדיכטער ווערט פֿאַרמישט אין דעם סטיל, אין דער דיכטונג – די מאָדערנע טערמינאָלאָגיע מיטן סלענג, אומגאַנגסשפּראַך פֿון דער גאַס. און גלייבט שוין דער פֿאַרבלענדטער לייענער, אַז ער האָט געכאַפּט דעם מחברס שפּור, פּועלט ער תּיכּף אויס בײַ אים נאָך אַ סורפּריז, און נאָך איינעם! דערצו שטויסטו זיך מאָמענטאַל אָן אין דעם בבֿלשן לשונות־געווירבל פֿון אוקראַיִניש, רוסיש, דײַטש און רומעניש, גריכישע סענטענצן און העברעיִשע ציטאַטן.

אַ משוגענער? קאָן זײַן. אַ זשעני? אפֿשר. אַ ייִדישער דיכטער? אָן ספֿק. אָבער קוים וואָלטן מיר מיט דער אָ צורעכענונג אים אַ פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט, ווײַל – אין קעגנזאַץ צו אַנדערע ייִדישע ליטעראַטן פֿון זײַן דור – איז ער שוין אַן אָנערקענטער רוסישער פּאָעט געווען, ווען, אין דער מיט פֿון זײַן לעבן, האָט ער זיך אַנטשלאָסן צו דיכטן אויף ייִדיש.

(...) אין באַזיץ בײַ זיך האָט ער דעם אידיאָם פֿון זײַנע בעסאַראַבישע פֿאָרגייערס, מיט יענעם פֿינקלדיקן גײַסט, וויץ און סוווערעניטעט, וואָס ער האָט אויך מיט אייגענע אומצייליקע איבערראַשנדיקע אימאַזשן און נעאָלאָגיזמען באַרײַכערט.

צום מאָמענט אָבער פֿון זײַן צווייטן, זײַן ״ייִדישן״ דעבויט זענען הינטער אים יאָרן און יאָרן געלעגן – לעבנס־ און שאַפֿונגס־יאָרן פֿון אַ מאָדערנעם נאָך־קאָנפֿאָרמיסטישן באָהעמיסט. הײַנט איז בערינסקי, זעט אויס, דער קרעפֿטיקסטער נײַער פּאָדעם אין דעם אַלץ שיטערער ווערנדיקן געוועב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

בערינסקיס דיכטונג מערקט אָן אַ העט־ווײַטערע בויגן־ליניע, וואָס דערגרייכט ביז צו דער אוראַלטער ייִדישער מיסטיק און דעם פּרי־קריסטנטום, און איז שאַרף דערבײַ אָנגעצילט אויף דער קעגנוואַרט. דאָס, וואָס ווערט טעמאַטיזירט אין זײַנע טעקסטן, – איז פֿון זיך אַליין אַזוי נאַציאָנאַל, ווי דאָס אָטעמען. ס׳האָט אָבער גאָרנישט מיט נאַציאָנאַלער גאווה, פּאַטריאָטיזם, אד״גל. דער איינציקער פּאַטריאָטיזם, וועלכן דער מחבר דערלאָזט, איז – צו דער אַשכּנזישער קולטור, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ יאָר טויזנט צוריק צווישן מײַנץ, וואָרמס, קעלן און שפּײַער.

מ׳האַלט, אַז אַ גרויסן ליטעראַטור־שאַפֿער דערקענט מען לויט דעם, ווי ער – פֿון זײַנע פּערזענלעכע עמאָציעס און דערפֿאַרונגען – איז מסוגל אויפֿצושטעלן אַ נײַעם, און דאָך פֿאַר אַלעמען גילטיקן אוניווערס. לעוו בערינסקי איז איינער פֿון זיי.

אַנדריי יענדרוש, 1998

שיק מיר אַ בשׂורה

פֿאַר סוועטלאַנאַ קאָוואַלעווסקי

ברענגט די שענסטע מלבושים און פּוצט אים אויס,
טוט אַ רינגל אים אָן אויף דער האַנט
און שיך אויף די פֿיס,
און דאָס בעסטע קעלבל קלײַבט אויס און שעכט –
לאָמיר יום־טובֿן, לאָמיר זיך פֿרייען...

לוקאַס 15: 22-23

א׳

סרול פֿיקס, אַהאַספֿער[1], דער אייביקער נע־ונדניק,
איז געזעסן צווישן רויזן און פֿלאָקסן אין זײַן פּאַליסאַדניק
ערגעץ הינטער ניו־יאָרק...

עפֿנט דאָס טירל זיך אויף, און דער גוט אָנגעשאָסענער שכן
זאָגט:
– Good day!

און גיט – אַפּ! – ווי אַ כּישוף־מאַכער, אַ כאַפּ אַרויס פֿון הינטער דער פּלייצע
די האַנט – ער האַלט אַ פּאָר אויערן לאַנגע, פֿון וועלכע
ס׳הענגט אַראָפּ אַן איבערגעשראָקן חיהלע:
– כאַ!

און גיט ווידער אַ כאַפּ אַרויס – אַפּ! – פֿון הינטער דער פּלייצע
די אַנדערע האַנט מיט פּונקט אַזאַ חיהלע – אפֿשר
די אויערן לענגער אַ ביסל:
– כאַכאַ!

---

[1] פּערסאָנאַזש פֿון דער קריסטלעכער לעגענדע (אין אייראָפּע זינט דעם XIII יאָרהונדערט), דער ״אומשטערבלעכער ייִד״ – "Judeus Immortalis".
בײַ די ייִדן ווערט ער על־פּי טעות אַסאָציִירט מיט דעם מלך אַחשורוש פֿון ״מגילת אסתּר״.

ער צעלאַכט זיך און הייבט אָן צו שרײַען:

– Present! קראָליקעס! Rabbits!

און זשומעט,

ביז וואַנען דער ייִד, דער באַטויבטער, געפּלעפּטער סרול פּיקס

איז שוין מסכּים

מקבל צו זײַן די שיינע מתּנה – און תּיכּף

ווערט שטיל אינעם גערטל, און ס׳הערט זיך אַ זאַמשענער שאָרך

פֿון דעם ווײַטן שאָסיי:

ש־ש...

דאָס פּאָרל – עס שלאָפֿט שוין אין היי

ווי נאָך אַ שווערן אומרויִקן טאָג... און סרול פּיקס

לייגט אַרײַן זיי אין קוישל און טראָגט זיי אין שטיבל אַרײַן,

און מאַכט אַ געלעגער פֿאַר זיי אויף דער קיך, און פֿאַר זיך –

אינעם חדרל נעבן, אויף אַ דערמאַטינעווער סאָפֿע, און עפֿנט

די בראָשור, אויך פֿון שכן, בלעטערט און לייענט דאָרט, ווי צאַרט

און רענטאַבל

זיי זענען, ווי ליבדאָרשטיק, פּרוכטיק: יעדע צוויי־דרײַ חדשים

גיבן זיי

4 קילאָ פֿלייש,

700 גראַם פוך,

48 ביז 50 קינדער אַ יאָר!

מען דאַרף נאָר נישט האָדעווען זיי מיט בעלאַדאָנע (Atropa Belladonna),

באָליהאָלאָוו (Conium maculatum),

טשעמעריצע (Veratrum album),

און אין קיין שום פֿאַל – מיט סעכערלעך פֿון שגעוד־גראָז, בעלענאַ...

די בעסטע שטאַמען:

ס׳אַנגאָרישע קעניגל,

Deutscher Stahlhase,

Шиншила советская.

דאָס באַמעסטן און אָפּוועגן די חיהלעך הייסט: באָ־ני־טי־רונג...

סרול פּיקס לייגט אַוועק זײַן לײַנעכץ נ׳אַ זײַט, הערט זיך צו:
אויף דער קיך
שפּילט דאָס פּאָרל און סודעט זיך: פּר־פּר־פּר, שטופּט זיך, גרייט זיך,
זעט אויס, ליבן מיט דאָרשט... און ס׳איז שטיל... און מאַלאַכאָווקע פּאָפּעט
אונטער מאָסקוווער דופּטיקער פּאַכווע,
גיט אַ זיפּץ פּונעם שלאָף מיט אַ סאָסנע
און אַ פּליעסק
מיטן טײַך...

ב׳

סוועטלאַנאַ, כ׳בין אַלט, איך בין אַלט, אַזוי אַלט ווי דער ווײַ בײַ דעם מענטשן,
און עלטער, קאָן זײַן, פון דעם באָדן, אויף וועלכן מיר ליגן
אין זאַמד, בײַ די סאָסנעס, אויפן אַמאָליקן ים־גרונט, און עלטער, ודאי,
פון דײַן סלאַווישן נאָמען – סוועטלאַנאַ.

סוועטלאַנאַ, דײַן הויט גיסט זיך גרין, גיסט זיך אורוואַלדיק איבער,
כ׳טו אַ ריר מיט די ליפּן די אַזאָטישע פּאָרעס – און ווער ניט פאַרסמט,
נאָר דו ווילסט מיר ניט געבן קיין טרונק פון דײַן קוואַל,
און איך קוק בלויז מיט קינאה,
ווי אַ ליבעלע צאַפּלדיק פלאַטערט אַרום דײַנע קני...

כ׳וואָלט זיך, מירטשעם, באַגאַנגען אָן דיר – נאָר די אייביקייט מײַנע,
סוועטלאַנאַ,
פאָדערט, מאָנט, רופט דײַן נאָמען אַרויס, ווי דעם דיבוק, פון מיר,
און שטעכט דיך מיט זעמדלעך, און איז גרייט, אויב ביסט מסכים, צעשפּרייטן
ווי אַ קיליעם די גראָזן און בלעטער – אָבער ס׳גייט נישט מיט דיר!

דו פילסט ניט און הערסט ניט דעם סקריפּ פון דעם לופּטיקן קופּאָל,
דעם הונגער פון ביימער,
דעם ליים־ אָדער שטיינער־געשריי,
ווען פּוסט בלײַבט די שפּור וואָס מיר וואָלטן, סוועטלאַנאַ, געלאָזן
אין דעם ביאָספּערישן שיכט –
ווי ס׳איז ליידיק אַ שאַכטע,
און אַזוי ווי בײַ קריסטוסן הויל איז געבליבן דער שניט...

כ׳בין אַלט, נאָר די טויזנטער יאָרן, וואָס במציאות איך בין אויף דער ערד,
זענען ערשט דער בראשית, דער אָנהייב פֿון חידוש ״זכר ונקבֿה״ –
נעם אַ טרויבנקאַרש פֿון מײַן יום־טובֿ: מײַן קייסערשן קוש,
וואָס מיט אים די אומשטערבלעכקייט גיט זיך אײַך איבער, ווי אַ מגפֿה...

סרול פֿיקס רײַסט איבער זײַן תּפֿילה: די קראָליקעס וויינען...
ער הערט ווי זיי שנאָרכן מיט זייערע נעזעלעך שיינע...



קאָרפּוסקולווײַז איז, איבעררײַסיק מײַן לעבן... קאָרפּוסקולאַר
דער וועלטרוים און צײַט, און איך אָטעם צו ביסעלעך –
עטלעכע מאָל אין יאָרהונדערט,
און איצט בין איך דאָ, נאָר, סוועטלאַנאַ, מײַן קיום גייט אויס,
כ׳בין שוין נישט אַזוי דאָיִק.
מײַן קאָפּ וועט אין גיכן באַקומען אַ שכינה – ווײַל איך
לעב דאָרט כּמינהגה, אויף שפּיץ שטראַל, ווו איך האָב אַ פּאָטאָנלײַב
וואָס פֿינטלט מיט מײַן עקסיסטענץ, און איך פֿלי
מיט געשווינדקייט פֿון ליכט...
צי אפֿשר דאָס ליכט פֿאַסט זיך צו צו דעם פֿלי פֿון מײַן לעבן?

דער שטראַל האָט געגעבן אַהער אין די סאָסנעס אַ זעץ...

אַך, פֿול מיט אָזאָן און מיט קאָסמאָס איז רוסלאַנד!
סוועטלאַנאַ, מאַלאַכאָווקע וואַרט, ס׳שוין נאַכט, די גאַלאַקטיקע וואַרט,
זאָלסט קומען אין שטיבל צו מיר – און די קראָליקעס וויינען...

סרול פֿיקס הייבט זיך אויף, שטייט און קוקט זיך אַרײַן,
ווי נאָר אַ משוגענער,
אין דער ווײַטנס – און זעט דאָרט די שטאָט מאַגדאַלאַ,
הייסן הייסט דאָרט ישו ער...

פֿאַרלוירן, פֿאַרטרוימעוועט צוויי טויזנט יאָר... שוין בעסער געווען
כאָווען קראָליקעס – 4 קילאָ פֿלייש יעדער וועזן!

פֿון הײַנט און אויף ווײַטער –
קיין ליבע,
קיין חלום,
קיין טרוימען...
אויף אייביק – עמפּיריש... אַ טרוימען אויף אונדזערע שונאים!

די קעניגלעך־ווירטשאַפֿט "Tarian" (אונגאַרן) האַלט אין דער צוכט
איינצײַטיק 5300 ווײַבלעך און 800 מאַנצבלעך.
פֿאַר די און פֿאַר יענע – קודם־כּל: מיקראָקלימאַט און היגיענע.
דער קאָעפֿיציענט פֿון דעם וואַרעם־אויסטויש צווישן די ווענט און דעם דיל
דאַרף ניט העכער זײַן ווי $3{,}352\ joule/m^2$.
באַלויכטונג. קאַנאַליזאַציע. ווענטילאַציע.
דער עיקר – ווען בײַ די ווײַביכער קומט אונטער די אָווולאַציע.
די גלוסט בײַ די ווײַביכער איז אַ שטענדיקער צושטאַנד –
מיט אַן איבעררײַס, טרעפֿט זיך, פֿון אַ וואָך.
אין די באַגערטעג איז בײַ דער קראָליכע דאָס שלייפֿל אָנגעשוואָלן
און רויטלעך, אַז מען טוט זי אַ גלעט בײַ דער פּלייצע, ציט זי זיך אויס
אויפֿן דיל. צו דעם מאַנצבל פֿירט מען דאָס ווײַבל, סוועטלאַנאַ,
אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דעם אָפּעראַטאָר. ווען דער מאַנצבל
זיך דערנענטערט, נעמט זי אָן די געהעריקע פּאָזע: הייבט אונטער
איר הינטערשטן לײַבטייל און לאָזט אים אַרײַן. דאָס ווײַבל
קען מען האַלטן אויף זיכער באַפֿרוכפּערט,
ווען דער קראָליק פֿאַלט אָפּ אין אַ זײַט און לאָזט אַרויס
אַ כאַראַקטערישן קרעכץ.
ווי טישלער (W.Tischler, 1970) ווײַזט אָן, קאָן די ווײַביכע שוין אויפֿן צווייטן
טאָג נאָכן קימפּעט ווידער האָבן אַ פּאַרטנער.
לויט אייניקע אָנגאָבן (M.Prudon, 1968) ווירקט ניט בשום־אופֿן
דאָס אָוועקנעמען בײַם ווײַבל דאָס געבוירענע קינד
אויף איר ווײַטערער פּרוכטיקייט און שטענדיקער גרייטקייט און גלוסט.

ג׳

די קראָליקעס האַלדזן זיך, זיפּצן אין שלאָף... און סרול פּיקס
פֿאַרטראַכט זיך: וואָס איז די ליבע, וואָס איז אַ נפֿש
און אַ מיטלייד צום לעבן, צו דעם שענסטן געטלעכן נס...

ווי שרעקלעך געווען וואָלט די וועלט מיטן ה׳ צבֿאָות
אָן דער ליבע – בלויז דער צעוויקלטער תּורה־דרולאָן

און די טויטע צדיקים מיט ווילדע מלאָכים אין הימל
איבער דער ערד, ווו קיין איינציקער בוים איז נישטאָ און קיין איינציקער פֿויגל –
און די זין פֿון דײַן מוטער וואָלטן געצערנט, שלומית, אויף דיר
אין דער שײַן פֿונעם הייסן פּראָזשעקטאָר אין די קאַלט־שוואַרצע הייכן!

איך, דער צעבייזערטער ייִד –
שלמה,
ישו
צי דער הײַנטיקער ליאָווע בערינסקי –
איך קום אויף דער ערד איין מאָל אין אַ תקופֿה צו אײַך
און זינג אײַך פֿון ליבע, און ווײַז אײַך, איר שווענץ, וואָס הייסט ליבע...

שטיל אין מאַלאַכאָווקע... אַמסטערדאַם ברויזט... פּאָרט־אָ־פּרענס
שוויבלט מיט זונות... פּחד, טעראָר... און קיין מענטשל אַרום
הייבט די אויגן אין הימל ניט אויף, און מען וואַרט ניט אין זשום
אויף קיין שום "Отче наш",
קיין שום "Pater noster",
קיין "ברוך אַתּה אַדוני".

יהוה איז – יאָך?
בודאַ איז – בלוט?
קריסטוס איז – קריג?

ה־ה־האָספּאָדי, שיק מיר אַ בשׂורה פֿונעם אינדזל באָרנעאָ,
עפּעס אַ קאָסמישן בריוו,
אַ טונגוסישן מעטעאָריט,
אַן אַנאָמאַלע דערשײַנונג – אַ טעלער אין הימל...

נײַגעריק קוקט פֿון דער הינטערלבֿנה אַרויס
דער קאָמענדאַנט פֿון דער באַזע "2טע ערד־רעטונג",
און דרייט אויס זײַן סענסאַטאָר צו מיר,
און כ'שטרעק אויס, ווי צוויי הענט, מײַן מתפּללשן קוק,
און דערקען אין זײַן "Zeiss" (קאָפּ אַראָפּ, שרויטל־קליין)
זיך אַליין...

מאַלאַכאָווקע פּאָפּט... די קראָליקעס זיפֿצן אין שלאָף...

ס׳לאָזט זיך אַראָפּ צו סרול פּיקסן אין זײַן פּאַליסאַדניק
אַ ליכטיקער טעלער... און אַ מלאך (זעט אויס ווי אַ גלח,
סײַדן אָנגעטאָן ווײַס), צי אַן איבערגעביטענער רוח
נעמט אים אָן בײַ דעם פֿינגער און – נאָר פֿונעם שלאָף –
פֿירט צום לייטער, צו דער קאָסמישער שיף...

דאָרט זיצן, ווי פּאַראַשוטיסטן, און וואַרטן מלאָכים –
פֿון לינקס, אויף דער שפּינפּולער באַנק;
און רעכטס, אויף די פֿינצטערע בענקלעך – די גאַנצע מלאַכי־חבלה:
רוחות,
מזיקים
און שדים...
און ווען די לבֿנה פֿאַרציט זיך מיט אַ בלאָווינקן רויך,
און דאָס ליכט פֿון די פֿענצטערלעך גייט כמעט אויס – קען מען מיינען,
אַז די רוחות און די מלאָכים
האָבן זיך מיט די ערטער געביטן, צי, קאָן זײַן, מיט דעם קערפּער...

– סטאַרט! –
באַפֿעלט סאַמאָעל[1] (דער שׂטן לוציפֿער), און צוויי פֿלינקע שיפּסיונגען
שפּרינגען אַרויס
דורכן ליוק
און לאָזן זיך לויפֿן איבערן הויף, און ציִען צוויי טראָסן,
וואָס זיי גיבן אַ וואָרף, אַ טו אָן פֿון דער ווײַט, ווי אין צירק,
אויף דער וואַסער־קאָלאָנקע און אויפֿן קאָרטש פֿון אַ סאָסנע –
בײַ די קלאָונען הייסט דאָס "אַ שטריק־טריק"...

– נאַראָנים! –
שמייכלט סרול פּיקס נעבן אילומינאַטאָר, –
אַלדינגס איז בײַ זיי דורכן לאָך! ווען אָט דאָ
(ער פּיקט מיטן פֿינגער פֿון רעכטער די לינקע האַנטפֿלאַך),
ווען דאָ וועלן אויסוואַקסן האָר –
וועט זיי אויפֿהייבן זיך זייער טעלער...

[1] סמאל (קבלה) – דער עלטסטער פֿון די טײַוואָלים.

נאָר ער זעט, ווי די יונגעג שוין יאָגן צוריק,
און דער הויפּט־קעסל־הייצער לייגט אונטער אַ לאָפּעטע שײַן,
און דער יצר־הרע לאָזט אין וועג דעם שטילן מאָטאָר...

– מײַן קאָלאָנקע! –
צערעשט זיך סרול פּיקס, –
וועסט אַרויסרײַסן מיר די קאָלאָנקע! – צעגייט זיך סרול פּיקס, –
מײַן קאָלאָנקע – דרײַ מאות און אַ ליטראָווע פֿלאַש משקה...

און פּלוצעם צעלאַכט ער זיך: ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט נאָר,
ווי קאָמיש און נאַריש
ס׳וועט אויסזען דער טעלער אין הימל
ערגעץ איבערן בלויען בערמודישן דרײַעק...

ער פֿליט?

ער פֿילט ווי זיי הייבן זיך אויף, און די ערד לייגט זיך שוין אויף אַ זײַט אַ מין שטילקייט, אַ נאַכטשײַן, ער מאַכט צו די אויגן, און ס׳הערט זיך פֿון אונטן: פֿר! פֿר!
פֿר! פֿר! פֿר!

– מײַנע קראָליקעס! אוי, מײַנע קינדערלעך! מײַנע יתומים!

דאָרט, אויף דער ערד אויף דער ליבער,
ווו לעבן איז תּענוג ווי גוט,
אויף וועמען דאָרט לאָז איך אײַך איבער,
צוויי פּוכלעך פֿון פֿלייש און פֿון בלוט?

אַכזריותדיק, גרויס איז דער גיבור,
מסוכּן מײַן ווײַטער מאַרשרוט,
אויף וועמען זשע לאָז איך אײַך איבער,
צוויי זעלן מיט גלוט אינעם בלוט?

אַ האַלוצינאַטאָרישער פֿיבער,
אַ חלום פֿאַרוויגט מײַן קאַיוט...
אויף הונגער און דאָרשט כ׳לאָז אײַך איבער...
אויף כּפּרות... ס׳ווי judenkaput...

אַ פּאַסיקל ערד ציט זיך נאָך אין דער לופֿט – אַ פֿלי־שלאַנג אויף אַ פֿאָדעם –
און ס׳צעוויקלט זיך אונדזער פּלאַנעט, ווי אַ קאָקאָן – דער גרינער
סטעפּ־שטח און וועלדער, דאָס הויכלאַנד וואַלדיי און
– אָט כ׳האָב עס! –
דער אויסגעשניטענער טיגער מיטן באַלטישן ים אין די לאַפּעס,
און אַלץ ווײַטער ווערט אונטן אַלצדינג, און אַלץ דינער...

און אַ פֿאַרבן־וואַל לויפֿט דעם ליכטשיפֿל נאָך, פֿאַרשפּרייט זיך אין שימער...

– אַזוי,
– הייבט אָן זײַן לימוד דער טשאָרט,–
אַזוי ווערט געשאַפֿן דער קאָסמאָס, דער געטלעכער רוים אָן אַ סוף –
און אַ סוף נעמט ער דאָרט,
ווו מיר שטעלן זיך אָפּ, הערן אויף אים צעוויקלען, – זאָגט שׂטן –
דעם ערדישן באָדן...

אומענדלעך, אומענדלעך איז, אמת, דער רוים,
וועלכנס שטאָף אפֿשר קאָן
זײַן צעצויגן –כ׳מיין אויך די מאַטעריע – ביז אַ דינקייט
פֿון 0,3 000 000 000 000 000 000 000 000 מיקראָן!

קוק זיך, סרוליקל, אום אויפֿן ברונעם לעם דער אַלטער מאַלאַכאָווקער בריק –
אַ גראַוויטאַציע־לאָך,
פֿון וועלכן עס קומט שוין קיין שטראַל און קיין שפּײַ ניט צוריק,



נאָר דורך וועלכן,
לויט דער נײַער טעאָריע (*מײַן קאָפּירײַט*[1]),
ס׳גייט די פֿאַרבינדונג
מיט נשמות פֿון יענער זײַט וועלט און פֿון יענער זײַט צײַט...

– גיב אַ קוק, ס׳שוין ניו־יאָרק, – טוט פֿון פֿאָרנט אַ זאָג דער פּילאָט, –
אַ געשטערן, אַ פֿלאַך פֿון עלעקטרישן זנות
(מאַכט דער שׂטן: שטיפּ נישט די נוז!)
– זעסט דאָס שוואַרצינקע פּינטעלע – דעם מעטאַסטאַז
אויפֿן קנעכל בײַם גאָט?...

---

[1] Л.Беринский. «Малаховка – поселение ангелов»

ד׳

סמאל פּירט סרול פּיקסן אַרויס אין דעם מידבר יהודה –
אין די הימלשע זאַמדן,
ווו ער וועט אים פֿאַרפּירן, פֿאַרנאַרן און שטעלן
פֿאַר הונדערט נסיונות,
ווי אַ מאָל אויסגעפּרוווט האָט ער דעם בעל־חלומות הנוצרי...

פֿאַרשימלטע זעמד, באַדעקטע מיט שלײַם און מיט יאַשטשערקעס־פּיסלעך,
און מיט שוואָמען (אַך, שוואָמען אין סאָסנעס!), מיט שוואַרץ־רויטע שוואָמען,
וואָס גיבן אַ פּיק ווען מען רירט זיי נאָר אָן – און מי׳יאַד הייבט זיך אויף
אַ נוקלעאַרער,
פֿאַרסמטער,
פֿאַרשטונקענער וואָלקן...

פֿאַרשימלטע זאַמדן און טויט־רויטע שוואָמען, און אין דער האַנט
אַ געפּלאָכטן בערעזעווע קוישעלע, ווי פֿון קינדהייט דערטראָגן–
וואָס וויל ער דערמיט, דער שׂטן אין מידבר, דיר זאָגן?

ס׳צעבליט זיך דער פּרילינג ... עס שײַנט... ס׳פֿאַראַיאָריקע גראָז,
– זאָגט ער, – דאַרפֿסטו פֿאַרברענען, אַז נײַע געשטרויכן און לאָזעס
זאָלן אויסוואַקסן אויף די פּלאַנעטן־שיפּועים, –
און סרול פּיקס – די מיתה־משונה זאָל שוין קומען אויף אים! –
צינדט אונטער דעם קאָסמאָס...

דער סאַמעך־מעם לאַכט: מער ווי אַלץ אויף דער וועלט
האָב איך ליב, – זאָגט ער טרוימעריש, – די רעליקטאָווע שטראַלונג...

הלך, סרוליק, זײַ אויס!

ער לויפֿט און פֿאַרזינקט אינעם זאַמד, און הערט אַ געלעכטער:
– סרול פּיקס,
ס׳איז דער סוף פֿונעם אין־סוף! נאָך אַ שפּאַן – און דו בלײַבסט אָן אַ פּוס,
ווײַל די פּינצטערניש שנײַדט אים דיר אָפּ,
און צוריק קומסטו שוין צו סוועטלאַנען און שטייסט דאָרט פֿאַר איר
– זאָל בײַם גוי אַזוי שטיין! –
אַ געאָרגעווסקער קאַוואַליר מיטן פּאָרץ אינעם שטיוול...

און דער שׂטן אים צפֿון צו פֿירט, קיין גליל,
און אים נאַזנדיק לייגט,
ער זאָל זען אויף טשיקאַוועס דעם שוואַרץ־ווײַסן פֿילם
– אַ פֿראַגמענט פֿון דער כראָניק –
"וויזיט קיין סיני"...

אַ ריזיקע, רזשאַווע ראַקעטע, פֿון די, וואָס פֿון לאַנג
זענען שוין מיט די לויכטנדיק־הימלישע טעלערס פֿאַרביטן,
לאָזט זיך אַראָפּ
צו דער איבערגעשראָקענער מענטשהייט,
אין פֿײַער,
אין דונערס,
אין וואָלקנס,
אויפֿן באַרג, וועלכער פּוסט איז פֿון אויבן ביז אונטן, באַצוימט
מיט געפֿלאָכטענעם שטעכדראָט...

ס׳עפֿנט אויף זיך אַ טירל,
און דער ווויל דערפֿלויגענער גרויסער צדקנו
טרעט אַרויס און רופֿט צו מיטן פֿינגער רב משהן (סרול פֿיקס,
קוק אַרײַן זיך, צי ס׳ניט דײַן באַזויפֿענער שכן?) – און מענגעס פֿון מענטשן
גוואַלדעווען, ליאַרעמען, ריטשען
און וואַרפֿן זיך
בלינד
אויף די שטאַכעטן (אַזוי,
ווי אין דרײַ מיט אַ סמיטשעק יאָרטויזנט אַרום
וועלן זיי, בײַ דעם פּולן באַוווסטזײַן, זיך וואַרפֿן אין טויט
אויפֿן 380־ אָדער 600־וואָלטאַזשיקן פּלויט), –
און וואָס משה,
און, איר ווייסט דאָך, דער צווייטער אָראַטאָר,
האָבן ביידע צום עולם ניט געטענהט, געדברעט, געמאַכט אַגיטאַציע –
אַ נעכטיקער טאָג!
מענער,
פֿרויען
און קינדער,

משפחות און דורות – די ערשט וואָס געבוירענע נאַציע
איז אַרויף אויפֿן באַרגנייג – און פֿאַרטשעפּעט די הימל־כאָליערע,
די געטלעכע גייַסט־ראַדיאַציע...

האָט רבונו־של־עולם פֿאַר זייַן אַוועקפֿליִען אָנגעזאָגט האַרט,
אַז דאָס אַנדערע מאָל זאָל מען וואַרטן אויף אים אין אַן אמתר וויסטע,
וווּ קיין שום חמון־עם וועט אַרום דאָרט ניט זייַן,
אויך קיין איין פֿייגל־סטייַע ניט פֿאַרדריסקען די שייַן –
הוילע זעמד אין דער ברייט און דער לענג –
בלויז נבֿיאים און שלענג.

ס׳האָט געהאָלפֿן אָבער אַ קרענק
בעת זייַן צווייטן וויזיט, ווען דער קאָסמישער ווינט האָט פֿאַרטראָגן זייַן אַוויאַציע
צו אַן אַנדער, יאַפּאַנישער, נאַציע –
מיִט אַ נייַער מגפֿה: מיט דער צעלך־ און גען־דעטאָנאַציע.

ה׳

שטעלט דער טייַוול סרול פֿיקסן אַוועק אויף אַ שטיין, ווי אַ דענקמאָל
אויף אַ פּאָסטאַמענט,
און פֿרעגט אים פֿון אונטן:
– ווילסטו זען דעם סוף פֿון דער וועלט?
זאָגט ער:
– ניין.
– פֿון דער ערד?
זאָגט ער:
– ניין.
– פֿון דייַן אייגענעם, פֿון דייַן לעבן אַליין?
– יאָ.
– דערווייַל טאַקע – אַ ביין...

שטעלט דער טייַוול זיך זעלבסט אויף אַ שטיין, ווי אַ דענקמאָל,
און פֿרעגט אים פֿון אויבן:
– ווילסט אַזאָטישע חיות און מענטשן דערזען?
– ניין.

– די נאַטור אויף אַ כעמישן נײַעם ניוואָ?

– ניין.

– אָט דאָס טאַקע יאָ!

און ער פֿירט אים צום טעלעסקאָפּ – צו דער פֿולער לבֿנה:

איבער איינעם, פֿון מאָצאַרט טאָניפֿיצירטן, פֿלאַנעט בלאָנדזשען מאַרמאָר־נשמות;

איבער אַ צווייטן

לויפֿן, ברעכן דעם קאָפּ און שיטן זיך אויס –

ווײַסע כלאָרוועזנס...

סרול פֿיקס קוקט זיך אַרום:

קיין בוים... קיין ריטשקעלע... זאַמד...

ער פֿילט, אַז ער חלשט...

ער עפֿנט די אויגן: אַנטקעגן

זיצט, אָנגעשפּאַרט אויפֿן ווידל, אַ שד, גאַנץ פֿאַרוואַקסן

פֿון די הערנער ביז טלאָען –

און שמייכלט, און שיקט אים אַ קוש...

אויף צו ברעכן...

נאָר – אַפּ! – אַ קופּע גאָלדענע האָר

באַדעקט שוין דעם שדישן קאָפּ...

(דו פֿלעגסט מיר ניט געבן אַ גלעט טאָן דײַן לופּטיקע לאָק...)

סרול מיאוסט זיך צו קוקן, נאָר – אַפּ! – צוויי אַקסלען, צוויי הענט

שטראַלן אויס בײַ דעם באָק...

(דו פֿלעגסט מיר ניט געבן זיך צורירן כאָטש מיט די ליפּן...)

סרול פֿאַרשטייט, וואָס דער שונא פֿירט בײַ אים אויס,

נאָר – אַפּ! – אַ ווײַבערשער שויס זיך צעעפֿנט: זײַט זיך מכבד!

(דו פֿלעגסט מיר ניט געבן...)

סרול שרײַט און אַנטלויפֿט אין די זאַמדבערגלעך, ווי אַ שפּרינגהאָז, – דער רוח

שטעלט אָן זײַן מאַגנעט – דעם גלוסט־גראַוויטאַטאָר, דער אָטעם

האַקט זיך איבער בײַם לויפֿער, אָט ליגט ער, דער סרול, ווי אַ טויטער...

דאָ געפּינט אים אל־רחום (אַ שוואַרץ פּינטעלע אויפֿן קנעכל) און זאָגט:

אַ׳ דו, סרול פּיקס, ביסט מײַן גאָט.
ב׳ שאַף דיר מער נישט קיין געטער, קיין קינדער, קיין אַנדער שום ווונדער.
ג׳ זאָג מיר נישט יהוה, נאָר רוף מיך אָן היימיש: קאָמפּיוטער.
ד׳ רוף מיך נישט, ווען דו וועסט בלײַבן דער לעצטער, אַליין אויף דער וועלט.
ה-י׳ זינג אויך דעמלט מיר הללויה און אָמן: אַלץ אין דעם איז געווענדט:
שוואָמען, woman, פּאָגראָמען...

ער נעמט דעם דאָכליאַק אויף די הענט, טראָגט אין טעלער אַרײַן,
קעפּטען סעם גיט אָפּ דעם באַפֿעל,
און די אינדאָנאַווטן –
אופֿנים,
אראלים,
חשמלים,
שׂרפֿים,
כּרובֿים
און אישים,
און נאָך איינער, אַ שוואַרצינקער (פֿונעם פּלוטאָן, אויפֿן פּרצוף די בלאָטע פֿאַרדאַרט) –
שפּרינגען אויף און פֿאַרציִען די פֿאָרהענגלעך...

ו׳

סטאַרט!



ז׳

אַלבערט איינשטיין האָט פֿידל געשפּילט... אַלבערט איינשטיין,
נאָך אַ קינד, האָט אַנטדעקט זײַן משונהדיקע, זײַן רעלאַטיוו־
טעאָריע, שעהענוויז טרײַבנדיק אַרויף און אַראָפּ,
אַראָפּ און אַרויף זיבן גאַמעס – זיבן זינגעוודיקע הימל־ספֿערעס:

וילון (וואָס קומט אויף יעדן מאָרגן, באַנײַענד די וועלט);
רקיע (מיט איר ליכטקרוין – דער גאָלדענער זון און לבֿנה, און שטערן);
שחקים (מיט מילן וואָס שטייען און מאָלן דעם מן פֿאַר צדיקים);
זבֿול (מיטן ירושלים־של־מעלה, דעם הימלשן יערוסאַלים);
מעון (ווו עס גלאַנצן און טאַנצן בײַ נאַכט די מלאָכים);
מכון (מיט דעם אמתן חושך פֿון רעגנס און האָגל, און שניי);
ערבֿות (מיטן כּיסא־הכּבוד און דעם טוי פֿאַרן תּחית־המתים!)

דאָ-ס בין איך, דאָס ייִדישע ייִנגעלע, הער זשע מיך אויס,
רע-בוינעשעלוילעם, מיר איז קלאָר דײַן סיסטעם, דײַנע כּללים,
מי-ט וועלכע דו ווערסט זיך אַ גאָט, דײַן בלאָף איז – אַ בלאָז אין אַ פּוסטן
פֿאַ-גאָט, וואָס דאָס קען יעדער בלאָזער – אַפֿילו קיין פֿלינקער
סאָל-יסט: אַז מען שפּילט – שפּילט ער מיט, נאָר אויסבלאָזן אַן אייגענעם largo? –
לאַ-רגעטאָ – שוין גוט, אויב ס׳וועט סטײַען אים לופֿט, – נאָר אַזוי
סי-מולירט ער אַ גײַסטיקן ברען...
דאָ-ס פֿידעלע קען
סי-מפּאָניש, איראָניש
לאַ-ווירן, לאָרנירן,
סאָל-ירן, פֿון היץ
פֿאַ-נטאַזירן
מי-ליאָסן ניגונים...



הערט אַ נס: דאָ־מינאָר, און נאָר צוויי טענער העכער –
האָט איר שוין מי־מינאָר, אַקוראַט!

$$Cm+2 = Em$$
דהײַנו:
$$E = мc^2$$

לויט דער פֿאָרמל[1] פֿליט איצטער סרול פֿיקס אינעם טעלער אַהיים
מיט געשווינדקייט פֿון ליכט,
און פֿאַר 40 מעת־לעת,
וואָס ער האָט אין די הימלען זיך טעלעבעבעט,
זענען הונדערטער יאָרן פֿאַרגאַנגען, צי מער אויף דער ערד...

סרול פֿיקס, אַהאַספּער, דער פֿאַרבלאָנדזשעטער נע־ונדניק,
זוכט אין קאָסמישן טעלעוויזאָר זײַן פּאַליסאַדניק
ערגעץ הינטער מאַלאַכאָווקע אָדער ניו־יאָרק, קוקט און הערט:
וואָס זאָגט און וואָס ווײַזט עפּעס פּריילעכס די ערד?
פֿר! פֿר! קאָליריקע וועלדער, ליאַנעס אויף לאַנען
קריכן אַרויס פֿונעם גלאָז, פֿאַרזשאַווערטע אַ־פֿר!פֿר!־פּלאַנען
שטייען אויף אַ־פֿר!פֿר!־דראָמען, פֿאַר־פֿר!פֿר!־טע שטעט
פֿר!פֿר!־ען און אויס־פֿר!פֿר!פֿר!־ען... ער זעט
פֿר!פֿר!־טע שאָסייען פֿר!פֿר!־ען פֿר!פֿר!פֿר! פֿר!פֿר!
פֿר!פֿר! פֿר!פֿר!פֿר!פֿר! פֿר!פֿר!פֿר!פֿר!פֿר!פֿר!פֿר!...

מאַלאַכאָווקע – מאָסקווע. האַרבסט 1982

[1] "דאָ־מינאָר + 2 (שטופֿעס) = מי־מינאָר". "$E = mc^2$" – איינשטיינס אוניווערסאַל־פֿאָרמולע, אין וועלכער "E" – איז ענערגיע, "m" – מאַסע, און "c" – ליכט־געשווינדקייט.

דער לעצטער עקספּאָנאַט

אַשכּנזישע טרילאָגיע:

"רענדסבורגער מיקווה"

"RF און FST (עלפטע מכּה)"

"לופטבלומען"

פּרעזענטאַציע פון דער "רענדסבורגער מיקווה"
מאָדעראַטאָר יורגען סערקע. ליבעק, 27, 4, 1994



טעאַטער־פּרעמיערע
"RF און FST". דרעזדען, 1998



סעמינאַר "דײַטשע גימנאַזיסטן איבערזעצן
לידער פון לעוו בערינסקי"

כאַנאָווער-בורגדאָרף
21-23, 10, 2003

אַן אייגענער גאַנג

אַן אייגענער אויסעראָרדנטלעכער גאַנג, אייגענער נוסח, פֿאָרעם. פֿרײַער, ווײַסער פֿערז. אַ נײַער טאָן, וואָס שאַפֿט אַ נײַע מוזיקאַלישקייט: נײַ אין דער פּאָעטיק אויף דער ייִדישער גאַס די לעצטע פֿופֿציק יאָר נאָך דעם, וואָס מענטשן רופֿן – מבול. מען מעג זאָגן, אַז אויך פֿאַרן "מבול" האָט מען אַזאַ שירה, אַזאַ לעקסיק, אַזאַ נוסח און פֿאָרעם – געקענט טרעפֿן בײַ דיכטער פֿון ביידע זײַטן אָקעאַן צו ציילן אויף די פֿינגער פֿון איין האַנט און בלײַבן מיט רעשט.

אַ מעטאַפֿאָריק אַ יחיד־במינודיקע. אינטויִציע און דיכטער־באַוווסטזײַן. אַן אָפּפֿילן און פֿאָרויספֿילן דאַיִקע און איבערדאָיִקע געשעענישן. כּוחות – קאָסמישע און פֿון מענטש באַשאַפֿענע, וואָס רעאַגירן, קערעווען מיטן גורל פֿון בן־אָדם. אַ טיפֿער אַרײַנבליק אין מה למטה און מה למעלה אין אַן אַנדערוועלטיקער ווירקלעכקייט, אָפֿט נישט משׂיג צו זײַן מיטן שׂכל. אַ כּוח, וואָס שטייט אויף, ווי אַ גולם, קעגן זײַן באַשעפֿער.

לייענסט און עס בליצט אויף אַ געדאַנק ווי אַ זונשטראַל אויף אַ שפּיץ מעסער: איז עס נישט אַ היסטאָרישער מוז – דאָס געבוירן ווערן, דער אויפֿקום פֿון אַזאַ שעפֿערישער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל פּרוּוון – און עס געלינגט אים – געבן אַ פּאָעטישן אולטראַמאָדערנעם אויסדרוק פֿון דעם, וואָס איז געשען מיט זײַן "אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק", אויך דעם הווי און ווײ פֿון פֿאַר דער מלחמה?

איך זאָג דאָס אָן, חלילה, פֿאַרמינדערן וואָס איז ביז איצט אויף אָט דער טעמע דערלאַנגט געוואָרן אין פּאָעזיע פֿון וויניקע, איינציקע פּראָמינענטע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער אויף אַ ביז גאָר הויכן און אָריגינעלן אופֿן – איז נאָך אַלץ פֿונדעסטוועגן בערינסקיס דערגרייכונג אויף דעם געביט אומפֿאַרגלײַכלעך אין זײַן אייגנמיניקייט.

עס איז שוין נישט איין מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס וואָס איז געשען מיט ייִד און מענטש בעתן חורבן, לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין וואָרט, אין ביזאיצטיקן מענטשלעכן לשון – און דאָס איז דאָך כּולו אמת.

פֿון דאַנעט די רבֿותא. לעוו בערינסקין איז יאָ געלונגען אַ דאַנק זײַן נײַעם, נאָוואַטאָרישן, מעג מען זאָגן, מעטאָד באַרירן אָט די טעמע נישט אָפּוויַיכנדיק פֿון די נישט און יאָ געשריבענע פּאָעטישע כּללים. באַרירן און געבן אַן אייגענעם אויסדרוק, געפֿינענדיק דאָס וואָרט, דעם סוד פֿון אייגענעם וואָרט, דעם אימאַזש, וואָס דערנענטערט דעם אמת, יענעם פֿינצטערן אמת מיטן אמת פֿון קונסט: לעבן און אומלעבן מיטן אמת פֿון פּאָעטישן וואָרט.

שלמה וואָרזאָגער, 1992-1996

רענדסבורגער מיקווה

אייראָפּע – מײַן היים, און ארץ־הקודש – מײַן היימלאַנד...

און כ׳קום פֿון מײַן היימלאַנד אַהיים, און איך עפֿן דאָס פֿענצטער
אין רעגן אַרײַן, און איך הער ווי סע וויינט די נשמה
פֿאָל ווערלענס, צי אייראָפּעס... אַ קליאָן אין דער מיט, אַ מיןביימל
מיט 7־8 בלעטער, אין הויף, ווו די גרינע קוזינע
פֿלעגט לאַכן מיט קנאָספּן און זינגען מיט פֿייגל, די שיינע פּרינצעסע,
וואָס אפֿשר איר נאָמען אַליין נאָך שפּאַצירט אויף דער *שטראַסע*...

אייראָפּע – מײַן גורל, מיט רעגנס פֿאַרגאָסענע וואַזע...

און די רעגנס בײַ נאַכט –
וואָס זאָגט עפּעס פֿריילעכס און לאַכט אַזש מיט פֿונקען דער שׂרף,
און טרעסעט זיך אָפּ פֿון לבֿנהשע טראָפּנס? ער שטייט מיר צוקאָפּנס
אין חלום, דער פֿלאַמיקער מלאך...

א׳

אָסקאַר קאָקאָשקאַ
בענטשט זיי אַלע: מיט אַ געלעכטער
שפּרינגען ווײַבער אַראָפּ פֿון די ווענט און לאָזן זיך לויפֿן
טרעפּ־אַראָפּ,
ווי אַ לײַכטן וואַל – פֿונעם קאָפּ, פֿון די אַקסלען
רוקן זיי מיט צוויי פֿינגער אַוועק אין אַ זײַט
זיי׳רע הילצערנע רעמלעך,
און שוין שוועבן זיי אויף, און זיי רופֿן צונויף פֿון די זאַלן
און טונקעלע ווינקלען
די פֿאַרשלאָפֿענע מיידלעך פֿון לאָוויס קאָרינט און די רוישיקע זונות
רודי לעסערס, און שטיינהאַרדס אַלמנות און זקנות – און אָט שוין:
עס ציט זיך
אַ ווײַבערשע כאָפּטע
מיט געוויין
און געזאַנג,

און אַ קרעכץ
און אַ שפּרונג,
און אַ שטילן
אַ לופּטיקן ווּ

אַ
ל
ס

אין דער שײַן פֿון דער פֿולער לבֿנה אין פֿענצטער,
און חנה
לויפֿט די ערשטע, און פּלוצעם –

שטעלט זי זיך אָפּ,
קוקט אַראָפּ, קוקט אַרײַן זיך אין עפּעס: אַן אמתער נס איז
אויפֿגעפּראַלט: אין דעם אייביקן זיסן גן־עדן אַ טיר...

אַ מיקווה...

– היי, ווײַבלעך, צו מיר!

ב׳

דער אַלטער אַוורײמל, וואָס ער לאָזט מיך ניט שלאָפֿן בײַ נאַכט
מיט זײַן שפּאַנען און זיפֿצן, אַוורײמל, דער אײנציקער ייִד,
אַ געשפּענסט אינעם גרויסן און פּוסטן בית־מדרש –
דער רבי און חזן,
דער שופֿט און גבאי,
דער משרת אַוורײמל
שלאָגט אויף
דאָס פֿענצטער אין הויף – און צו אים, פֿונעם זיבעטן הימל ערבֿות
לאָזט זיך פֿליִען אין קאָסמאָס אַ שׂרף: צוויי עמערס ער טראָגט
אין צוויי פֿליגל, מיט וועלכע (ישעיה) ״זײַן פּנים פֿאַרשטעלט ער״,
און צוויי עמערס נ׳אַן אַנדער פּאָר פֿליגל, מיט וועלכע ״די פֿיס
פֿאַרשטעלט ער״, און נאָך אַ פּאָר עמערס – אין צוויי
שווערע לאַנגזאַמע פֿליגל, מיט וועלכע ער פֿאָכעט און פֿליט,

און שטעלט זיך שוין אָפּ אין דער לופֿט
פֿאַרן אָפֿענעם פֿענצטער,
ווּ דער קרומער אַוורײמל שטרעקט צו אים אויס זײַנע ווײַסע
און דינע
בײדע הענט – אַך, ער נעמט
בײַם שׂרף די ערשטע פּאָר כּלים און אײַלט זיך, און לויפֿט,
שפּרינגט אַזש אונטער,
פֿאַרצט אונטער,
וויעט אונטער –
דער תּחית־המתים־טוי זינגט אין די עמערס און שײַנט
און
וויגט זיך –
אַ בלאָוער לבֿנהדיקער גליװער ליכט,
וואָס אַװרײמל אים טוט שוין אַ פּליעסק אויס אין מיקווה
און הײבט אויף די אויגן
און זעט
אויף דער וואַנט,
ווּ שוואַרץ אויף ווײַס שטײט[1]:

Das 166 x 140 cm. an der Oberfläche, 130 cm. Tiefe
Becken war vermutlich bis zum Verkauf der Synagoge 1939
funktionsfähig.
Unklar ist das Problem der Wasserversorgung.
Die Bauuntersuchungen
haben hierzu keinerlei Hinweise ergeben.

– חכמים פֿון גויים!

ער קוועלט...

---

[1] דער באַסיין, 166 אויף 140 צענטימעטער אויף דער אויבערפֿלאַך, 130 צענטימעטער די טיף, האָט פֿונקציאָנירט, דאַרף מען אָננעמען, ביז 1939, ווען די סינאַגאָגע איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן. ניט קלאָר בלײַבט די פּראָבלעם מיט וואַסער־פֿאַרזאָרגונג.
די אויספֿאָרשונגען פֿון דער הוידסטרוקטור האָבן צו קײן שום דערקלערונג ניט צוגעבראַכט.

ג׳

– מאַדאַם קאַמילאַ, איר טאַנצט אַן one-step?
מאַדאַם קאַמילאַ, כ׳בין פֿלייש און זאַפֿטן: ליַידער...
מאַדאַם קאַמילאַ, ס׳איז דאָ ניטאָ קיין טרעפּ –
אַ פּראָסטער לייטער...

מאַדאַם קאַמילאַ קוקט, און לאָזט אַראָפּ
אַ פֿוס – און תּיכּף אינעם ליכט אין הייסן
איר אומריס, ליידיק פֿונעם דיל ביז קאָפּ
ווערט ביז דער לינקער קני תּחית־המתים...

מאַדאַם קאַמילאַ פּרוווט ווי אויף אַ שטול
זיך צוזעצן – און רירט אָן גאָלד און האָניק
מיט אירע צוויי אָוואַלן: מיט אַ מאָל
ווערט איר דער בויך פֿון אונטן לעבעדיק און האָריק...

– קאַמילאַ!

כ׳שפּרינג אַראָפּ צו איר... אַריַין...

ד׳

ניט קיין וווּנדער, אַז
– ווי די מסורה דערציילט –
די ניט־קינדלענדיקע ייִדישע פֿרויען
פֿלעגן קומען פֿון קיל און פֿון פֿלענסבורג, פֿון ליבעק אַהער,
און פֿאַרבליַיבן – בלי עדות, אַליין, ווי סע קער צו זיַין – שלום ושלווה
אין דער מיקווה
אַ שעה, צי אַ שעה מיט אַ פֿערטל, פֿאַר אַ נויט – עפּעס מער...

און אין דריַי סעזאָנען אַרום – אינעם האַרבסטיקן קיל,
צי אין פֿלענסבורג, צי אין ליבעק –
פֿלעגט פּראַווען די גרויסע משפּחה אַ ברית...

בלויז איך און דער קרומער אַווריימל דער טויטער – מיר ווייסן,
ווי דער וווּנדער געמאַכט ווערט:
איַ, קיין וווּנדער עס איז...

ה׳

מיט סקולפּטורן איז אָבער אַ צרה, ביז וואַנען זי קומט
פֿונעם אייבערשטן זאַל, טרעפּ־אַראָפּ, טרעט אַראָפּ, שטרענגט זיך אונטער
און צעעפֿנט די מאַרמערנע אויגן, און דערזעט מיך – און טוט
ווי אַ הליבע אַ פֿאַל פֿונעם ראַנד אין דער מיקווה צו מיר, און ביז וואַנען
זי דאָס פּנים פּרוּווט אויסדרייען, אָפּקלעפּן איר האַנט פֿון דעם אָפּל,
און ביז וואַנען ז׳הייבט אונטער דעם פֿוס...

ו׳

דרײַ אַ זייגער בײַ נאַכט: איך עפֿן די אויגן: דאָס צימער
אויף מײַן בוידעם, ווו כ׳ווין אין אַמאָליקער תּלמוד־תּורה,
איז מיט אַ בלאָוון אַ רויך צי אַ נעפּל פֿאַרצויגן: עס שווימען
שטיקער ווײַסמאַרמער שטיל און אָנוואָגיק אַרום: דאָ אַן אַקסל,
דאָרט אַ ווײַבערשע ברוסט; ווי אַן אײַזקריִע שוועבט אין דער לופֿטן
אַ לײַכטער פֿאַנטאַסטישער תּחת, וואָס ציט זיך צום פֿענצטער,
אַן אויער,
עפּעס אַ דלאָניע
וויל מיר געבן אַ גלעט...

ז׳

אונדזערע קינדער, איר ייִדישע ווײַבער, וועלן נאָך שפּרינגען
אונטער דיביימער, און בײַ דער אײַדער[1], ווו כ׳טרעף
זייערע זוניקע שאָטנס – זיי רײַטן אויף שטעקעלעך, זינגען,
רופֿן מיך צו, בײַ דעם נאָמען: מײַן נאָמען איז לבֿ –

האַרץ אויף העברעיִש... טאָ זענען זיי, הייסט עס, לוויִים, לעוויטן,–
קינפֿטיקע, הייסט עס, נבֿיאים, משׂכּילים, דער גײַסט פֿונעם פֿאָלק!

האַרבסט אין אייראָפּע... פֿאָל ווערלען, צי אַ רעגן... אין מיטן
דעם הימל – אַ ווײַסער, אַ שווערער, אַ גיפּסענער וואָלקן –
אַ קאַטאַפֿאַלק...

[1] אַ טײַך אין שלעזוויג־האָלשטיין.

ח׳

הער הײַנעמאַן, באַפֿעלט אײַנצוהייצן אין אויוון,
אין דער ווײַבערשול, אויבן,
אויפֿן גאָרן, אויפֿן עטאַזש –
כ׳דאַרף אַ זשמענקעלע אַש...

אַ זשמענקעלע אַש – מײַן קאָפּ צו באַשיטן,
די אַקסל,
דעם טיש
מיט דער פֿלאַש אין דער מיטן,
ווו מיר זיצן אין איינעם
מיט פֿראַו סוסאַנאַ, פֿראַו רענאַטאַ, פֿראַו פֿראַוקע,
אינגאַ, –
און מיינען,
אַז זינגען – הייסט וויינען
און ריידן – הייסט וויינען,
און שווײַגן הייסט – וויינען...

דער אויוון צעברענט זיך... דער פֿלאַם נעמט באַלײַכטן
די פֿינצטערע פֿענצטער,
דעם זאַל אונטער אונדז מיט די פּרעכטיקע בילדער –
דעם יובֿלדיקן ווערניסאַזש...

אַ זשמענקעלע אַש
וועט פֿאַרשיטן דעם טיש
און דעם זאַל,
און דעם גאַנצן בית־מדרש,
און די גאַס,
און די שטאָט,
די אומגעגנט,
דאָס לאַנד
און די וועלט.

עפּעס וואַרטן די שיינע פּאָרטרעטן –
מיט אויגן, מיט פֿאַרבן זיי רעדן
פֿון די ווענט...

jezt
fängt das schöne frühjahr an und alles fängt zu
blühen an auf grüner heid und überall es blühen die blumen
auf dem feld sie blühen
blau weiß rot und gelb so wie es meinem
schatz
ge...

איך פֿאַרלאָז אײַער הויכע געזעלשאַפֿט, כ׳גיי אַראָפּ צו דער פֿינצטערער מיקווה,
כ׳שטעל זיך איבער דעם חושך – איבערן בונקער מיט קולות,
געלעכטער
און רויש:

יתגדל ויתקדש שמה רבא jetzt geh ich über berg und tal בעלמא
די־בֿרא כרעותה da hört man schon die nachtigal וימליך
מלכותה auf grüner heid und überall בחייכון
ובֿיומיכון jetzt geh ich ובֿחיי דכל בית in den grünen ישׂראל
בעגלא wald ובֿזמן den grünen קריבֿ wald ואמרו grünen אָמן

„ייִדישער קאַרטאָגראַף ל.ב.“. אינגאַ אַרו. רענדסבורג, 1994

אַנטפּלעקונג אין דער פֿאַרהילונג

די אומגעגנט, דער געמויער, דאָס לײַב: אַ קאָנטור פֿון דעם אָרט שטייט אויף פֿון ס'נײַ אין דעם פּאָעם ״רענדסבורגער מיקווה״. ״יעדער, – אַזוי הייסט עס בײַ די ייִדן – ווער סע קומט אַרײַן אין בית־מדרש, איז געקומען צו זיך אַהיים״. צו זיך אַהיים, אַזוי אַרום, הגם אין די אַמאָליקע צײַטן, ברענגט צו פֿירן אונדז דער אויטאָר לעוו בערינסקי.

היימוויי. די בענקשאַפֿט נאָך אַ היים וואָס איז היימלאַנד. ״אייראָפּע – מײַן היים, און ארץ־הקודש – מײַן היימלאַנד, / און כ'קום פֿון מײַן היימלאַנד אַהיים...״ – די ערשטע שורות פֿון דעם פּאָעם. זײַן נעסט זוכט און געפֿינט דער פּאָעט אין יענער פֿאַרגאַנגענהייט. עס צעעפֿנט זיך, ווי אַ פֿאָרהאַנג, דאָס געדיכטע צײַטגעוועב – און אָנזעעוודיק ווערט דאָס ליכט־פֿאַרזינקען אין אַ מענטשלעכן וועזן, אין זײַן געהיימסטן נשמה־קוואַל. אַנטפּלעקונג אין דער פֿאַרהילונג.

אין דעם פּאָעם געפֿינען מיר זיך, אמת, אין דער קעגנוואַרטיקערווירקלעכקייט, אָבער די ווירקלעכקייט איז פֿאַרן מחבר ניט עפּעס קיין לעולם־ועד געגעבענע זאַך, נאָר אַ פּראָצעס פֿון אַ קריטישן בודק זײַן: וואָס די קעגנוואַרט שטעלט מיט זיך פֿאָר. און וואָס זי שטעלט מיט זיך טאַקע פֿאָר – איז ניט צו דערזען אויף איר טאָגזײַט. ערשט אויף דער נאַכטזײַט באַווײַזט זיך, פֿון וואַנען דער זין קומט אַרויס און וווהין ער ציט זיך ווײַטער. און ״זינגען – הייסט וויינען, און ריידן – הייסט וויינען, און שווײַגן הייסט – וויינען״. אין דעם נאַכטגעוועב פֿלעכטן זיך משונה־ווילד איבער אַ דײַטשפֿאָלקיש פֿרילינגסלידל מיט דעם אַשכּנזישן קדיש.

״רענדסבורגער מיקווה״. ס'איז בענקשאַפֿט נאָך אַ מיקווה, נאָך ריינקייט, וואָס דאָס וואַסער ברענגט. שוין דאָס געבוירן ווערן איז – פֿון וואַסער געבוירן ווערן. אָבער דאָרט, ווו די מיקווה ווערט אַ מוזיי־אָביעקט, ווערט די יצירה פֿאַרזיגלט. ווײַל: פֿון דעם אוראַלטן טעמפּל ביז צום לײַב פֿון אַ מענטשן דעם וועג דורכצומאַכן – הייסט דאָס לײַב פֿון אַ מענטשן ווי אַ נײַעם טעמפּל צו פֿאַרשטיין. אָט דעם וועג צײַגט אונדז דער מחבר אין זײַן פּאָעם – אַ פּאָעם אַ מתּנה, פֿול באַגער און באַרירונגען, און זינלעכקייט. און אַ האַרץ־פֿאַרקלעמענדיק געפֿיל פֿון פֿאַרלוסט. לייענסט און דערשפּירסט דעם גופֿלאָזן ריח פֿון יענע, וואָס מען קען זיי שוין ניט דערגרייכן, קיין מאָל נישט אָנרירן – די צאַרטע, צערונען־אָנגעווירענע פֿרויען־פֿיגורן...

די עסטאָנערין אינגאַ אַרו האָט געפֿונען אין אירע אילוסטראַציעס צו דער אויסגאַבע – קאָלאַזשן און בילדער – אלערלייִקע מעטאַמאָרפֿאָזעס. די געשטאַלטן אין דעם רוים זענען צוזאַמענגעאייניקט מיט די פֿאַסאַדן און ווענט, און בילדן אַ פֿליסנדיקע ווײַבער־מאַסע, וואָס לאָזט אָבער דורך אונדזער בליק אין די ווײַטערע רוימען, און ציט זיך, און שאַפֿט אפֿשר זעלבסט ערגעץ דאָרט נאָך אַ רוים, און נאָך איינעם – ביז צום פֿולן אַנטרינען. דער לעצטער גלימער פֿון ווײַבער־פֿיגורן, איידער זיי ווערן אָן דעם קאָנטור.

און – אַ שוואַכינקער אויפֿבליץ אויף דער לאַנדמאַפּע פֿון פֿאַרלוסטן.

יורגען סערקע. 1994

FST און RF

(עלפֿטע מכּה)

אַ פּאָעם פֿאַר סאַראַ קירש



אַרגומענט

פֿרילינגצײַט 1995 האָב איך דרײַ חדשים אָפּגעלעבט אין בערלין. דער "אייראָפּע־צענטער" האָט מיך באַלוינט מיט אַ ליטעראַטור־סטיפּענדיע אין דעם אידיליש סטיליזירטן אַלטן "שלאָס בײַם וואַנזעע" אויפֿן ברעג פֿון דער Wannsee־אָזערע, ווו איך פֿלעג אָבער יעדן טאָג זען אין פֿענצטער דעם צווייטן ברעג מיט זײַן היסטאָרישער מאַרליר־ווילע וואָס איז איצט ווײַט באַקאַנט ניט אַזוי דורך איר נעאָראָמאַנישן סטיל, ווי מיט יענער באַרבאַרישער וואַנזעע־קאָנפֿערענץ, אָנהייב 1942, אויף וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנצעפּציע און עס זענען באַשטימט געוואָרן די מאָסמיטלען צום רעאַליזירן די "Endlösung der Judenfrage".

מײַן אַרכיטעקטאָניש עקזאָטישע צוויי־צימערדיקע וווינונג, און באַזונדערש דאָס דריטע פּיצינקע צימערל מיט אַ הילצערנעם אויפֿשטײַג צום קופּאָל און דעם שפּיציקן טורעם דאָרט, – פֿלעגן אָפֿט מאָל זיך אָנפֿילן מיט באַגײַסטערטע אויפֿגערעגטע שטימען פֿון די פֿרײַנד מײַנע אָדער צופֿעליקע באַזוכערס – היגע און אויסלענדישע פּאָעטן, רוסישע קולטור־עמיגראַנטן, געוועזענע פּליטים פֿון רומעניע, טשילע... דער האַמבורגער זשורנאַליסט יורגען סערקע, פֿראַנקפֿורטער ליטעראַטור־פֿאָרשער גערהאַדט טשייקאַ, אַ גרופּע מאָלדאַווישע שרײַבער פֿון קעשענעוו, דאַנײַל גראַנין פֿון פּעטערבורג, דמיטרי פּריגאָוו פֿון מאָסקווע און יוליאַ קיסינאַ פֿון מינכן.... אָבער נאָר פֿון די דײַטשן, די מיינסטן פֿון זיי, פֿלעג איך הערן – ווי ז'וואָלטן זיך אַלע צונויפֿגערעדט:

– Versöhnung!

– די פֿאַרגעבונג, זאָלסטו, לעוו, וויסן, וואָלט בפֿירוש געקאָנט ווערן די לייזונג פֿון דער אַלגעמיינער היסטאָרישער פּראָבלעם...

בײַ דער מיינונג האָט זיך געהאַלטן אויך דער באַקאַנטער אין אייראָפּע רעזשיסער און אַקטיאָר סטעפֿאַן סטראָקס, ווען ס'איז אין אַ חודש אַרום, ערבֿ דעם גרויסן – Versöhnung־טראַסק, פֿאָרגעשטאַנען צו פּרעזענטירן אין "Berliner Ensemble" זײַן שאַרף־פּראָוואָקאַטיוון העפּענינג "רײַכסמיניסטער ד"ר יאָזעף געבעלס: 'פֿאַרכאַפּט די נשמה פֿון פֿאָלק'. סטעפֿאַן סטראָקס לייענט דעם רײַכסמיניסטערס רעדע 'אויפֿגאַבן פֿון דעם דײַטשן טעאַטער' ".

– דאָ האָט איר, בערינסקי, צוויי אײַנלאַדונגען. ובֿכן – מאָנטיק, דעם 8טן מײַ, 21³⁰.

– האַלב צען? וואָס אַזוי שפּעט?

– מיט זײַן פּראָגראַם־רעדע האָט געבעלס דעמלט, דעם אַכטן מײַ 1933, אַרויסגעטראָטן האַלב צען אויף דער נאַכט...

דער 9טער מײַ – 50 יאָר אייראָפּעיִשער פֿרידן! – האָט זיך פּאַמעלעך אָנגערוקט, און די צײַטונגען, דער טעלעוויזיע־ און ראַדיאָ־עטער זענען פֿול געווען מיט איין זאַך: Versöhnung... ווי די גאַנצע וועלט־געשיכטע און דער גאַנג, דער פֿאַרלויף פֿון דעם צווייטן וועלטקריג וואָלטן זיך אַנטוויקלט געהאַט אין איין־איינציקער ריכטונג און מיט איין־און־איינציקער כּוונה: גליקלעכע פֿעלקער־איבערבעטונג צווישן די דײַטשן און ייִדן:

"Seid umschlungen, Millionen!"[1]

הייבט זיך אָבער אויף אין די ווײַט־ווײַטע זאַמדן, אין טאַדזשיקיסטאַן, מײַן זיידע סרול פֿיקס, דער פֿאַרהונגערטער דאָרטן אין יאָר 43, און ער נעמט שוין אָן בײַם טויטן האַנטרעשטל מײַן נאָך פֿאַר אים פֿאַרשטאָרבענע דאָרט באָבע, און זיי לאָזן זיך ביידע אין וועג – на Берлин! – און שוין קומען זיי אָן, און באַזעצן, ווי צוויי גײַסטער צי אפֿשר דיבוקים, זי – דעם RF (RundFunk), דעם ראַדיאָ־טורעם, און ער – דעם טעלעוויזיע־טורעם FST (FernSehTurm), און זיי עפֿענען שוין זייער סעריע רעפּאָרטאַזשן, זי – פֿונעם ייִדישן נעבעך גן־עדן, און ער – פֿון די זיבן קבלהשע הימלען.

און וואָס ס׳ווערט דערבײַ פֿון בערלין – איז אַן אמתע מכּה, נאָך אַלע מצרישע – די עלפֿטע.

סטײַטש, גיב איך זיך אָבער אַ כאַפּ, RF – ס׳איז דאָך אות־באות ריווקע פֿיקס, מײַן באָבע! און דער FST – ניט דען פֿיקס־סרולס־טורעם?

ל.ב.

[1] "נעמט אַרום זיך, מיליאָנען" – פֿון פֿרידריך שילערס אָדע "An die Freude" – דער מוזיקאַלישער לײַטמאָטיוו "Alle Menschen werden Brüder" אין דעם היסטעריש־אָפּטימיסטישן פֿינאַל פֿון בעטהאָווענס נײַנטער סימפֿאָניע.

ראָזעווער טרוים פֿון מײַן קינדהייט, Greta Garbo, צעלולאָידנע מיידלעך...

דאָס איז דײַן חידוש –

דײַן בער, וואָס ער טאַנצט מיר, באַלד רויט אין דער נאַכט, און באַלד גרין?

איך, דער בעל־מופֿת פֿון יענער־וועלט, דער מקובל פֿון חסידישע שטעטלעך,

ווײַז דיר אַ וווּנדער: אַזוי ווי איך שטיי – איך מאַך פֿון דיר חורבֿות,

Berlin.

ניט קיין זוכער נאָך גליק, וואָס דו קענסט אים, דעם אייביקן בעטלער, –

נעמען נקמה געקומען איך בין, און כ׳זאָל וויסן, אַז דאָס לעבן כ׳פֿאַרליר.–

פֿאַר די אַלע צעשטערטע, פֿאַרברענטע, אויסגעקוילעטע יִדישע שטעטלעך –

מאַך איך שטיקלעך מיט ברעקלעך פֿון דיר, אויף דײַן אייגענעם שטח,

Berlin.

גיב מיר, רבונו־של־עולם, דעם כּוח־הדמיון

פֿון די שײַך־ אָדער פֿײַער־מלאָכים, פֿון דײַנע חשמלים

און שׂרפֿים, וואָס טויגן זיך אויס אויף צו ווערן אַלץ דאָס, וואָס זיי ווילן – און זעען

אין פֿלאַמען־חזיונות. גיב דעם כּוח מיר, כ׳פֿאַל כּורעים

און איך בעט, אַדוני, ניט פֿאַר מיר, ניט דאָס קיישעלע חמץ

גייט מיך אָן – נאָר לשם סרול און ריווקען: זיי ליגן און וואַרטן

אויף אַ נײַעם עיבור, אין אויסרײַסעניש ערגעץ, אין זאַמדן

הינטער סטאַלינאַבאַד, אַדוני, און דײַן איינציקער ״נפֿש

תּחת נפֿש״ פֿאַר זיי אויף דער ערד וואָלט געווען: זיי אויפֿשטעלן

– אים און זי – הויך אין הימל, אין בלוי, איבער הויפֿנס

אויפֿגעלוסטיקטע שאָטנס פֿון מולטיפּליצירטן אָדם בליִעל פֿון אַ מין –

אַז	די
פֿון	פֿאַנטאַסטישע
אויבן	אייראָפּעיִשע
מיט שײַן	קרוינשטאָט
און מיט	בע
שטראַלן	ר
זאָלן זיי	ל
מאַכן	י
משוגע	ן

*



שלעפּט רויזנקרענץ, און בוקעטן, און בלומען,
שטעלט זיי צום טורעם צו, וואַרפֿט זיי און לייגט.
קיין מאָל וועט שוין דער משיח ניט קומען
צו די יהודים, ווי גלייבן איר פֿלעגט.

ס׳פֿלעגט די נשמה דורך אָפֿענע ליפּן
נ׳הימל אַרויספֿלי׳ען, געלײַטערט און בלאַס.
וויפֿל פֿאַרשפּאַרטע נשמות געבליבן
זענען אין גופֿים, דערשטיקטע אין גאַז?

ניט פֿאַר דער ערד – פֿאַר דער וועלט אָנגעווירן,
פֿאַרן פֿראַכטפֿולן קהל־נשמות.
גלײַך מיט די ביינער פֿאַרברענט אינעם אויוון,
אָבֿק געוואָרן...

דער הערלעכער גאָט
קוקט זיך אַרום: שוואַרצע דוזשקעס און לעכער
שווימען אין ליכט, אין דער שיינער בריאָה.
ניין, דער משיח בן־דוד דער העלער
קומט ניט, זײַן ניט־קומען – דאָס איז רעאַל!

אַ קאַטאַסטראָפֿע פֿון קאָסמישער גרייס – אין
אַלע גאַלאַקטיקעס, הימלען, שאול.
ער וועט ניט קומען – און תּחית־המתים
ווערט שוין ניט קיינער אין ערגעץ אַ מאָל.

באָבעניו ריווקע, ביסט גליקלעך, דײַן חלום
האַלט דיך אין זאַמד, דײַן נשמה בלײַבט – שײַן.
כ׳שטעל דיר צום טורעם אַ רויזנקראַנץ־חלל,
כ׳קוק דיר אין הימל – אין אויגן אַרײַן.

*

שמע־ישׂראל! וואַך אויף זיך, ישׂראל!
ווײַל ס׳עפּנט זיך דער בראַנדענבורגער טויער
און, ווי נ׳אַ חלום, זעצט זיך שטיל די מויער
צו דר׳ערד אַראָפּ, און זײַן וויאָלאָנטשעל
נעמט ראָסטראָפּאָוויטש, opus עפּעס-moll,
און בעטהאָווען זאָגט קדיש über alles –
איבער אייראָפּע, אייפּאָריע, קללות...

און ישׂראל, מײַן טויטער זיידע סרול
שטרעקט אויס פֿון זאַמד די האַנט – ער קען תּהילים[1]
און איובֿ האָט ער געלייענט[2] – און אויפֿן האַרץ אים,
אויף אויסגעהוילטן, שווימט אויף, וואָס די רוצחים
האָבן געפּראַוועט מיט זײַן פֿאָלק – מיט אים.

ניט קיין ישׂראל, ווי דער חבל־גרמין[3]
אהין אים ציט – נאָר זאַלבענאַנד צי יחיד,
און טאַקע, און דערפֿאַר, וואָס ער איז יאָ ייִד! –
לאָזט ער זיך גיין אויף מערבֿ – !На Берлин

ער טאַפּט אַן מיט אַ רעשטל פֿון די פֿיס
זײַן ריוואָלווער, זיי וועלן גיין אין איינעם,
צוויי צלמים, ניט קיין קרייצן – נאָר אַ צלם
לויט רב דוד: דאָס פּאָר פֿאַנטאָמען פֿיקס.

און טאָמער דעם אַצילות־וועלט־סיסטעם
ברענגט עס אַ שאָד, און שוין אַ וואַקל ס׳טוט אים –
זאָל סרול אַ דיבוק ווערן! צוויי דיבוקים
איבער דער שטאָט – RF און FST!

[1] ״ער שטעלט אויף דעם אָרעמען פֿון דעם שטויב״ – תּהילים קיג ז׳.
[2] ״ער פֿאַרחתמעט די האַנט פֿון אַ מענטש, כּדי אַלע מענטשן זאָלן וויסן זײַנע מעשׂים״ – איובֿ לז ז׳.
[3] אַ פֿילבאַטײַטיקער קאַבאַליסטישער טערמין, דאָ: ״דער אָטעם פֿון די ביינער״.

גן־עדן־רעפּאָרטאַזשן אין בילדער:

(פֿאַר TV מיט אויסשטראַלונגס־פֿילטער)

הער יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך -
זיצט אין גאָרטן נ׳אַ לופֿטיקן בײַדל, שפּיץ הימל,
אונטערגעהויבן
דעם זרת דעם גראָבן מיטן טעצעלע קאַווע
און הערט זײַן מוזיק.

ZUR ERLÄUTERUNG BITTE ERWERBEN:
TV & CHAIM KRIK

הער יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך -
אונטערן העליון[1]
אין אַ פֿירשטלעכער פּאָזע
אין צענטער
פֿון דרײַ שײנע װעלטן, און ס׳בלאָזן
פֿון דרײַ ראָזעווע ווינטן־זמירות

פֿון רעכטס
פֿון לינקס

פֿון אונטן

די הייליקע TV־קאַנאַלן אָדער קאָסמישע אותיות־ספֿירות:

B – BINA
(בינה)

A – ELOAH
(אלוֹה)

CH – CHOCHMA
(חכמה)

ס׳פּאַסט צום גראַם אין באַכס מאָנאָגראַם:



---

[1] אַ קאַבאַליסטישער באַדײַט, באַהאַנדלט דעם באַגריף ״דאָס העכסטע ליכט״, פֿון וועלכן ס׳איז באַשאַפֿן געוואָרן אַלץ וואָס עקסיסטירט אין אונדזער וועלטאַל: די אומבאַלעבטע נאַטור, ווי אויך די פֿלאָרע און פֿאַונע, אַרײַנגערעכנט די מענטשן.

"DIE KATASTROPHE BEGANN MIT DER ORGEL"
(Ludwig Winder)

אַז ווײַ'ז אונדז און אַך.

פֿונעם עקראַן טוט אַ פֿלי אַראָפּ דער פֿאַרבן־פֿילטער –
און שוין זעט איר:

APPARATUR-REPARATUR: **NUR:** **BISMSTR: 17/138. FANNY MOOR**

אין דער בלוי, אייביק שעפֿעריש וואַך –
מיט האַרמאָנישע אַרומגעקרײַזט ספֿערעס
הער



*

זי הערט מיך ניט. זי שטייט פֿאַרטרוימט. דעם קאָפּ
אין שאָל, אין וואָל פֿאַרוויקלט, אין אַ וואָלקן.

אָט איז ער, סרוליק! זי געדענקט זײַן ברען,
דאָס הייסע לײַב זײַנס... שטייט דאָרט אין דער ווײַטנס
און גלאָצט אויף איר פֿון Alexanderplatz
מיט זײַנע צוויי פּראָזשעקטאָרס – אויסגעהונגערט
נאָך אַ שטיק ווײַב... זי קען אים, זי דערקענט
דעם זשעדנעם בליק, מיט אים צו לעבן דאַרף מען
פֿון אײַזן זײַן.

זי קוקט זיך שטיל אַרום,
אַראָפּ: וווּ וועלן זיי אַן אָרט געפֿינען
זיך צולייגן, ווען – גאָט באַהיט! – ער קומט,
דער זנבֿ,
דער פּיעשטשוך,
דער דאַרער שטעקן?

אַכט קינדער האָט ער איר געמאַכט. ווי דען –
אַ שנײַדער אָן אַכט קינדער?
– איז די ערשטע –
די מאַניעלע געווען, די אייד׳לע פּריצה,
די צווייטע – רוכל, רוכעלע די בריה,
דער דריטער – מיטן ווײַסן טשוב – געדאַליע,
דער פֿערטער – יאַנקל, נעבעך יענער חכם,
ווי הייסט זי? – שלימע,
סאָניע,
שמיליק,
לייבל...

און ס׳איז אים אַלץ נאָך ווייניק. ווען די זשוקלעך
צעפֿליִען זיך – דאָרט, אויפֿן Flugplatz Tegel,
צי אפֿשר אויפֿן Gatov, נאָר אַ שפּאַן טאָן איבערן Havel.

״אַ־אַז מען לאָזט אַ זכר
מיט אַ נקבֿה
אַליין אין הויז,
קומט קיין גר־וטס ניט,
קומט קיין גר־וטס ניט,
קומט קיין גר־וטס ניט אַרויס״...

זי שטייט און טראַכט, מײַן אייביק יונגע באָבע.
די לאַנגע עפּעמערישע געדאַנקען
שווימען פֿאַרבײַ אין קאָפּ, פֿון שקיעה רויטע,
צי גאָלדענע אין דער לבֿנהשײַן.

אוי, ווו אַכט פּיסקלעך טשאַמקען, קלעקט פֿאַר נײַן!

פֿאַר מיר גרענעצט עס מיט אַ ווונדער, ווען דער דיכטער לעוו
בערינסקי, קוים, דאַכט זיך, עלטער פֿון מיר, לעבט אין ייִדיש,
ווי דאָס וואָלט געווען די אורשפּראַך פֿון דער וועלט און דאָס
נאַטירלעכסטע זעלבסט־אויסדריקונגס־מיטל פֿאַר אַ שטאָט־
אײַנוווינער און מיטצײַטלער פֿון סוף צוואַנציקסטן
יאָרהונדערט.
לעוו בערינסקי האָט אין בערלין און פֿאַר בערלין אַ פּאָעמע
געשריבן, וואָס אַן ענלעכע דאַרף מען נאָך קאָנען געפֿינען.
איך קען נישט קיין אַנדערן הײַנטצײַטיקן טעקסט, וואָס וואָלט
אַזוי פּינקטלעך געטראָפֿן אין דעם געהיימסטן פּונקט
פֿון דער דאָזיקער שטאָט.

יורגען רענערט, דײַטשער דיכטער און איבערזעצער פֿון ייִדיש.
פֿון דעם וואָרט אויף דער פּרעזענטאַציע פֿון ל. בערינסקיס פּאָעמע
אין בערלין, דעם 30. 4. 1995.

*

יעדער אַפֿריקאַנער, יעדער זון
פֿון אַן אומה, פֿון אַ ווילדן שבֿט,
האט זײַן היים, זײַן אָפּשטאַם אין דעם שיינעם
דזשאָנגלוואַלד, אַ לאַן אונטער דער זון.

איך בין הײַנט דער לעצטער עקספּאָנאַט
פֿון מײַן פֿאָלק:
מײַן פֿאָלק
– צוויי טויזנט יאָר
אָפּגעוויינט און פֿריילעך אָפּגעזונגען
אויף אייראָפּעס רחבֿות –
איז פֿאַרברענט
מיטן שטעטל,
מיט זײַן לאַנד־און־וועלט
צוזאַמען.

אָמן.

Amen.

אָנגעהויבן תּחילת מיטן חורבן –
פֿון אַ חורבן פֿאַלט דאָס פֿאָלק אַ קרבן.

יתגדל...

און דאָס, וואָס ס׳איז געבליבן
אין די גרויסע הויפּטשטעט, אויף די מערק
און פֿיזיק־קאַטעדרעס, אין אָרקעסטערס
פּרימאַ־פֿידלער, שעף אין באַנק און אָפּיס
אויף אַ נײַעם ברעג
פֿון Haifa און Hudson, וואָס צעשוומען
האָט זיך ווײַט מיט children און women –
דאָס איז
מער קיין פֿאָלק נישט:
דאָס איז...

RF: ראַדיאָ־רעפּאָרטאַזשן פֿון די הימל־עטאַזשן

...אַז לויט די פֿאַרויסזעונגען פֿון מר דניאל און רב ישעיהו, ווי אויך אויפֿן סמך פֿון דודס פֿאָרשונגען (זע: תהילים) און די רעזולטאַטן פֿון די לעצטע עקספּערימענטן אין דער לאַבאָראַטאָריע, זענען זיי דאָ געקומען צום אויספֿיר, אַז אינעם גוף פֿון אַ געשטאָרבענעם, אונטער דעם ערדשיכט, ווערן אויך ווײַטער אויפֿגעהאַלטן געוויסע אויפֿנעם־פֿעיִקייטן, וואָס זענען, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק רעדוצירט און, בלי־ספֿק, אָפּגעשוואַכט אין פֿאַרגלײַך מיט דער סענסיטיוו־סיסטעם בײַ אַ לעבעדיקן.

דאָס טויטע לײַב פֿאַרבלײַבט, אַזוי אַרום, אין אַ צושטאַנד פֿון אַ מין טיפֿער און דויערנדיקער לעטאַרגיע, הינערפּלעט, ווי מען פֿלעגט עס אָנרופֿן אין קאַושאָן; פֿאַר אַ צדיק דאָך און פֿאַר אַן אמתן חסיד איז דאָס בלויז אָבער אַ זענפֿטיקער דרעמל, דערבײַ ניט קיין לאַנגער, וואָרעם די צײַט־דימענסיע, אויסגעמאָסטן אין גראַדאַציעס פֿון דער אייבערשטער ספֿערע *בינה*, ווערט אונטערגעאָרדנט דעם צווישנוועלטלעכן געזעץ, וואָס מיסטער Albert Einstein, דעמלט נאָך אַ לעבנסלוסטיקער בן־אָדם און זייער אַ פֿרומער ייִד, האָט אים פֿאָרמולירט אין זײַן אוניווערסאַלער גלײַכונג:

$$E = mc^2$$

ווו:

E (ה) = 5

m (מ) = 40

c (צ) = 90

פֿון דאַנען:

$$5 = 90^2 \times 40 = 324\ 000$$

אָדער:

$$5 = 324\ 000$$

וואָס באַווײַזט גאַנץ אָנשוילעך, אויף וויפֿל דאָס נאַציאָנאַל־דענקען, די גערימטע ייִדישע חקירה רעלאַטיוו און אַדאַפּטיוו בײַ אונדז איז.

דערפֿאַר טאַקע זאָגט אונדז אָן משה רבנו:

״לא־ימצא בך <···> ושאל אוב וידעני ודרש אל־המתים״[1]

אַזוי אַרום: ״שטערט ניט די מתים אין זייער רו צו ליגן״.

[1] דבֿרים יח־י״א.

אין דעם אָ צוזאַמענהאַנג האָט, אַ פּנים, רעאַלע אויסזיכטן דער בפירוש הומאַנער יקרות־פּראָיעקט פֿון דער SONY־פֿירמע (Berlin-Abteilung: Potsdamer Platz), פֿונאַנדער-צוּוויקלען אַ פּרעכטיקע, לויטן בײַשפּיל פֿון דעם מאָסקווער מעטראָ, מאָדערנע[1] "UR" – אַ קאָנטינענטאַלע ראַדיאָנעץ (Untergrund-Rundfunk), אַ מין אונטערערדישע סיסטעם־אינסטאַלאַציע אויף 6,000,000[2] אויפֿנעמפּונקטן פֿאַר סטאַבילער טראַנסלאַציע פֿון גײַסט-לעכער און פּראָפֿילאַקטישער סימפֿאָניע־מוזיק – איינציַטיק אויף עטלעכע באָדן־ניוואָען, הויפּטזאַכלעך – פֿון מאַעסטראָ Josef Haydn, זײַן C-dur Concerto, וואָס אַ פֿראַגמענט פֿון אים הערט איר יעדעס מאָל אין אָנהייב און צום סוף פֿון אונדזער אוידיציע, וואָס געהערט אָבער ניט צו דעם אויבן דערמאָנטן מין זמירות: עס איז, על־פּי טעות, איבערהויפּט קיין מוזיק – נאָר דער פֿריילעכער רויש בײַ אונדז אין גן־עדן, ווו ס'אָוועקגעשטעלט דער מיקראָפֿאָן און ווו ס'לויפֿן אַרום, פּונקט ווי אַ מאָל די ייִדן אין KZטן, די פֿון גליק דאָ משוגע געוואָרענע פּאַוועס, וואָס מיט זייער געשריי דעם הייליקן פּרדס אויפֿרירן –

און איר, דאָרט אויף דער ערד,
באַקומט אײַער פּאָרציע
גליקלעכע גריוון.

[1] דאָס אויפֿגעבלאָזן ווערטעלע "מאָדערן", אַרײַנגעדרונגען הײַנט אין דער מאָדע, דערלאָזט דווקא אין דעם קאָנקרעטן קאָנטעקסט אַ זינפֿולע, אַ צווייטע אויסטײַטשונג: "Moder" הייסט אויף פּראָסט דײַטש "פֿוילעכץ", "דער בר־מינן"; און "modern" – "שימלען", "פֿוילן", "פֿאַרפֿוילט ווערן".

[2] די מענטאַליטעט גראָד פֿון די, וואָס זיי וועלן זיך מוזן אײַנהערן אין דער "UR"-טראַנסלאַציע,
איז אָבער ניט צופֿאַסעוודיק צו דער מאָדערניטעט פֿון דער קאָלאָסאַלער אינסטאַלאַציע:
אונדזער לשון־קודש פֿאַרמאָגט אַפֿילו אַזאַ וואָרט ניט, וואָס זאָל קענען אַנטשפּרעכן דעם ווײַט־
פּערספּעקטיוון פּראָגרעס:
די גרעסטע צאָל־ציפֿער איז געווען, ווי מיר ווייסן, 1,000 – אלף, און שוין 10,000 – "רבֿ",
מיינט אַ "מערהייט" (למשל: דער סכום קערנדלעך רײַז אין דער קאַשע),
איז וואָס פֿאַר אַ ייִד, אַ פֿאַרשאָטענער מת
וועט פֿאַרשטיין אָפּצושאַצן די אמתע פּראַכט,
דעם טעכנישן נס:
וו'זוי ער ליגט אין אַ רויִקן מצבֿ
און דרימלט, און הערט **Гнесин** און **Palestrina**
צוזאַמען – ווען ער גיט נאָר אַ טראַכט!–
מיט 5,999,999
מתים.

*

ווען די נשמה,
דער רוח,
און נפֿש
האָבן פֿאַרלאָזט שוין ס'פֿאַרגליווערטע לײַב,
איז אָבער דאָס נאָך דער טויט ניט – בפֿירוש
פֿילט עס נאָך עפּעס, עפּעס וואָס בלײַבט.

און אויפֿן באַרג מיט פֿאַרזונקענע שטיינער
הערט זיך אַ שאָרעך פֿון אונטערן שטיין –
דאָס איז דער אָטעם, דער דעך פֿון די ביינער,
דער תּחית־המתים־גײַסט אין געביין.

אונטער די גראָזן, און זאַמדן, און וואַסער
ליגן די מתים – מײַן אומגעבראַכט פֿאָלק
וואַרט, אַז משיח זאָל קומען, דער ווײַסער
גיבור – די וועלט ער זאָל ברענגען צום טאָלק.

ער זאָל זיי ברענגען צום לופֿטיקן, נײַעם
לעבן, וואָס צוליב דעם לעבן איז ווערט
– פֿאָלג מיך אַ גאַנג! – אַזש קיין ירושלים
דורכגיין און דורכקריכן אונטער דער ערד.

וואָס אָבער ווערט מיט די טויזנטער טויזנט
שפּורלאָז פֿאַרברענטע, דערשטיקטע אין גאַז
ביזן סוף־ביינדעלע – אוי, מיטן גרויסן
אָנווער, אויף קינפֿטיקע לעבנס אַ קנס?

זײַט זשע אונדז אויסגעלייזט, באָבע און זיידע!
טויטערהייט – אָבער איר האָט עס דערלעבט,
אויפֿשטיין, אין הימל זיך אויפֿשטעלן – ביידע –
איבער Berlin, אויפֿן פּרײַסן־לאַנד פֿאַרלייגט...

*

אוישוויץ איז – Auschwitz
ווײַסל איז – Wisła.
ווילנע און Iaş.
סאָביבאָר.
באַבי יאַר.

זאָל זיך
די וועלט אָבער אויכעט דערוויסן
פֿון אַ טאַדזשיקישן ערטל
רעגאַר.

אפֿשר אַ צענדליק, און קאָן זײַן פֿיל הונדערט
ייִדן – אַנטלאָפֿן פֿון דײַטשער געפֿאַר –
זענען פֿאַרשטאָרבן געוואָרן, פֿאַרהונגערט
אין דעם פֿאַנטאַסטישן ערטל
רעגאַר.

גאָלדענע זאַמדן. אַריקעס. קדחת
מיט מאַלאַריע. באַרכאַנעס. לענג־אויס –
אַ קאַראַוואַן דאַרע קעמלען: דער רוח עס
נעמען – צי היטלער זאָל האָבן אַזוינס.

נייען פֿלעג מײַן מאַמע. און מיטאָג, אין סאַמע
היץ, צום פֿאַרקויפֿן דאָס אויפֿגענייטס גיין.
און אויף דער נאַכט פֿלעג זיך נעמען די מאַמע
אויב ניט דאָס לעבן – איז נאָכאַמאָל נייען.

וויפֿל געוואַלגערט זיך האָבן ווי מײַז – און
אָבֿק געוואָרן אין אויטאָדאַפֿע,
דאָס וועט אַ מאָל נאָך אין חלום אײַך ווײַזן
מײַן זיידע סרול – דער TV Berliner

FST: פֿון יענער זײַט סטיקס. נײַסטע בילדער – מיט געפֿערלעכע רינדער

אָנהייב מײַ: טויטע שעפּסן־ברואים: פֿליישיק שאָף, אָפּגעשונדענע שקאַפּעס;
אין דער גרינלעכער נאַכט גייען טויב־שטיל זיי אַלע אַרויס
אויף די לאָנקעס מיט בלעזערלעך, סטאַדיאָנען מיט גראָז, לויפֿן אין הורט – און
פֿרעסן שפּראָצלעך אין גאָרטן Tiergarten אויפֿן Steglitz־בית־עולם, אין איינעם
אָדער איינזאַם צי פּאָרלווײַז פּאַשען זיך, וואַרגן זיך, גרעפּצן,
לאַכן, שלוקערצן, ניסן און זיפֿצן, און הוסטן, און קרעכצן,
און קײַען, און דעכען, און בלאָזן, און קריצן
מיט די אײַזערנע ציין, שטייען, זעען שוין אויס ווי פֿאַרטראַכט,
גיבן פּלוצעם אַ פֿאָך מיט די הענט, ווי אַ פֿויגל אין סטעפּ,
און דערמאָנען זיך עפּעס, לויפֿן, שלאָגן זיך אָן מיט די קעפּ,
מיט די תּחתער רײַבן זיך, דרינגען דעם קרובֿ אַרײַן
וווּ מע דאַרף און מע דאַרף ניט, אין גראָזיקער גרינלעכער שײַן
אויף די פּיאַטעס זיך זעצן דעם מאָגן אויסליידיקן, פּישן
שטייענדיק: ער – צונויפֿגערוקט קרעכצטיק די פֿיס,
זי – צעעפֿנט וואָס ברייטער, שפּאַצירעווען ווײַטער, עס איז
אָנהייב מײַ, ווי מיר זעען, זיי נעמען זיך שווימען און פֿרייען
אין דער Spree, אין Tegeler See, אין Havel, זיי שטייען
אויפֿן ברעג־פּאַס Wannsee, גרינע ווי פֿרעש, בילדן רייען
און שערענגעס אַרום דעם וואַקאַנטן פּאַלאַץ, וואָס אינמיטן
זייער טויטקרײַז ער שטראַלט מיט די ליוסטרעס ווי קאָסמאָס־אָרביטן,
און דער קרײַז הייבט אָן פּײַפֿן און יאָדלען, און צאָקען מיט צונגען, מיט שווענץ:
ק אָ נ פֿ ע ר ע נ ץ
און אַז איינער דערבײַ
פֿ אָ ר צ ע נ ק ע ן
מאַכט אים נאָך דער המון
פֿ ע ר צ אָ נ ע ק

FELIX CULPA – ווען Luther קען אויפֿשטיין און זען.

און פֿון אויבן אַ קול: וראיתם ושׂשׂ לבּכם ועצמותיכם כּדשׁא תּפֿרחנה...[1]

---

[1] *(אויב סע הערט אים די מחנה)* „און איר וועט זען, און אײַער האַרץ וועט זיך פֿרייען, און אײַערע ביינער וועלן בליִען ווי גראָז...“. *(פֿון ישעיהו אַ הימלשער גרוס)*.

*

נאַכט בײַם וואַנזעע. ערשטער בראַנדענבורגער קאָנצערט.[1]

ווײַסע מעוועס

אַן אויפֿבוי־קאָנצעפּט

פֿון אַ וועלט־ אָדער וועלטליבע־רוים

דאָראָטעאַ

Déjà vu:

דער עץ־הדעת־בוים.

אַ גן־עדן?

יעדן פֿאַלס – קיין KZ.

בראַנדענבורגער – כּסדר – קאָנצערט
אימער אָדם און חווה.

הללויה!

GLORIA!

СЛАВА!

דאָראָטעאַ,
אַן אייביקער שײַנמישפּט איז געווען פֿאַר דײַן שטאַמבוי באַשערט –
אָבער ס׳מוז עפּעס בלײַבן פֿון רוישטאָף, כאָטש אַ סימן פֿון אים –
אײַער ערשטער קאָנצערט
פֿון אַ וואַזינפֿולער נשמה אין די טיפֿענישן, ממעמקים,
אין טעווטאָנישן אורוואַלד אַ קוויטש פֿון אַ בלאָנדזשענדער פֿעע.

עראָטעאַ.

אַ לבֿנה. אַ גאָלדענער קיטש:
באַך
אייראָפּע
Wannsee

---

[1] דאָס ליד איז תּחילת אָנגעשריבן געווען אויף דײַטש. דער "אורטעקסט" ווערט בײַגעבראַכט אין די "Relicta".

*

בײַ נאַכט, ווען דאָס באַמערקט ניט קיינער,
אין אַטמאָספֿער עס דרינגט אַרײַן
און ווירקט אויף אײַזן, פֿלייש און שטיינער
די קאָסמישע, געהיימע שײַן.

עס שווימען קריק אין די קאָנטורן
די גופֿים – ווי איבערן סטיקס,
און ווײַט זײַן שאָטן וואַרפֿט דער טורעם
פֿון Alexanderplatz – סרול פֿיקס.

און זי, מיט אײַזערנע צוויי אָפּלען,
איר סילועט אויף טײַך און ברוק
אַנטקעגן ציט – איר פֿרילינג־אָטעם
דערטראָגט זיך פֿון Charlottenburg

זיי ליגן פּונקט קאַפּויער, זיי לייגן
די קערפּער־שאָטנס וו׳הין און וווּ –
און שוין דאָס אויפֿגעלעבטס זײַן לעבן
דערגרייכט אים אַזש ביזן Bellevue.

ווי דעמלט שטראַלן אויף, ווי ס׳בליצן
לאַמטערן, פֿלאַמען, ליבעדאָרשט...
און איר, מײַן ריווקען, גיט׳ס אַ קיצל
אַ שאַנד צו זאָגן – אין דעם Forst

*

שטייט אַ נאַכטשײַן – ניט איבערצוטראָגן,
און פֿאַרפֿלייצט מײַן פֿענצטער און מײַן טיש:
ווײַסע מעוועס ווערן שוואַרצע ראָבן,
רויטע פֿיש.

הוילע הויזן שווימען אויף, און זאָקן,
און אַ העמד: ווער איז געווען דער איש?
רויטע ראָבן וואַרפֿן זיך און שלאָגן
טויטע פֿיש.

שווארצע מעוועס ראַטעווען זיך פּליטיש,
זון און נאַכט, אַ ליכט, אַ סוף־פֿאַרמיש.
יתגדל! דאָס שרײַען אויס אויף ייִדיש
ווײַסע פֿיש.

RF: לוויתן. אין גן־עדן און אין אָקעאַן־ראָסל

...ניט וועגן דעם, אַזוי אַרום, האַנדלט עס זיך, בײַ הײַנטיקן טאָג קומען אָן צו אונדז פֿון דער ערד אַלץ ווייניקער ייִדן צדיקים – די פּראָבלעם פֿון פֿאַרזאָרגן זיי מיט לוויתן־פֿלייש איז ניט אַזוי שאַרף, ווי ס׳מאַכן אָן אַ פּאַניק די ״גרינע״, וואָס דאָס זענען, זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, די ״ווײַסע״.

נו, אַז מע קלינגט איז חגא?... וואָס אָבער קומט פֿאָר אין דער אמתן?
דער לוויתן איז דאָ אַ טראַנסצענדענט־אַלגעמיינער עקוויוואַלענט פֿון אַלע ערדישע וואַלפֿיש. די פּאָפּולאַציע פֿון דעם זגאַל אין די פּלאַנעטאַר־וואַסערן ווערט אָבער, ווי באַוווּסט, אַלץ קלענער אין צאָל. שולדיק זענען דערבײַ ניט אַזוי פֿיל, ווי מען דערלאַנגט עס, די שוין איצט אָפּגעשאַפֿטע פֿלאָטיליע «סלאַוואַ» צי די יאַפּאַנער, וואָס זוכן אויס נאָך כּסדר כּלערליי תּירוצים (וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען אד״גל) און זענען ממשיך זייער וואַלפֿיש־געווערב.

דער וואַלפֿיש, אַלס ביאָלאָגישער אַרט, איז פֿון בראשית אָן געווען אויסגעשטעלט, קען מען זאָגן, אויף אויסשטאַרבן. די אָזאָנלעכער, וואָס די מענטשהייט האָט זיי ערשט אַנומלט באַמערקט, האָבן זיך אויף דעם סאָרט ים־בעל־חיים במשך פֿון עטלעכע קלימאַט־תּקופֿות אַזוי אויסגעווירקט, אַז פּאַמעלעך, פֿון דור, ווי סע הייסט, צו דור, און לסוף שוין פֿולשטענדיק, האָבן די גיגאַנטן פֿאַרלוירן זייער וואָל, דעם נאַטירלעכן צודעק, וואָס איז, אַגבֿ, געדיכטער געווען ווי בײַ די פּאָלאַרהינט, וועלכע שלעפּן ביז הײַנט נאָך, ווי לאַסטפֿערד, שווערע שליטנס בײַ די עסקימאָסן, אויפֿן אײַזיקן קאַנט ערד.

וואָס איז יאָ אַ נײַעס: אַז די וואַלפֿיש וואַרפֿן זיך אויף די ברעגן אַרויס.
ס׳איז ניט סתּם: די יבשה אַלץ וואַרעמער ווערט, און אַלץ קעלטער – דער ים.
יונה, אויף יעדן פֿאַל, איז לעבן געבליבן, נאָר ווײַל ר׳האָט זיך פֿאַרשטעקט און אַ לענגערע צײַט אויסבאַהאַלטן טיף אין מאָגן בײַ איינעם, טיילווײַז נאָך אַ באַדעקטן מיט וואָל, דעם לעצטן (מען דאַרף קענען לייענען), עקזעמפּלאַר Balaena Pellisa[1], אַרומגעפֿלייצט אינעם קאַלטבײַסיקן אָקעאַן און אַרומגערינגלט פֿון פֿאַרבײַדרייפֿנדיקע אײַזבערג, וואָס טאַקע אין זייערע ראַנדן – נאָך אָבער אין הייסע עפּאָכעס – פֿלעגן ליב האָבן רײַבן זיך פֿאַרוואַקסענע – פֿון קאָפּ ביז דעם תּחת – וואַלפֿיש.
דער feedback, דער קאָפּלינג־עפֿעקט, אויף דער ערד ערשט אַנטדעקטער, וואַרפֿט אַ נײַע שײַן אויף דער פּראָבלעם: מעגלעך, אַז דער גן־עדנדיקער לוויתן, וואָס מ׳האָט שוין לאַנגסטיק פֿון אים אָפּגעשונדן די הויט, האָט צוריקגעווירקט אויפֿן ערדישן ״פּראָטאָטיפּ״ דורך איינער פֿון די צען קבלהשע ספֿירות: די דאָזיקע גײַסטקאַנאַלן, רערלייטונגען פֿון דער איבערוועלטלעכער ענערגיע, זענען שוין זינט מיליאַסן שײַניאָרן ״קאָסמאָליזירט״, באַדעקט מיט מאַטעריע־אַנוווקסן, וועלכע צעעסן, ווי אַ מעטאַל־קאָראָזיע, די עמאַנאַציע־רערן, און זיי ווערן אַזוי דין, אַז צו יעדן מאָמענט קאָן זיך עפֿענען עפּעס אַ לעכל, אַ שפּאַלט, אַ געפֿערלעכער רין.

---

[1] דער באַהאָרטער וואַלפֿיש (לאַט׳).

Fernseh-Turm וגם Rundfunk-Madam

האָבן געטאָן וואָס זיי האָבן געטאָן.

טורעמלעך־מיידעלעך,
טורעמלעך־ייִנגעלעך
לויפֿן אין חדר אויף
Unter den Linden, אַך,
אונטער די ווײַסע בערעזעס
און דעמבעלעך
שוואַרצינקע פּאות
און ליכטיקע העמדעלעך.

Schlachtensee,
Zehlendorf,
Neuwerker Weg,
ווײַטער, דורך Späthsfelder,
אויף Lichtenberg,
ווּ זיי פֿאַרליכטן שוין
ליכטלעך אויף בערג
איבער די דערפֿער, שטעטלעך
און מערק
וואָס כ׳האָב צעבראָקט פֿון דיר
– גזלן וואָס כ׳בין –
פּרעכטיקער מעגאַלאָפּאָליס Berlin.

ווּ JUDENREIN איז געווען – מיט אַ מאָל
ווערט
י יִ ד נ פֿ ו ל

*

אייגנטלעך, איז דען עס אײַך ניט אַלץ איינס,
ווען און מיט וועמען צו שטאַרבן?
מלאך־המוות ווייסט אײַער גרייס
בײַ צײַטנס – פֿון פּיס ביזן שאַרבן.

גאָטעניו, שענק מיר די אייביקייט, כ׳בעט
ניט פֿאַר מײַן גוף – פֿאַר די לידער!
און וואָס מײַן שקורע באַטרעפֿט – בין איך גרייט,
לייג אויף אַ בעט מיך אנידער,
שיק צו דײַן כאָר דורכן זמר־זעפּיר –
באַך a capella, צי מאָצאַרט.
לאָמיר פֿאַר פֿריִער, אין איינעם מיט מיר,
פּראַווען מײַן קינפּטיקן יאָרצײַט.

אָבער פֿאַרלײַזיקט, אין ווילדן רעגאַר,
האָספּאָדי, לאָז מיך ניט אויסגיין
מאַרץ 43 אונטער דײַן גזר,
צווישן די הינט אויפֿן אַלטן באַזאַר
מיט די פֿאַרפּישטע קיאָסקן.

38° 30′ 39″ N, 68° 13′ 49″

S42 432891 426776 EUTM

FST: DIE ASTRALWELT. VERFÜHRUNGSBILDER

(פֿאַר עגונות אין מולטער)



אַ גילגול
מיט אַ פּנים – אַ פּוסטן אָוואַל
און אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע ווינטיקע אַקסלען –
שטייט ווי אַ געגעץ
אין הימלישן רוים
אונטערן הויכן אַסטראַלן בוים
אויף וועלכן אָרביטעס, אויך ליידיקע, וואַקסן

און אַרום – קיין פֿויגל, קיין בלום,
קיין פּאַווע, קיין חווה: קיין Bar, קיין Striptease

בײַ די פֿיס
אין דעם העל־בלאָוון וואַקוום
ליגן
– ווער ווייס צו וואָס פֿאַר אַ פֿאַל –
צוויי
זינט דעם בראשית זיך נאָך ניט צעגאַנגענע שנייוויַיסע פֿליגל

שטייט דער אָוואַל, האָט ניט נעבעך מיט וואָס
אַ קראַץ טאָן די אַמאָליקע נאָז
אויף זײַן הײַנטיקן
נאָל

h e

r r

k a

n z

l

e r

k o

h l

*

אַך, דאָס שײנע אײַער little־לעבן!

ווער פֿון אײַך, אין אײַנבראָך, שמוץ און נויט,

וואָלט געקאָנט אין שענסטן חלום גלייבן

צו דערלעבן ביז אַזאַ מין לעבן

little, אָבער שיין און גרויס ווי טויט.

MEIN SCHATZ, NACH DER WANNE
MATRATZE "NIRWANA"

אַך, דאָס שײנע little-little־לעבן

אין אַ Lebensraum אָן דער וואַנט!

אַלטער Adel מיטן נײַסטן פּעבל

קומען זיך צונויף אין גרינעם וואַלד.

ILEBURGER MINERALWASSER
FRISCH UND KLAR WIE UNSERE HEIMAT

אַך, דאָס little-little-little-little...

Frühlingsfeier. Happiness. עקסטאַז.

Max und Moritz. יִידל מיטן פֿידל.

Lagerfeuer. בערל מיטן באַס.

DIE
STAATSGEWALD
GEHT VOM VOLKE AUS

אַ באַריכט־געבונג פֿאַר די שליחים: העלדן און וואַסער־תּכריכים

...ווי אויך דאָס וואַסער אינעם קערפּער בײַם מענטשן. די לעצטע עקספּערימענטן דאָ בײַ אונדז אין גן־עדן – אַוועק! עוף מפה, דו פֿאַרעיפּושטע פּאַווליניכע! – די עקספּע, זוגער, לעצטערימענטן אין אונדזער LABORATORY דערווײַזן, אַז פֿאַרן מענטשן ווי אַ "דמות אלוהים", פֿאַר דעם פֿאַרקערפּערטן אַזוי גערופֿענעם "גאָטס אָפּבילד" איז אַ סך וויכטיקער ס'וואַסער איידער דאָס בלוט. לויט דער דאָ אָנגענומענער קאָנצעפּציע לגבי דעם ערדישן אָדם, וואָס די אַלגעמיין אַנאַליטישע צאָל פֿון זײַן גימטריא איז:

ם	ד	א
40	4	1

וואָס גיט:

$$1+ 4 + 0 + 4 \;=\; (1+4) + (0+4) = 81$$

ווי דערבײַ:

$$\sqrt{81} = 9$$

דעם אונטערשטן, דעם נידעריקסטן לײַבקאָמפּלעקס אין דער גאַנצער סיסטעם פֿון דעם מענטשן, וועמענס שײַנקייט איז רוח, און זײַן קרוין – נשמה, בילדן, אַרויסגייענדיק דערפֿון, דרײַ אָרגאַנען: די לעבער, די מילץ און די נירן. וויפֿל זשע וואַסער דאַרף דורכפֿליסן דורך דער סיסטעם, זי זאָל זיך כּסדר אָפּרייניקן און זיך פֿון אונטן ביז אויבן דערפֿרישן, און, פֿאַרשטייט זיך, אויך צווישן!.. די מענטשהייט, אַזוי אַרום, מוז

טרינקען און פּישן!
טרינקען און פּישן!
טרינקען און פּישן!

על־כּן, רב שמעונס שאלה: וואָס פֿאַר אַ פּרעפֿערענץ האָבן די, וועלכע שטאַרבן? עבֿירות און קילקול, רציחה און ווזט אַנטהאַלטן זיך אין דער ווײַסער גאַל פֿון די לונגען; אין דער רויטער גאַל פֿון דער לעבער, וואָס אויף איר דער מאַרס ווירקט; אין דער גרינער גאַל, אויך אין לעבער, וועלכע איז די שווערד אין דער האַנט בײַם מלאך־המוות; אין דער שוואַרצער גאַל, וואָס דער ווילדער לילית צו ניץ קומט און פֿון סאַטורן גופֿא באַהערשט איז; אין דער מילץ מיט איר תּהום פֿול נישטיקייט, פֿינצטער, קלאָגן, געוויין און הונגער.

פּרוּווט אים בלוט געבן, דעם סאָלדאַט אין די זאַמדן, ווען ער גייט אויס מיט בלוט און בעט אײַך אַ טרונק.

פּרווט בײַ אים נעמען דעם וואַסער־רעזוס, בײַ דעם אויסגעדאָרשטיקטן יונג. מען קען אים, נו יאָ, אָן קיין שום רעזוס־שמערוז אַרײַנצאַפּן עפּעס אַ גיסעכץ פֿון חיות – באַהויפּטן די ״לעצטע נײַעס״.

פֿון אַ לעמל, למשל, אַ קעמל.

יאָ, און טאָמער ער בלײַבט טאַקע לעבן, דער יונגער הערוי, – באָזשע מאָי, וואָס זאָגט דאַן זײַן גענעטיק?

ס׳איך אַ פֿראַגע פֿון עטיק.

דער מענטש איז אַ corpus incognitum, וואָס מען דאַרף אים נאָך פֿאָרשן און פֿאָרשן.

צי סע לוינט זיך?... די יעווגעניק באַגייט זיך דערווײַל מיט פּרעש. אַ פּראָש – אַ גראָשן.

מע גיט אַ קרעכץ – און גרינגער ווערט׳ס

דו, נאַריש נעבעכל, ווײַס קעצל,
האָסט זיך פֿאַרגעסן – און אַרויף
העט אויבן אויפֿן בוים אין הויף

אַ ביסל שפּילן זיך און רייצן
די זון אין הימל – איצטער צײַג,
ווי דו פֿאַרלאָזסט דײַן הויכע צווײַג.

דיך די לבֿנה מאַכט משוגע,
רוקט צו אַ לייטער, אַ שײַנסלופּ,
ווו ס׳ניט אַרויף און ניט אַראָפּ.

דו שרײַסט און קוויטשעסט, מײַן נשמה.
און בלויז דער טויטער ירמיהו
דערהערט
דײַן מיאַו!
מיאַו!
מיאו!

איך־סוף־בילדער:

(פֿאַר דײַטשן און קינדער)

פֿעדעריקאָ פֿעליני און פּאַלמיראָ טאָליאַטי
לויפֿן סקי, מיט גומי־
אָנגעפּאָמפּעטע שטעקנס פּאָכן זיי אין די וואָלקנס
פֿון אַ פֿרעמדן פּלאַנעט.

בײַם Federico אין שלייפֿל – אַ רויז, גרויס ווי׳אַ בוקעט.
בײַ Togliatti אין טאַשקע – אַ דאָכלע נעבעך ראָמאַשקע.

אויף דער אײַזלאָנקע – אויף זײַנע ליזשעס אַרויס מיט אַ גרוס,
הייבט אויף Federico
אַ פֿוס,
און צו אים
זיך Palmiro פֿון ווײַטנס דערנענטערט –
ס׳איז אַ מין מענועט:
מיט אַ האַרציקן שמייכל
כאַפּט ער אונטער בײַ Federico דאָס קנעכך,
ווי דאַפֿניס בײַ כלאָיען, זײַן כלה אינעם שיינעם באַלעט.

פֿונעם HIMMELGESCHOSS – פֿונעם גאָרן – אַ האָרן:
דאָס בלאָזט אויס די נאָז
צי די זעל
גבֿריאל:

◄-TUBA MIRUM

וואָס דאָס אַלץ זאָל באַטײַטן – ווייסט עזאָזל.
אָבער שיין איז דער ניגון,
און זאָגט, ס׳איז טאַקע אַ פֿאַרגעניגן –
אָט אַזוי אויף דער ווייכער "NIRWANA" צו ליגן
מיטן שאַץ, צי אַליין,
און זען,

וי דער געוועזענער קאָמוניסט און לץ – אַך! –

אַרום דעם אַמאָליקן

נעאָרעאַליסט

ד

ר

ך

י

ע

י

צ

*

אוי, שפּעטע שפּילן. ניט קיין ווונדער,
אַז עובֿר־בטל איז דער מאַן
און לייגט צונויף, און שרײַבט איר אונטער,
און שענקט איר אַן אַעראָפּלאַן.

און זי? – זי לאַכט און כאַפּט אים איבער,
דעם "Lufthansa" אָדער "EL-AL"
בשעת ער פֿליט איבער לופֿטגריבער
אין בלאָוון הימל, אין וועלטאַל,

און לאָזט צוריק אים. שטייט פֿאַרחלומט –
אַ מויד בײַם דניעסטער אויפֿן ווינט.
אַ פּעלערינע צו דעם אָוונט.
געבורטסטאָג־אָוונט. הונדערט פֿינף.

RF[1] – אין עלטער פֿון 15 יאָר. פֿאָטאָ 1905

---

[1] זע "צו די אילוסטראַציעס".

און זיי גייען אַוועק

אין דער נאַכט
ערגעץ אין סטראַטאָספער
שטרעקט אויס
ער
צו איר
אַ שטראַל מיט צעעפנטע פינגער,
נעמט זי אָן
– פאַר די פינעף קלאַנגוועלן
און נעלם
ווערן זיי, בלויז אַ געפאָרטע מאַנטיליע
הענגט אַראָפּ און ציט זיך זיי נאָך
אין דער לופטן
אין דער גאַנצער Berlin־ברייט – פון Pankow ביז Potsdam –
און שלייערט
איבער פאַרקן און הילכיקע פלעצער, און גלעט
טונקל־קופערנע העלדן, מאַרשאַלן אויף גרינע, ווי גאַל, פאָסטאַמענטן
און רײַכע פּאַלאַצן, שפּיציקע דעכער, רויטע מויערן, פענצטער
מיט פאַרמאַכטע צי אָפענע פאָרטקעס, –
און אַ קלאָרע מאַגנעטישע אוראַלטע שײַן
זויגט אויס
בײַ די שלאָפערס אין חלום
און בײַם שפּעטן שפּאַציר־וואַנדערפויגל
דעם פאַרבאָרגענעם גײַסטיקן מענטש
– פון זײַן דמות־אלוהים
מיטן רוח,
נשמה
און נפש.

לײַכטע פאָרמען און ליכטפלעקן ווײַסע
פליִען גאָר ניט קיין דאָיִקע סטײַעס

זיך באַוויַזן – און תּיכּף אַוועק
אויף צוריק, צו דעם הימלשן ברעג
פֿון בריאָה,
יצירה,
עשׂייה.

דו, רבונו־של־עולם, קענסט זייערע וועגן – ,Dahin
Dahin
geht unser Weg! O Vater! Lass uns ziehn...

גאַנץ בערלין
– ווען איך גיי אין דער פּרי אין די גאַסן אַרויס –
איז פֿאַרשטאָפּט און פֿאַרשאָטן
מיט קאָנטורן פֿון מענטשן,
זייער שאָלעכץ
און שיילן,
מיט וויַבערשע קליפּות,
היַטלעך
פֿון אויסגעזאָפּענע קינדער –
צוויי וואַקוום־שנעקן
מאַכן חוזק־ספּעקטאַקל
אויפֿן אומריס פֿון ליבן Papá – אַ פּאָר לצים
– ביַ אים אויף דער פּלייצע –
ווו איינער דעם צווייטן בלאָזט אויס אין פּנים
אַ גומענעם גרינעם קיַבלעזול,
און יענער – ווי ממש אַן אייזל
צערעוועט זיך, וויינט און צעשמירט אויף די בלויזע לופּטבאַקן
דעם זאַפּטיקן שפּיַ – און באַדעקט זיך דערביַ
מיט קלעקן מיט גרינע.

און ט׳האָט איר די "גרינע"!
אַ המון שוטים
– שאָטנס –
מאַניפֿעסטירט

פֿוסטערהייט,
און ווען איינער צעעפֿנט דאָס מויל –
פּלאַצט ער אויס
מיט
פּוסטע רייד.

אוי,
אַ פֿרוי
פּרוּווט גנבֿענען סעקס מיט אַ גולם־בוים, און איר מאַן, אַ באַלאָן,
שוועבט און קוקט, ווי דער סוק – נאַט אייך! – לעכערט זי דורך
און באַגיסט זי מיט גרין.

אָ, Berlin!

און פֿון אויבן אַ קול:

וְנוֹדְעָה יַד־יְהוָה אֶת־עֲבָדָיו וְזָעַם אֶת־אֹיְבָיו׃ [1]

בערלין-וואַנזעע, פֿרילינג 1995

---

[1] ...און די האַנט פֿון גאָט וועט דערוווּסט ווערן בײַ זײַנע קנעכט און ער וועט צערענען אויף זײַנע פֿײַנט. (ישעיה, 66:14. תּרגום ייִדיש פֿון יהואַש).

לעוו בערינסקי

לופֿטבלומען

פאָעמע

אירענע פֿרענקעל
צייכענונגען

ווילאַ וואַלדבערטאַ
סעפטעמבער 1999

דער דיכטער איז...

לעוו בערינסקי, איינער פֿון די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע אויטאָרן,
אויף באַזוך אין פֿעלדאַפֿינג.



דער דיכטער איז אַ שפּילערניק, אַ פּאַיאַץ. אַ סאַמעטענע שליאַפּע איבערן אויער – און לאָזט זיך נישט אַרײַנקוקן אין די קאָרטן. "אײַ, איר ווייסט דאָך, – טוט ער אַ שווערינקן זיפֿץ בײַם טעסעלע קאַווע אויף דער טעראַסע אין 'ווילאַ וואַלדבערטאַ', – ס'איז שוין גענוג וועגן דעם בערינסקין געשריבן געוואָרן, קיין נײַס...".
ס'האָט זיך אים אַ מאָל, הייסט עס, פּלוצעם פֿאַרגלוסט צו דערוויסן: איז שוין ייִדיש קאָמפּלעט אין דער חורבן־פֿינצטערניש פֿאַרזונקען, אָדער ס'איז דאָרט נאָך מעגלעך אַ געדיכט פֿון אַ בלום, פֿון אַ ליבעניש אָנצומורמלען, אַ לבֿנה־לאַנדשאַפֿט אויסצוטרוימען?

"איצטער ווייסט איר, וואָס ס'הייסט – איבער דער מענטשהייט־געשיכטע
אַן איבערבליק וואַרפֿן אין שלאָף, אינעם שטויביקן קינעמאַטאָגראַף, אין גראָז..." –

אין אַזאַ פּראָוואָקאַטיווער מאַניר זענען אָנגעשריבן זײַנע ערשטע לידער אויף ייִדיש.

דער דיכטער איז אַ זשעני: נעמט יעדעס וואָרט אויף דער צונג, פֿאַרזוכט עס – און שענקט מיר צוויי עפּל בײַ אונדזער געזעגענונג, ווען מיר האָבן שוין אָפּגערעדט געהאַט אַ פּאָר שעה, און דער עיקר: זײַן פּראָיעקט אין פֿעלדאַפֿינג. דאָס וועט זײַן אַ ראַנדעוווּ פֿון דיכטונג און מאָלערײַ, די קינסטלערין אירענע פֿרענקעל קומט צו פֿליִען די טעג פֿון פֿילאַדעלפֿיע, שוין מיט אירע עסקיזן. "לופֿטבלומען", אַ פּאָעם, אַן אַלבאָם. די לידער – אַ באַריכותדיק פֿאַרשווײַגן אויף ייִדיש. "איך שרײַב קיין דעקלאַראַציעס ניט, – זאָגט דער אויטאָר, – די פּאָעמע האָב איך אַזוי געשריבן, ווי ס'וואָלט קיין מאָל ניט אויסגעבראָכן געווען די אוממענטשלעכסטע קאַטאַסטראָפֿע פֿון אונדזער – דאַנקען גאָט, ס'פֿאַרענדיקט זיך שוין – יאָרהונדערט. מײַנע בלומען, וואָס ס'געוועב זייער איז לופֿט, זענען ווונדערלעך, אָבער בלויז אויף אַ וויזועלן ניוואָ, זיי עקסיסטירן ניט. די פּאָעמע, אַזוי אַרום, איז אַן אויספֿאָרשונג פֿון אַ סובסטאַנצלאָזער דעמאַטעריאַליזירטער פֿלאָרע, געשריבן אויף אַ שפּראַך פֿון וועלכער מען דערוואַרט ווערטער וועגן אויסראָטונג פֿון אייראָפּעיִשן ייִדנטום".

דער דיכטער איז אַ דיאַלעקטיקער.

דער דיכטער איז אַ טרעמפּיסט.

אַ טרעמפּיסט איבער צײַטן און רוימען, זײַן איצטיקער לעבנס־מאַרשרוט איז – דאָס געבענטשט לאַנד, אין וועלכן ס'ווערט גאָרנישט אַזוי ווייניק געבענטשט, ווי די ייִדישע ליטעראַטור.

סאַבינע צאַפּלין, 1999

א׳

זיי פֿליִען ווי פֿון אונטער דר׳ערד אַרויס
און שוועבן, ווי באַלאָנען, איבער דעכער,
זיי אָטעמען און ווערן וווּנדער־גרויס,
די לופֿט פֿילט אָן דעם גולם, הערט: זיי דעכען.

די וואָרצלען – דינע לאַנגע פֿעדעם שײַן
ציִען זיך נאָך און הענגען אין דער לופֿטן,
און פֿינטלעך נאַכט, ווי ברעקלעך באָדן, דופֿטן
מיט חושך אונטערערדישן און פּײַן.

און איר, מיט אײַערע פֿאַרבן און מאָלבערטן –
איר הייבט די אויגן אויף און לויפֿט זיי נאָך
אַרום דער ווילע פּרעכטיקער Waldberta
מיט שאַרפֿן שפּיץ איבערן הויכן הויז,
וואָס לעכערט דורך דעם לופֿטקאָנטור – אַ לאָך
פֿאַרגיסט מיט רויט דעם בלאָט, און באַלד שוין ווערט ער
אַ שד – און ס׳רינט די בלום פֿון אים אַרויס.

ב׳

דיביימער ווילן אויכעט פֿליִען.
זיי נעמען אָן אַ פֿולן גוף
מיט לופֿט – ס׳אומזיסט אָבער דאָס מיִען,
דאָס ציִען זיך אין הייך אַרויף

צו לאַנגצווײַגיק און צו שווער־יאָריק,
און צו האָלצפֿליישיק איז דער טול,
און די פֿאַרוואָרצלטקייט – צו טרויעריק
אויף צו אויפֿפֿלאַטערן אַ מאָל.

די ערד, דער הומוסגרונט, דאָס אײַזן
אין טיפֿענישן, דער מאַגנעט
פֿון גלאָב – דערלאָזט קיין הימל־רײַזן:
ס׳האַלט זיי, זיי האַלטן דעם פּלאַנעט.

בלויז איין מאָל, אפשר, אין זייער לעבן,
אין אַ משוגע־ווײַסער נאַכט,
פּרווט די לבֿנה זיי אויפֿהייבן –
די ערד הייבט אָן אַליין צו שוועבן
און איבער זיי פֿאַרלירט די מאַכט.

זיי וואַגן אָבער ניט צו גלייבן:
דער פּחד זיצט אין זיי און לאַכט.

ג׳

יחיד־במינו – דער שמעקער פֿון אַסטרעס
רײַסט אָפּ אַ בלימל, קוקט, און צערײַסט עס –
עפּעס געפֿעלט מײַן בראשית אים נישט.
נעמט דער משורר, דער שטילסטער משרת –
ער שטוקעוועט, קלעפּט מיט זײַן סלינע, מיט שבֿועות,
פֿילט אָן מיט אָטעם דעם בלומקנאָספּ – און קושט.
ריזיקע רויזן און רויטע טולפּאַנען
עפּענען אויגן – און פֿליִען, און שפּאַנען
נאָענט און ווײַט אין דער בלויקייט – עהיי!
קום מיט זיי מיט אין דער לופֿטן, אירענע,
ערגעץ זשע וואַרט דאָרט אויף אונדז די אַרענע –
לאַכן און לצוועןׅ, וויינען פֿון ווײ.

ד׳

אויף בלימעלעך פֿון וואָס פֿאַר אַ קאַליבערס
פֿליִען צונויף זיך נאַשן די קאָליבריס?

אויך מײַנע בלומען האָבן נישט קיין נאָמען.

זיי האָבן נישט קיין צײַטגרענעץ און אַדרעס –
עס פֿליִען פּטעראָדאַקטילס, ס׳פֿליִען אָדלערס,

דער מלאך מיט די טויזנט אויגן גופֿא –
די אייביקייט איז, אייגנטלעך, זײַן תּקופֿה.

זיי פּיקן אָן די ריזנבלומען מײַנע.

אָט לאַנדעט אויף מײַן שענסטער, ווי אַ לײַנער,
דער מאָנסטער אומגעהײַערער – פֿאַרהונגערט
און דאָרשטיק זופּט ער ס׳צוואַנציקסטע יאָרהונדערט.

און ס׳רינט אַרויס די זיסטע צײַט די סאַמע:
מײַן מאַמע ריזלט, אַך, מײַן יונגע מאַמע...

עס פּליסט, עס שפּרודלט און עס פֿאַלט אַ טראָפּן,
און צו פֿאַרשטאָפּן – האָב איך ניט קיין פּראָפּן.

ה׳

אין אָנדענק פֿון היעראָנימוס – אין איינעם
וועלן אַרײַן מיר אין אַ גרויסער בלום
און זיך צעלאַכן דאָרט אָדער צעוויינען,
צי אפֿשר שווײַגן, גלאָצנדיק אַרום.

אַ רויטע וועלט, פֿון אויסן אויסגעבויגן,
שפּיגלט זיך אָפּ און רייצט – אין דײַנע אויגן.

אין אָנדענק פֿון מײַן לעבנס־יום־טובֿ גרויסן
וואָלטן מיר דאָ נאָך תּאוות ניט געבענקט,
ווען אָבער כ׳ווייס, צי זעט מען אונדז פֿון דרויסן,
צי ס׳דאָ כאָטש איינער ווער אונדז פֿאַרגעדענקט.

נאַרציס בײַם וואַסער, פֿלאַכן ווי אַ שיסל,
איז קעגן מיר – אַ פּישער, אַ נאַרציסל.

אין אָנדענק פֿון אויסשעפּיקער פֿאַרגעסונג
האָב איך פֿאַרפֿלאַנצט די לופֿט, ס׳חלל־געבלום,
און ס׳ציטערט, גלײַך ווי ס׳ציטערט פֿאַר אַ בייז אויג,
דער אויסגעהוילטער, הויליקער אַרום.

נאָר דו און איך. און דאָס איז שוין אַ נס.
גיב מיר אַ קוש, אירענע, און פֿאַרגעס.

ו׳

נישט קיין בוקעט
פֿון רויזן, נאָר אַ גרויס
און לופֿטיק בלעזערל גרויס אפֿשר ווי אַ הויז
צי ווי אַ באַרג, צי גאָר ווי אַ פּלאַנעט
אָדער פּלאַנעט־סיסטעם וואָס פּלוצעם ווערט
צעשיטן זיך – ווי נאָר מײַן בלומוואַרג, וואָס
דו נעמסט אין האַנט און – נאַ דיר! – כ׳מאַך אַ בלאָז
און אַ צעלאַך זיך...

אַך, וואָס פֿאַר אַ וועלט
צעפֿליט, צעפֿליסט, צעגייט זיך, וואַקסט און קוועלט
לויט איינשטיינס שלאָפֿגעזעצן – און ווי ס׳פּאַסט
דער קאָסמאָס צו דײַן פּנים: אַ מין פּאַס
פֿון ווײַסע שטערן־אָביעקטן נעמט אַרום
דעם קאָפּ, דעם מילכוועגיקן דײַן אָוואַל, l'amour
l'amour זינגט דאָס פּלאַטאָן־סיסטעם...

ס׳איז סתם?

ז׳

דער שטאָף־ און לופֿט־אומבײַט איז בײַ די בלומען
אַן עקסיסטענץ־באַדינג, ווי אויך בײַם שטיין.
אָבער אַ בלויזע בלום אין הימל בלאָען,
וואָס האָט קיין גוף, און לופֿט איז זי אַליין?

זיי בײַטן זיך מיט פֿאָרמען, מיטן צוגווינט
און שײַן, מיט דער אָנוואָגיקייט און גרייס.
ווי דאָס קומט פֿאָר, וואָס ווערט פֿון דעם? – איך זאָג ניט,
כאָטש איך, דער איינציקער פֿון אײַך, דאָס ווייס.

אַ גורל אָן וויכּוחים און פֿאַרמעסטן:
זיי קינדלען אין דער לופֿטן, און – איר הערט? –
זיי דאַרפֿן נישט קיין שטויבפֿעדעם און פעסטל,
ביז וואַנען איך געפֿין זיך אויף דער ערד.

פֿאַרשידן זענען זיי׳רע בלומענגאַרטן –
נאָר וויפֿל ס׳איז באַשערט זיי, ווי איך גלייב,
אַזוי פֿיל וועלן הייסן אַלע סאָרטן
טולפּאַן־בן־לבֿ, צי ליליע־בת־לייב.

און דו, און איר, ווען איך פּרוּוו דערוועקן
און כ׳גיב אײַך זיי אַ שמעק טאָן און אַ ריר –
לאָזט נישט אַרויס, ווען איך וועל שוין אַוועקגיין,
די לופּטבלומען – פֿאַרמאַכט נאָך מיר די טיר.

ח׳

דער גרויסער בלאָזער לאָזט זיי אָפּ
אין הימלבלוי אָן שום אַחריות,
זיי וואַנדערן אַזוי אַרכאַיש
איבער די פֿעלדער, דאָרף און שטאָט.

ווי דיריזשאַבלען – פּוסט און דיק,
ווי זייפֿבלעזלעך – די קלענסטע בלימכען,
און בלײַבן הענגען איבער מינכען
מיט 66 יאָר צוריק.

און שוין די יאָרנצאָל, די צווי
פֿון די זעקס הונדערט זעקס און זעכציק –
זיי דרייפֿן ווײַטער, ווערן זעקסיש,
האָלשטײַניש, האָלענדיש... אוי וויי,

זיי זענען שנעל אין פֿלוגפֿאַרמעסט,
זיי ווערן פֿיל, אין פֿלי פֿאַרמערטע,
און פּלאַצן ווײַט שוין פֿון וואַלדבערטאַ,
און ס׳שיט זיך געלקייט אָדער פּעסט.

נישט איך, נישט איך האָב זיי געפֿלאַנצט
אַזוי סכּנהדיק און דראַסטיש.
כ׳בין ערשט געבוירן נײַן און דרײַסיק
און דאַן געזען דעם רויטן פּלאַץ.

ט׳

פאלט דיר אריַין
אין שלאָף
א פראכט

אַן אויפֿרײַס
פֿון אַ בלום
אין הימל

אַ שטערנפֿאַל
אין מיטן
נאַכט

אַ שטערנדל
אַ שפּליטער
בלימל

פֿאַלט דיר אַרײַן
אין שלאָף
אַ פּראַכט

י׳

אַ האַלבער הימל איז באַוועגלעך –
אַ שטראָם אַ נאַכטיקער אַ מין,
און גרויסע ליליעס פֿאַמעלעך
אין שלאָף באַוועגן זיך אויף אים.

די געלע, רויטע לופֿטבוטאָנען,
פֿאַרטרוימט... און פּלוצעם אַ פֿאַנטאָם –
אַ ווײַסער, דאַכט זיך, אַז מיט טאָנען
איבערגעלאָדענער קאָנדאָם.

פֿון האַרטן ליכט אַ דורכגעשטראַלטער,
פֿון דעם לבֿנה־טויטן ליכט,
פֿאַרשטומט, אין איין זיך אָנזען האַלט ער
אין גאַנצער גרייס און לאַסטגעוויכט.

ער איז כּמעט אויף ניט צו גלייבן
מיט זײַן אין שײַן פֿאַרשפּאַרטן דור –
אַ שפּאַלט צווישן נאַטור און לעבן,
אַ שטומער לאָך אין ענגלכאָר.

ער הענגט אַראָפּ און שווימט אויף מערבֿ.
עס טראָגט אים שווער דער קאָסמאָס־ווינט,
און ס׳הערט זיך, ווײַט שוין איבער בײַרעט,
ווי ס׳וויינט אַרויס פֿון אים אַ קינד.

י״א

די לופֿט האָט ניט קיין פֿאַרבן און קיין שפּראַך.
איך לאַך, בשעת פֿון לופֿט – בוטאָנען כ׳מאַך.

פֿון Rosainsel, פֿון אַ בוים אַ קרומען
לאָז איך אין הימל גרויסע רויטע בלומען.

איך גיב אַ שפּרונג פֿון צווײַג אַראָפּ. איך זאָג:
האָפּ! Voilà, signori. גוטען טאָג.

מיר זענען דאָ. זעט: רויזן צווישן קרײַטער.
אַ הימלטריק. די קלאָונערײַ גייט ווײַטער.

בוטאָנען שוימען, הענגען איבערן טײַך.
צי קויפֿט איר בלומען פֿאַרן פֿערטן רײַך? –

ווײַל שוין צעפּראַלט האָט זיך אין הימל פּלוצלינג
אַ בלומענרײַך פֿון **München** און ביז **Tutzing**.

נאָר אויב מײַן טריק אײַך ניט ווי אימפּאָנירט –

———————————————————————————————.
————————————————————————————————
————————————————————————————————
———————Brahms—————————hier—————————Wer—————————————————
———err——————————————at————————————————————kekom———niert—
—He—   —ha—   —ei—   —
                                    —dre—   —po—

י״ב

דער צוקער

איז אַן אָרגאַניק־שטאָף, דער עיקר.
דער קוילן־דיאָקסיד אָבער, און ס׳וואַסער –
צוויי טויטע אַנאָרגאַנישע סובסטאַנצן.

די פּלאַנצן זענען אָבער ניט קיין שוואַנצן!

די פּלאַנץ ווייסט ווי אַזוי
פֿון אַנאָרגאַניק – אַן אָרגאַניק סינטעזירן
לאָמיר נאָכשפּירן:

ווו נעמט אַ בלום דעם כּוח אויסצופֿירן
אַזאַ גיגאַנטישן סינטעז־פּראָצעס?

עס

איז

די געטלעכע ענערגיע פֿון זון

פֿון

$CO_2 + 6H_2O6 +$ שטראַלונג־ענערגיע $\rightarrow C_2H_{12}O_6 + 6O_2$

דערמיט

איז דער פּרינציפּ פֿון פֿאָטאָסינטעז
פֿאָרמולירט

אונטער דער ווירקונג פֿונעם זונענליכט
פֿאַרבינדט דער כלאָראָפֿיל, אַ גרינער פֿאַרבשטאָף,
דעם קוילנדיאָקסיד פֿון אַטמאָספֿער
מיט וואַסער – ט׳איז ער, דער גליוקאָזע־צוקער!

זויערשטאָף

אַנטשטייט בלויז ווי אַן אָפּפֿאַל־
פּראָדוקט, of
drăguţă unde eşti?[1]

---

[1] אוי מײַן טײַערינקע, ווו ביסטו? (רומ׳).

י״ג

דער ווינט פֿון די אַלפּן, דער פֿען, די מאַגנעטישע וויגע, וואָס מאַכט שוין משוגע
דעם גאַנצן פערזאָך־באַשטאַנד פֿון מיליטערישער באַזע אין שלאָף, אין אַ פֿאַזע
פֿון שטאַרבן צי חלשן, אין די באַרימטע קאַזאַרמעס
פֿון פֿאַר דער מלחמה, און שפעטער, ווען נאַקעט און באָרוועס
דערשלעפּן זיך פֿלעגן אַהער די פֿאַרוואָגלטע, פֿון די קאַצעטן, –
דער ווינט פֿון די אַלפּן, וואָס לאָזט אונדז קיין כוח אַ גלעט טאָן
דײַן סאַמעט׳נע לענד מיט מײַן סמוטנער האַנטפֿלאַך, אויפֿן רײַכן
בעט־שטח, אַנטקעגן דעם שיינעם טרומאָ, ווו ס׳דערגרייכן
די אַלפּן־שיפּועים אַהער צו, ביז אונדזערע גופֿים, –
דער ווינט פֿון די אַלפּן, דער פֿען, אָדער ווי דו ווילסט רוף אים,
בלאַסט אויס, בלאָזט אַרויס צווישן מאַנדלען און ווייכן גומען
דעם דעך פֿונעם מענטשן – און ס׳שוועבן אין פֿענצטער
לופֿטבלומען.

י״ד

וואָס איז די נשמה אין פוסטן קאָנטור? –
די ביאָכעמיע פֿון טויטער נאַטור.

ווי שאַפֿט זיך, אויב ס׳שאַפֿט זיך, און ווייניק צי פֿיל,
דער הויפּט־קאָמפּאָנענט פֿון אַ בלום – כלאָראָפֿיל?

צי קען גאַראַנטירן דעם צווײַגעלע בעז
אַ פֿאַרב און אַ ריח דער פֿאָטאָגענעז?

אָנזעטיקן, אפֿשר אויף אייביק איין מאָל,
די בלום מיט נעקטאַר און מיט זאַפֿט – מיט קראָכמאַל,
מיט צאַרטקייט און שיינקייט און שעמעוודיקייט...

וואָס זאָגט טימיריאַזעוו, דער בקי? ער שווײַגט?

איך עפֿן דאָס פֿענצטער. ס׳איז אָפֿן די טיר.
די בלומען אין הימל. דאָס צימער מיט דיר.
אַ פּראַכט פֿון אַ רויז. אַ נאַכט מיט אַ מויד.
אַ טויט פֿול מיט לעבן. אַ לעבן פֿול טויט.

אַ לאַנגע, אָנמעכטיקע, ליכטיקע נאַכט.

איז אָט וואָס ס׳איז ליבע, ווען מ׳האָט זי פֿאַרטראַכט
אין חלום, אין הימל, אין גראַם אויף פּאַפּיר
פֿאַל צו, וויג זיך צו אויף דײַן לופֿטבלום צו מיר!

ט״ו

אַ גאַסט פֿון אַ וועלכן יאָרטויזנט
ס׳געקומען צו פֿלִיען צו מיר? –
אַ פּראַכט פֿון די קינסטלעכע רויזן
פֿון לופֿט, פֿון אַ חלום־קאָליר.

דער ווינט הערט ניט אויף זיי צו גלעטן.
און איבערן ליידיקן גוף,
אַך, זון־קִיעלעך פֿון גן־עדן
מאַרשירן אַראָפּ און אַרויף,

און זוכן דעם וועג, ז ײַ נ ע דרכים
צום לעבן – אַראָפּ און אַרויף,
און דרינגען, ווי יעקבֿס מלאָכים,
אַרײַן אין מ ײַ ן ג ע ט ל ע כ ן שלאָף,

און קערן זיך אום, ווי כּסדר,
צוריק אין ז ײַ ן מ ע נ ט ש י ש ן שלאָף –
אַ מין גאָר אומענדלעכער לייטער,
אַזאַ אויפֿגעבלאָזענער בלאָף.

און אונטערן לופֿטשירעם גרויסן
אין פֿעלד – אין דער ברייט, אין דער לענג –
שווין טויזנטער קינדער און רויזן
פֿאַרטשעפּען די הימלשע קרענק.

ט״ז

זאַט מיט פֿעלדאַפֿינגער קרעפּלעך,
האַקסן, קניידל, קרויטנדופֿט –
גייט דער מאַן אויסהאַקן טרעפּלעך
אין דער פֿעלדאַפֿינגער לופֿט.

העט אַרויף – אויף 100 ווערסטעס.
נישט אין אַלפּן – נאָר אין אַל,
נישט ווײַל ער קיין אַלפּיניסט איז,
נאָר ווײַל ער איז געניאַל.

שטײַגט אַרויף – און אַלץ געפֿעלט אים.
שטייט, באַטראַכט דאָס הימלוואַרג –
און הייבט אויף איבערן וועלטאַל
שוין אַ נײַעם צויבערבאַרג.

אַרום שפּיץ – לופֿטבלומען וואַקסן.
שטייט ער, קוקט, אַהער־אַהין –
נעמט אַ טולפּע, ווי אַ טאַקסי,
אַ מין רויטן צעפּעלין.

און די Opas, און די Omas,
און די Bubs – ווי פֿון אַ לאָך,
פֿון דער טיף אים שרײַען: טאָמאַס!
פֿון דער ערד אים רופֿן: טאָ!-מאַס!
פֿון דער צײַט אים בעטן: טאָ... מאַס...

נאָר זײַן נאָמען גייט אים נאָך.

י״ז

איבער דער ריזלענדיק־ריזיקער אָזערע,
איבערן אַלפּן־שיפּוע אין דער ווײַט
הענגען לאַזורעווע, גרינע און ראָזעווע
גרויסע בוטאָנען פֿאַרלוירענער צײַט.

אויבן, אין פֿעלדאַפֿינג, קוקט שוין דאָס שטעטעלע
פֿ ע ר ן – דעם לאַנג שוין דערוואַרטענעם מאַטש.
אונטן, בײַם ברעג – שטייט און לאַכט אַ קליין מיידעלע,
טענצלט און רעדט מיט דער מאַמען אויף דײַטש.

ס׳קומט אויפֿדערנאַכט. עס פֿאַרוואַלדיקט זיך, ענדערט זיך,
ווערט אומבאַנעמלעך די לאַנדשאַפֿט, כ׳באַמערק,
ווי נישט באַמערקלעך מײַן לעבן פֿאַרענדיקט זיך...

לײַדער ניט דאָ צווישן וואַסער און בערג.

י״ח[1]

Im frühen Herbst mit roten Bäumen
am stillen See bei Feldafing
heb auf den Blick: in weiten Räumen
ein weißer schwerer Schmetterling,

ein Engel flattert, so altmodisch,
über den Chaos – Wald und Moos,
und so zeiträumlich, fast talmudisch,
sieht der erhellte Weltraum aus.

Und Omina aus nächsten Ären
schon schwellen an im Abendlicht
wie große luftgefüllte Zähren
verloren, ach, von Gottes leerem
Angesicht.

י״ט

וואָס פֿעלט אונדז, אַז מיר זאָלן לעבן? –
ווי גראָז, פּשוט לעבעדיק זײַן,
ווי בלעזערלעך־זוימען עס שוועבן,
ווי ליליעס שווימען אין שײַן.

---

[1] דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אויף דײַטש, קיין ייִדישע איבערזעצונג איז דערווײַל נישטאָ.

וואָס פֿעלט אונדז? דאָס גרויסע ניט־וויסן?
באַשטויבונג אין פֿעלד, אַ מין סעקס?
פֿון זונשטראַל גליוקאָזע אַ ביסל?–
דאָס $C_2H_{12}O_6$

אַ דזשעגעכץ־קאָפּ פֿון אַ יונג ניסל,
כ׳זאָל ביטער פֿאַרזיסן די זינד?
אַ ביסל... איך ווייס נישט, אַ ביסל
פֿון דעם, וואָס סע פֿעלט אונדז אַצינד...

דער הימל, די פוסטע אַרענע
פּלאַנירט אין אַ האַרבסטיקער שײַן –
צוויי לופּטבלומען, קוק נאָר, אירענע,
זיי שווימען אין הימל אַרײַן.

די בלוי הייבט זיי אָן צו פֿאַרגיסן,
דער רויטער פֿאַרגאַנג־סוף אין פֿעלד.
ניט אומשטערבלעכקייט, נאָר אַ ביסל
פֿון לעבן – איז דאָס וואָס זיי פֿעלט.

זיי פֿליִען ניט־ערדיש, זיי קומען
פֿון ווײַטנס, קיין גוף און קיין גרעב,
צוויי בלוי־רויטע, רויט־בלויע בלומען
מיט פֿרעמדן און טויטן געוועב.

כ׳

גיב אַראָפּ נאָר אַ קוק – וויפֿל בלומען
אין די פֿעלדער, אויף לאָנקעס, אין וואַלד
אויף די ביימער, אין דאָרף אַרום ברונעם
האָבן זיך אויף דער ערד אויפֿגעפּראַלט.

גאַנץ געבלום און געבלים – בלומענשיידלעך,
האָניק־בעכערלעך, גריפֿלעך און קנעפּ,
שמאָלע פּיסקעלעך, פּעסטלען און הײַטלעך,
אַלע אַרטן פֿון צאַרטן געוועב.

גיב אַ קוק, ווי עס זעט אויס פֿון אויבן
די פֿאַנטאַסטישע פֿלאָרע, ווי שיין
וואַרטן יענע, מען זאָל זיי באַשטויבן,
די באַפֿרוכפּערן זיך אַליין.

ווינט־באַשטויבונג און אַלאָגאַמיע
(פֿרעמד־באַשטויבונג), און דורך אַן אינסעקט
אויסגעפֿילטע ענטאָמאָפֿיליע
(וואָס נאָך מער, מסתּם, רייצט און דערוועקט).

איינגעשלעכטיקע פֿלאַנצן (די נאָרמע
פֿאַר אַ מענטשן און בעל־חי);
צווייגעשלעכטיקע (פֿאַרבן און פֿאָרמע
בלײַבן וועגעטאַטיווע דערבײַ);
אומגעשלעכטיקע...

ווי אויף אַ סצענע
ווײַזט דאָס לעבן זײַן פּראַכט און זײַן ווויל,
נישט ווי אונדזערע בלומען, אירענע,
אויסגעוועבטע פֿון ניט־זײַן און הויל.

אַך, די זונצאַפּנדלעך און דאָס קניפּל,
די בלאַטפּאַכוועס, דאָס מערזשל, דאָס אָרט
וווּ די אָפֿענע מײַלער אָן ליפּן
צום נעקטאַר־דריזל ציִען זיך דאָרט.

און די קאַפּראָפֿיקאַציע: פֿײַגן
– שוין אויף פּעלאָפּאָנעס, אין דער ווײַט –
לייגן זייערע מענלעכע צווײַגן
אויף דער בלומפּולער ווײַבלעכער צווײַג.

כ״א

ווי אַ פּאָר צניפֿלעך אין צוויי וויגן,
אין צוויי טולפּאַנען – רויט און בלאָוו –
אין הימל איבער דײַטשלאַנד ליגן
און וויגן מיר זיך, פֿיס אַרויף.

די בערג, די זון און די מלאָכים
בייגן זיך אָן און קיצלען אונדז
די פּיאַטקעס ראָזעווע, און זוכן
אין תּוך – עס רייצט זיי אונדזער קונץ!

די לאַנען הוידען זיך, די רחבֿות
העט אונטן – אין אַ ברייט געוויג
פֿון דרום־מיזרח ווײַט צום Nordwest
און פֿון דער Nordsee אויף צוריק.

און מיר, מער שיכּור ווי פֿאַרפּלאָנטערט,
פֿליִען אַריבער פֿראַנק און פֿרײַ
פֿון ווילדן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
אין גליקלעכן יאָרטויזנט דרײַ.

עס שטראַלט אַרום, די וועלט איז פֿרײַנדלעך,
און כ׳שרײַ צו דיר: איך האָב דיך ליב!
מײַן קול פֿאַרטראָגט אונדז אַזש קיין פֿראַנקרײַך,
וווּ ס׳האָט געלעבט זשעראַר פֿיליפּ.

ספֿר INRI

איבערזעצונג פֿון לאַטײַן און קאָמענטאַרן: ל.ב.

(אַ נײַע רעדאַקציע)

דעם פֿעטער מײַנעם, דעם סטאָליער

אַרל סוסלענסקי

צום ליכטיקן אָנדענק

Tartaria Moscovitica, MCMLXXXIV - Ptolemaida MMXIII

הקדמה*

באַשעפֿטיקנדיק זיך אַ סך יאָרן מיט פֿאַרגלײַך־ליטעראַרישע אויספֿאָרשונגען פֿון ״תּהילים״־, ״קהלת״, און ״שיר־השירים״־איבערזעצונגען אויף פֿאַרשידענע אײראָפּעיִשע שפּראַכן, ווי אויך מיט דער מערבֿדיקער Pieta־טראַדיציע בײַ די קריסטלעך אָריענטירטע שעפֿערס און עסטעטיקערס, ווי, לאָמיר זאָגן, רילקע, פֿעליני אָדער אַפֿילו דער ייִד וויזענגרונד (טעאָדאָר אַדאָרנאָ), האָב איך זינט לאַנג שוין זיך משער געווען, און בעיקר נאָך דעם באַקענען זיך מיט די אַפּאָקריפֿן (ספֿרים־חיצונים) פֿון קומראַן, אַז צווישן די ביידע העלפֿטן פֿון דער ביבל, וועלכע געהערן, בלי־ספֿק, דער גאַנצער מענטשהייט, און נעמלעך: צווישן תּורה־שבכּתבֿ און הברית החדשה – פֿעלט עפּעס אַן אָנגעוואָרענער אויפֿן ווײַטן היסטאָרישן וועג אינערלעכער טייל, ווייניקסטנס איין ״בוך״, אָדער ״ספֿר״, אַ מין לופֿטבריקל, וואָס וואָלט פֿאַרבונדן מיט זיך די וועלט פֿון די אַלטע נבֿיאים מיטן הײַנטצײַטיקן וועלטבאַנעם פֿון אונדזער ציוויליזאַציע. איך האָב געזוכט. אַזעלכע אינטויִטיווע אָדער לויטער טעאָרעטישע השערות זענען גוט באַקאַנט אין אַסטראָנאָמיע, אין אַרכעאָלאָגיע; ס׳איז גענוג אָנצורופֿן טעיאַר דע שאַרדען, וועלכער האָט געפֿונען, אין דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע, אַזאַ ״פֿעלנדיקן רינג״ – דעם סינאַנטראָפּ...

אין אויגוסט 1982 האָב איך, אין איינעם מיט מײַן דעמלט 14־יאָריקער טאָכטער נאַטאַשאַ, געמאַכט אַ רײַזע איבער סמאָלענשטשינע**. אין מיקולינאָ, אַ דאָרף נעבן רודניע, ניט ווײַט פֿונעם טרויעריק־באַרימטן פּאַנצער־ריוו, ווו בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען דערשאָסן און פֿאַרשאָטן געוואָרן 1200 ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, – האָב איך אויף אַן אַלטן פֿאַרלאָזטן בית־עולם, הינטער אַ מצבֿה מיט העברעיִשע קוואַדראַט־אותיות פּלוצעם דערזען אין גראָז און בלאָטע, עפּעס אַ פּעקל – אַ פֿאַרוויקלטן אין שמאַטעס כּתבֿ־יד. כ׳האָב אים תּיכּף אויפֿגעבלעטערט: לאַטײַן: LIBER INRI [1-a].

און אָט איז די איבערזעצונג.

* די ציפֿער־פֿאַרופֿונגען זע אין די קאָמענטאַרן ״פֿולבאַטײַטיקער שליסל צום ייִדישן ׳ספֿר INRI״; די פֿוסנאָטן־שטערנדלעך – אויף די געהעריקע זײַטן.

** זע מײַן עסיי ״שטילער אויגוסט. דרײַ זונעקע טעג״.

הײַנט איז אוממעגלעך צו זאָגן, ווי דער מאַנוסקריפּט איז אויף אַזאַ וווּנדערלעכן אופֿן אויפֿגעקומען און ווער ס׳איז געווען זײַן מחבר – דער לעגענדאַרער פּערסאָנאַזש גופֿא אָדער עמעץ אַן אַנדערער, אַן אומבאַוווּסטער און, קאָן זײַן, ניט אין גאַנצן געזונטער ראַפּסאָד. אייניקע בילדער און נעמען אין טעקסט רופֿן אַרויס חשד לגבי זייער אויטענטישקייט, ווי אויך די מאָדערנע טערמינאָלאָגיע, מיט וועלכער דער ״ספֿר״ איז איבערגעלאָדן. עס זענען פֿאַראַן אָבער אויך אַזעלכע סימנים אין סטיל און לעקסיק, וואָס, להיפּוך, זאָגן עדות וועגן זײַן אוראַלטן אָפּשטאַם: ״כ׳קען א ײַ ע ר יווניש ניט״, – כאַפּט זיך אַרויס בײַם פּײַטן אין איינער אַ שורה. יווניש – דאָס איז דאָך געווען צו יענע צײַטן ניט פּשוט גריכיש, נאָר – די שפּראַך פֿון די העלעניזירטע ייִדן אין אַדריאַ!... און שוין אַליין די געהויבענע מאָנאָלאָג־פּאָרעם, דער זשאַנער און מינהג פֿון ווענדן זיך צו גרויסע גרופּעס מענטשן, באַלערנען זיי, שרעקן זיי, – דערמאָנט אונדז אין די פּרי־קריסטלעכע אויטאָרן און שאַפֿונגען, צו מאָל בעלעטריזירטע ווי, למשל, די מעשׂי־השליחים, אָדער דאָקומענטאַרע ווי, צום בײַשפּיל, אַפּאָסטאָלס פּאַולוס בריוו צו די קאָרינטער און זײַנע פּילצאָליקע ״ווענד־שריפֿטן״ צו די רוימער, גאַלאַטער, עפֿעזער, פֿיליפּער, קאָלאָסער, טעסאַלאָניקער, עבֿרים אאַז״וו... אין יעדן פֿאַל, דאַרפֿן מיר זיך ניט אײַלן מיט אַנטשיידנדיקע אויספֿירן וועגן דער אמתדיקייט אָדער פֿאַלשקייט פֿונעם מקור, בפֿרט נאָך, אַז ס׳איז אַ גרויסער ספֿק, צי מיר האָבן בכלל דאָ צו טאָן מיטן אורטעקסט און ניט אפֿשר מיט זײַן לאַטײַנישער טראַנספּאָזיציע: דער לעגענדאַרער פּערסאָנאַזש, ווי ס׳איז באַוווּסט (מתי,46:27; מאַרקוס, 17:3; 41:5; 34:7 א״אַ) האָט גערעדט אויף אַ מונדאַרט, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ צונויפֿמיש פֿון לשון־קודש און אַ סירישן דאָרפֿס־דיאַלעקט: ״אילי, אילי...״ (״אלי, אלי...״), ״טאַליפֿאַ קומי״ (״טליתא קומי״), ״עפֿפֿאפֿא״ (״אפֿתח״) אאַז״וו... ווי ס׳זאָל ניט זײַן, געהערט שוין ס׳געפֿונענע ווערק סײַ ווי סײַ – אַפֿילו אַז מ׳האָט אונדז אונטערגערוקט אַ פֿאַלסיפֿיקאַציע – צו דער אַלטער, ערגעץ ווײַט פֿאַרבליבענער עפּאָכע, ווען די מענטשהייט האָט נאָך ניט געוווּסט פֿון די ״אָזאָנאָווע לעכער״, אַנדערש וואָלט דער מחבר נישט דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגנהייט: באָמבאַסטיש, אין זײַן הויכן סטיל, זיך אַרויסזאָגן אויך וועגן זיי: ״אַ לאָך, זאָלט איר וויסן...״

״צו ערשט שאַפֿט מען אַבסטראַקציעס, – שרײַבט פֿרידריך ענגעלס אין זײַן ׳דיאַלעקטיק׳, – אָפּוועגנדיק זיי פֿון די אָביעקטן, וואָס לאָזן זיך שפּירן, און שפּעטער פֿאַרלאַנגט מען גאַנץ שפּירעוודיק אַרײַנצודרינגען אין די דאָזיקע אַבסטראַקציעס, מען וויל באַשײַמפּערלעך דערזען די צײַט און דערשמעקן דעם רוים...״ [2].

קאָן זײַן, אונדזער פֿאַל איז אויך פֿון אַזעלכע...

ל.ב. מאָסקווע, אַפּריל 1984



לאָזט זיך אָפּ פֿון די קלוגע דיבורים, פּוסטע רייד, פֿוילע שטיק, שיינע פּיוטים.

אָט הענג איך אַ ייִד פֿון נצרת, אויפֿן צלם, און כ׳זאָל אַזוי וויסן פֿון צרות
און פֿון ווייטיק, צי כ׳ווייס נאָך ווער געווען אַ מאָל כ׳בין אויף דער ערד
און וואָס ס׳איז געוואָרן אין הימל פֿון מיר אויף מײַן הילצערנעם קראָנשטיין
פֿאַר אַן ערך פֿון 700 טויזנט הפֿקר־מעת־לעתן – אַ סטראַשידלע, אַ שטרויענער קאָזאַק,
אַ שרעקבילד, וואָס שרעקט זיי פֿון לאַנג שוין ניט אָבער – די ווילדע מלאָכים
און שוואַרץ־ווײַסע פֿייגל פֿון קאָסמאָס, די הײמלאָזע סטײַעס,
וואָס באַפֿאַלן – ווי פֿליגן אויף האָניק – אונדזער זיסן פּלאַנעט.
און איך פֿאָכע, איך פֿלי מיט די הענט, נאָר וואָס קאָן איך? – אַ שומר
איז פֿון מיר ווי אַ חזן פֿונ׳ם גוי: דער אײבעראָרעם,
דער לינקיטשקער, פֿאַלט מיר אַרויס פֿונעם אַקסל (Reccurent Dislocation),
דער געלענקשפּאַלט צעריטשעט, דאָס ביינקעפּל און די לאָפּאַטקע
ניט מער קאָנגרוענט, ס׳ווערט מיר אַלע מאָל פֿינצטער אין מוח
אויף צו חלשן, כ׳פֿיל ווי די שוואַכע, די לעצטע געדאַנקען
שוועבן אויף אינעם שאַרבן...

וו׳הין פֿאַרטראָגט ער מיך סטראָם האָלאָוואָי, קאָפּ אַראָפּ,
און סע וויגט זיך דער פּלאַן
פֿון די פֿעלדער און שטעט, שלעפּט אַלץ העכער מיך – מײַן דעלטאַפּלאַן
אויף דער פּלייצע בײַ מיר, אַך, קיין באָרט און פּראָפּעלער,
און אַוודאי פֿאַרשטאָפּט שוין דער קראַן,
אַ פּאָר פֿוסזוילן שוועבן – צוויי בלייכע ווי בלעך עלעראָנען
אויפֿן עק פֿיוזעלאַזש, צי ער ציט מיך צו גאָט, דורך דער זאָנע
פֿון אָט דער יאָנאָספֿער, וואָס פֿאַרגיסט מיט לאַזור, ווי אַ פֿלייץ,
מײַנע חושים: אַז כ׳הענג אויף דער אַקס "צײַט־און־רוים", אויפֿן קרייץ
איבער ערדן און וואַסער; דאָס שוימיקע זונליכט דערשטיקט מיך, איך שאַר עס
מיט דער צונג, מיט די וויִעס אַוועק: פֿעדעראַרטיקע כמאַרעס,
צי פֿאַרבלייכטע הירהורים שווימען שטיל מיר אַרויס מיטן אָטעם,

בילדן פֿאַרע־מאַסיוון און רעגנס־רעליעפֿן, פֿאַרמישן אָ סמאָג, אַ מין בלאָטע
אין די אונטערשטע שיכטן – וואָס דעם פֿויער אין פֿעלד ברענגט אין כּעס,
און זײַן ייִנגל – דעם יונגן נאַטוראַליסט – אין עקסטאַז...

כ׳שטעל זיך אויף ווערטיקאַל. כ׳זע אַ באַרג אויפֿן דנאָ, און – אַ צווייטן.
אַ פּאָר לאַנגע באַרגרוקנס, פּאַראַלעל, אַ פּאָר שטיינערנע קייטן,
שטײַפֿע שאָטנס לענג־אויס, פּאַזע ברעג, ווי אַ זאַמדיקע טאַשמע
אין דער פֿליסיקער לופֿטבלוי – אַ ריזיקער בלאָק גאָלד מיט יאַשמע.
ס׳פֿליסט אַ טײַך אין דער לענג, ריזלט, רײַסט זיך דורך זומפּיקע טאָלן,
שלענגלט, לויפֿט, פֿאַלט אַרײַן אין די פֿעלדזן, ווערט באַלד אָנגעשוואָלן
פֿאַר רציחה, פֿאַרקלעמט אין די קלומפּן באַזאַלט, שפּרינגט אַרויס מיט אַ רעש
אויף דער פֿרײַ, און ס׳צעגיסט זיך אַ ים – איר דערקענט דעם פּייזאַזש?

און ווײַטער, און ווײַטער טרײַבט ירדן זײַן כוואַליקע מאַסע,
ער – וואָס "לאָזט זיך אַראָפּ" – איז דער שטאָלץ פֿונעם לאַנד, ווײַל זײַן וואַסער
טרינקט אײַער נשמה אויפֿן גאַנצן ערדקײַלעך, איר טויפֿט זיך
און איר פּליעסקעט זיך פֿריילעך בײַ די גאָלדענע פּלאַזשעס פֿון וואַרנע
און בת־ים, און פֿלאָרידע; און פֿאַרקויפֿט נאָך אַ שלוק אויף די מערק
אין מאָנגאָליע, דרום־אַמעריקע; ס׳וואַסער, אין וועלכן
סופּערטאַנקערס עס שווימען אַרום און אַטאָמאָכאָדן,
און פֿון וועלכן סע שאַפֿט זיך דער אײַזבאַרג אין ים און דאָס אײַז אויף די בערג;
דאָס וואַסער, וואָס איר לאָזט אַראָפּ פֿונעם שטאָק הונדערט פֿערצן
אין די וואַסער־קלאָזעטן, און ס׳פֿאַלט – ס׳קערט זיך איבער די גאַל –
דורך די רערן אַזאַ ניאַגאַרע, אַ דרעק־וואַסערפֿאַל...

אָבער ווען פֿונעם הימל נעמט שיטן
אַ רעגן, אַ שיטערער, ליכטיקער, ווי פֿון אַ גיסערל, אָדער
ס׳שוואַרצע געוויטער רײַסט אויס איבער אײַך נ׳מיטן טאָג, –
און דערלינדערט די גערטנער, די תּבֿואות אין פֿעלד,
ווי זשע מעגט איר, אונטער טראָפּנס און שטראָמען, ווי קאָנט איר
פֿאַרגעסן אין מיר אויף דער וועלט?

אַפֿילו אין מידבר סיני, ווו דער אַטמאָספֿער־אָפּזאַץ, יערלעך
מאַכט אויס 10, זעלטן – 15 מילימעטער, לויט דער "אונאָ", אַפֿילו
אין דער פּערוּאַנישער וויסטעניש, אָדער

אין ליווישער, ווו קיין מים־חיים איז בכלל ניט פֿאַראַן, –
דערמאָנט זיך אין מיר – אין דעם אוראַלטן רדיִהדאָפּגאָט,
וואָס ער "שיקט אויף דער ערד זײַנע רעגנס פֿון אויבן,
און נערט זי פֿון אונטן"*. איז הערט:
איך בין אַלץ נאָך מיט אײַך: 2800 אָרביטקרײַזן צווישן די שטערן
געדויערט דער פֿולער וואַסער־פֿאַרבײַט אויף דער ערד.

דער ערדגלאָבוס דרייט זיך, ס'דערוויטערט זיך שלום־ושלווה
אַ לאַנדשאַפֿט מיט פֿישער־יִישובֿים, מיט שטעטלעך: בית־לחם,
כּפֿר־נחום, עין שבֿע, און כ'זע אין דער לופֿטיק־לאַזורענער שפּאַלטונג
דעם מאַרשרוט פֿון מײַן יוגנט, דעם וועג, וואָס כ'האָב דורכגעמאַכט – דרייסט,
אָבער אויסגעהונגערט נאָך ליבע, אַ זוכעניש־דרייף
נאָך אַ שפּור, וואָס געלאָזט וואָלט שולמית: עין־גדי, אַ טיף קאַלטער, פֿרישער
ציגנקוואַל, אינעם פֿײַכטן אָאַזיס מיט פּאַלמעס, באַלזאַם
און ווײַנטרויבן, אין די יהודישע זאַמדן, אויפֿן ברייט־ווײַט צעשאָטענעם ברעג
ים־המלחס – דעם אמתן פֿענאָמען אין דער אייביק טעקטאָנישער
געאָלאָגישער און דעמאָגראַפֿישער זאָנע;
אוי, עין־גדי,
ווו די ליבע צעבליט ווי אַ הענגל פֿון קאַמפֿער, און פֿריילעך
זאָגן תּפֿילות איסיים** – און צוגעווינט טאַקע גאַנץ שיין
האָבן זיי מיך צום ייִן, אוי, עין־גדי בײַם ים, ווו מען טרעפֿט ניט
קיין פֿיש און קיין חיה – בלויז באַקטעריעס; אַלטער יִישובֿ חשבון,
אַ מואבֿישע שטאָט, אַן אַמרישע שטאָט, אַ העברעיִשע שטאָט מיטן טויער
בת־רבים און מיט קלאָרע, מיט העל־בלויע אָזערעס צווײ,
פּונקט אַזעלכע, ווי שלמה דערזען פֿונעם שלאָף האָט די אויגן
בײַם מיידל; תּרצה, חנעוודיק ווי אַ כלה און ווי ירושלים, איצט הייסט זי
תּל־אל־פֿרה בײַ ז י י; דער כּרמל־באַרג, ווו שפּעטער געפֿונען
האָט איר ערגעץ טיף אין די היילן, אין סחול און טבון, מאַצערירטע

---

* יומא 21 (לויט רש"י).

** אסידים.

אוראַלטע מענטשן־שיידלעך; די אָפּנייגן זאַפּטיק באַוואַקסן
מיט דעמבן און מאַקוויס, אָלעאַנדערס און מירטן, און ס׳ווייעט
אַ לעוואַנטישער ווינט – פֿון די ווילדע פּיסטאַשקעס – צום אַנטיליוואַן.

פֿאַרגעסן און שפּורלאָז איז געבליבן לדורות דער וואָרפֿמאַרש
פֿון מײַן ערשטער באַגער־עקספּעדיציע; כ׳עפֿן די אויגן
און אַנטפּלעק דורכן גאַז CO_2 וואָס פֿאַרשמאָדערט די ערד,
טויכט אַרויף, דרייט מיר אויס יעדן אבֿר, ברעכט מיר איבער די קריזשעס, –
נאָר איך קוק דורכן סמאָג און איך זע אין מײַן חלום: גליל
מיט די זוניקע היגלען, עפּלביימער און ניס, און מילגרוימען,
גרויסע שאָטנס פֿון טייטלבוים־קרוינען, געלע פּירות, דאָס שטעטל נצרת,
די שול און דאָס קלייטל אין מיטן די סעדער, וואָס רוישן מיט בלעטער און קווייטן,
און דופּטיק באַגלייטן די באָדגאַס – זי ציט זיך און שטראַלט
העט ווײַט, ביז די פּויערשע הייף, ווו הויפֿנס פֿון זעק מיט ווײַס ווייצנמעל,
ווײַסע קנאָבלבערג האָבן, ווי גלעטשערס, אין הימל געשטאַרצט.

און דאָס גראָז! און די האַרבגרינע קראָפּעווע אין די קאַנאַוועס
האָט קילבלעך געברענט, און געקלאַפּט אין דער נאָז, און געשמאַרצט...

און די הינער! דער הונט און די ציג, און די גאָלדענע פּאַוועס!
שאַ, פֿאַרטײַע זיך, פֿלי ניט, מײַן האַרץ...

אין פֿין פֿראַטיק גאָנץ פֿרי, אין אַף פּסח, ווען די מאָלדעוואָנער
– אַך, ווּס רעד איך– די גלילישע גויים אין אָפּינקעס אין קיטשמעס
פֿלעגן קימען מיט פֿירלעך פֿין דערפֿער, פֿין כוטערס אין מאַרק! –
יענער זשים, די געפּלאָכטענע קוישן מיט גרינס, גליאַך אַף דר׳ערד, אַף די סטויקעס;
אַף די אַרבעס – די פּעסער מיט וואַן; דער פֿאַרוואַקסענער שייגעץ
מיטן קילעק, דער זעץ אינעם קלעצל אין פּאָס, דוס הייז׳ריק געריטש:
– ווין היבריד, פּיאַט שעסטיסיאַט...

און דערנאָך, שפּעט בײַ נאַכט, פֿלעגן שלעפּעריק זיי זיך צעפֿאָרן,
פּיס אַרויף, אין די ליידיקע פֿורלעך, נאַזנדיק, שטום,
מיטן צפֿון־שליאַך, מיטן וועג אויף באַגדאַד, וואָס איז אַלט ווי די מענטשהייט
און באַוווּסט איז געווען בײַ דעם ריטערטום אונטער דעם נאָמען
ווי אַ ליד: Via Maris

און אויסגעהאַקט איז אין די שטיינער
נעבן איך־עט־טין, פֿירט איבער דער בריק פֿון די טעכטער
יעקבֿס; דאָס איז דער וועג, וואָס ער האָט, בסוד־סודות, אַ מאָל
מיך, אַ בחור, געבראַכט קיין מגדל, כ׳זאָל געבן אַ קוק כאָטש
אויף מאַריִען, די ווילדע סירענע; ס׳איז דער זעלבער וועג,
וואָס גייט דורך נעבן נאַבלוס און שכם, דאָרטן, ווו בײַם אַרײַנגאַנג
אין טאָל, איבער וועלכן עס הערשן גריזים און עיבֿל*,
האָב איך די שומרונקע באַגעגנט – פֿאָרט אַ ווײַבל! – בײַם ברונעם
באר־יעקבֿ, ווען כ׳בין איינער אַליין דאָרט געבליבן,
ווײַל די טרײַע תּלמידים זענען פֿרעסן אַוועק אין דער שטאָט...

אַזוי אַרום, אַז צו די צײַטן פֿון שמעון און לווי בן־חלפֿי
בין איך שוין אַ דערפֿאַרענער גייער, אַ וואַנדראָווניק געווען.

הײַנט קלינגט עס באָמבאַסטיש: נאַ!-צע!-רעס!... מאַן קינדהייט, די ייִדעלעך מאַנע...

איך, ייִשו האַנויצרי, בין אין ווונדער געבוירן, די מאָמע מירל
האָט געהאָט מעך אַ פּסולע, אייך־און־איינציקער עמעסער נעס אף דער ערד!
איך בין דאָווינס אַן אָפּשפּראָץ, אײַער מײלעך, אין באַ די גוים
איז מאַן פֿוטער אין אָלע וועלטן צעוואָעס, איר הערט?

ווי דער רויך לאָזט אַראָפּ זיך אין קוימען, ווען דער אויוון, ווי ס׳מאַכט זיך, גייט אויס –
זעצט זיך אָפּ מײַן אומשטערבלעכקייט קריק אין אַמאָליקן לעבן.
ווי אַ בלעזעלע לופֿט אין דעם וואַטערפּאַס, אין סטאָליערײַ,
קריכט בײַם אָנבייגן לאַנגזאַם אַרויף – אַזוי הייבט מיר אויף
מײַן פּנים דער לעצטער, אין די לונגען פֿאַרבליבענער אויסהויך.

ווי אַ פֿלאַטערל בײַם נאַטוראַליסט, מיט שוין דורכגעלעכערטע פֿליגעלעך, –
טוט אַ צאַפּל מײַן האַרץ, ווען כ׳דערזע פֿון מײַן שפּילקע די ברייט
פֿונעם בלאָוון וועלט־אָקעאַן, ווו סע הוידען זיך זעקס קאָנטינענטן
און מיגרירן: אויסטראַליע שווימט דאָרט אויף מיזרח, גרענלאַנד –
אויף מערבֿ, דרום־אַמעריקע ציט זיך פּאַמעלעך
צום אַפֿריקאַנישן ברעג, אַזוי אַז דער האַפֿן בעלען

---

* אין דעם לאַטיינישן אָריגינאַל שטייט עס "Garizim et Hebal", לויטן קאָנטעקסט פֿון זייער 10טן קאַפּיטל – אַן אומפֿאַרשעמטער פֿאַנעטישער רמז.

וועט דערגרייכן אַ מאָל ביז צו לאַגאָס – אוי, וועט עס ווערן
אַ שטיק מעגאַלאָפּאָליס! די ליטאָספֿער, אָ דאָס אייבערשטע שיכטל
איז דין ווי אַ שאָלעכץ: טוט׳ס אַ פּיק נאָר, אַ ריר אָן –
שטיקלעך מיט ברעקלעך ווערט פֿון אים; קריִעס פֿון ערדן
וויגן זיך, שמעלצן, בײַטן זיי׳רע קאָנטורן, בערך
אונטער דעם ווינקל און אין דער פֿלאַך פֿון געשטערנס
אינעם שוואַרצן פֿאַרחושכטן הימל – ווען איך מײַנע אויגן
פֿאַררײַס, כ׳זאָל ניט זען די גלאָבאַל־קאַטאַסטראָפֿעס,
וואָס רוקן זיך איינע אויף דר׳אַנדערער אָן אויף דער ערד.

מענטשן, וואָס טראַכט איר זיך, מענטשן? נאָך ליגט אײַך אין קאָפּ אַ מלחמה?

גיט שוין בעסער אַ קלער וועגן אײַערע דינינקע קריִעס
און וועגן דעם, סע זאָל אײַך ניט פֿאַרשיטן מיט אײַז
און בעטאָן אָדער אײַזנשטויב; זעצט אַוועק זיך אין איינעם פֿאַר פֿריִער
דערלייזן דעם ענין, ווי פּלאַץ צו באַפֿרײַען
אַרום דעם אייפֿל, אַרום דעם אָסטאַנקינער טורעם
און טשיקאַגער סירס־בילדינג, און אפֿשר אין פּיזע, וווּ ס׳שטייט
דאָס גוייִש־באַשניטענע קרומע חריפֿות... אײַ, פּוסטע רייד...

אַזוי, ווי אַ שטײַג איז מיט פֿייגעלעך, זענען אָנגעפֿילט אײַערע שטיבער
מיט כּזבֿים – ביז דער סטעליע און איבער.

ווי אַ פּלאַוווטשיק, אַ שווימערל, גיי איך אין הימל צו גרונט
אָדער פֿלי אַרויף פֿלינק אין דער הייך – ווי אַ לײַכטינקער פּראָפּן
אין די גריך־בלאָווע וועלן פֿון סטראַטאָספֿער, אין די וועלן
פֿיאָלעט־יאָנאָספֿערישע, אין די רויטלעכע ביאָספֿער־וועלן
און פֿילפֿאַרביקע וועלן
פֿון דער נאָאָספֿער, וווּ ס׳פֿאַרקילט מיך דער קאָסמאָגענעז,
צי דער כריסטאָגענעז – ווי איר ווילט; אין די זילבערנע, גלעזערנע וועלן
פֿון טעכנאָספֿער – וווּ איך יעדעס מאָל שטאַרב שיִער פֿאַר שרעק,
פֿאַר דער ״דריטער וועל״ טאָפּלערס[3]... אַ נס איז ניט דאָס, וואָס דער בורא
האָט מחיה־מתים געמאַכט מיך אַ מאָל און אַרויף
מיך געצויגן, אַ נס – ווי כ׳בין שטעקן געבליבן
אויפֿן האַלב־וועג: אפֿשר האָט אים קיין כּוח ניט געסטײַעט

אונדזער ערד־גראַוויטאַציע גובֿר צו זײַן? צי פֿאַרגעסן
האָט ער פּשוט, כּהוויה, אין מיר, ביז איך האָב זיך געקלעטערט,
געדראַפּעט, געריפּעט צווישן די סטײַעס און כמאַרעס, לעבן און טויט?
צי אַזוי איז דאָס, מעגלעך, פֿאַרטראַכט געווען: איבערצולאָזן
מיך "פּה לין" – אַ מין ראָבאָט, אַ האַלבקינסטלעכן ספּוטניק, וואָס פֿאָדערט
קיין אײַנציקן וואַט ניט, קיין טראָפּל מאַזוט און קיין ברעקעלע ברויט,
ווײַל, הערט צו, מיט דער אַסימילאַציע*,
ווי אויך דיסימילאַציע האָב איך אַ פּראָבלעם.
אַזוי הענג איך און הענג אויף מײַן דראָנג, און ערשט איצטער פֿאַרשטיי איך,
ווי נאַריש, פֿריצײַטיק ס'געווען מײַן געבעט. כ'וואָלט ערשט איצטער געדאַרפֿט
זיך צערוישן, צעשרײַען, צעקוויטשען: אליי!
אליי! לאַמאַ סאַוואַכוואַני?[4]

אונטן ציִען די פֿישערס האַלבליידיקע פֿישנעצן נעבעך
אויף אַ שפּריצטראָפּן ים גינוסר, ווען די ערד,
אין איר דרייונג, פֿאַרטראָגט זיי מיר צווישן די קנעכלעך –
נאָך איין נעצל הענגט הויל און גערונצלט פֿון קעלט...

שאָעל, זענען זיי אַלע, די בניי־עלאָקימלעך, ייִדן? איך אויכעט
אַבֿרומס זערע? גם אני! ייִסראָיילים? סײַ איך!
וואָס זשע האָבן זיי מיך,
נאָר ווי עפּעס אַ פֿלעדערמויז, בלוטפֿרעמד צעצויגן,
און אַרויפֿגעסיליעט, מ'קען זאָגן, גאַנץ נאַקעטערהייט
אויף דעקאַרטס שטיקל חכמה?[5] – אַזוי, אַז צו מאָל, ווען כ'דערמאָן זיך
אין מאַריִען – פֿיל איך, ווי פֿון אויבן אַראָפּ, דורכן גאָרגלקנאָפּ
און דורך – אויב איך האָב אים – מײַן נאָפּל, און, אוי, דורכן זעקל
מיך בויערט, דורכנאָדלט
יאַספּערס אַקסנצײַט[6] (כ'זאָג: ס'איז די צײַט פֿון מײַן אַקסל!), און כ'פֿיל,
ווי מיט דער אַבסציס פֿליסט דער תּוך – עס גיט זיך צו וויסן,
דרייט מיר אויס יעדן אבֿר, אָקסידירט מיר דעם לינקן געלענק:
אָט אַזאַ הימלקרענק.

* זע זײַט 355.

ווי אַ קינד אין אַ וויגעלע צי, מהיכא־תּיתי, אַ רויען פּילאָט
מיט זײַן דעלטאַפּלאַן, הוידעט עס מיך אין הימל צום חלשן – אָט
ברענט די זון, אָט גייט אויף אַ געשטערן – שיקט אָן אויף מײַן קאָפּ
אַ מיסטערישן חלום, אַ היסטערישע שפּיל: מאַריִאַ און גאָט
(הייסט עס, מאַשקאַ און איך) – און אויף דר׳ערד גלייבט אין דעם יעדער זשלאָב.

מיידעלע, שיקסעלע וואָס ביסט געווען, ווען אין שטעטל
בין איך געקומען אַן אויג אויף דיר וואַרפֿן, אַ בליק טאָן
אויף דײַן חנעוודיק פּנים, אויף דײַן טײַערער זאַנפֿטיקער צורה,
מאַריִאַ, איך זע דיך בײַם לויטערן ליכט, אין דער לופֿטן,
העט אויבן, פֿאַרבײַ שוין ראַנגון[7] מיט זײַן מבולשן יורה,
דו זיצסט אויפֿן שפּיץ רעגן־בויגן און הוידעסט זיך שרעקלאָז,
שאָקלסט צו מיט די פֿיס, אַך דו אויסוואָרף וואָס ביסט, אַך דו שקאָד,
ווילדע חוצפּהניצע, באָרוועסע קאַץ, יונגע זונה!

מאַריִאַ, זע וואַרף די זון ניט אַראָפּ, זאָל דער חלום זײַן ליכטיק און אייביק!

מאַריִאַ, איך בין עס, דערקענסט מיך, דעם טעמפּן יונגאַטש?
וואָס ווילסטו, געדאַרפֿט האָב איך סוף־כּל־סוף עמעצער ווערן,
ס׳האָט געדאַרפֿט מסתּם עמעצער ווערן, וואָס איך בין אַצינד –
אַ פֿאַרוויסטער פֿליִער צו גאָט, אַ סטראַשידלע... מאַריִאַ,
נו, דערמאָנסט זיך?... נו יאָ, יענער לומפּ, דער טרעמפּיסט פֿון נצרת,
דער פֿאַרדעכטיקער טיפּ פֿון דער באָדגאַס... ווי אַ חשוד אַ נואף
פֿון דער באָד אַרויסשמײַסן פֿלעג מען אין פֿענצטער,
האָבן זיי מיך אין קאָסמישן אויסער אַרויסגעקעבענעט –
אין אַ כמורעוון קריסטלעכן גאָט...

ווייִסט, מאַריִאַ, כ׳בין שיִער בײַ די קויטיקע פּרושים, ווײַ ז׳מיר, ניט געוואָרן
איינער פֿון זיי – אַ פֿרומאַק פֿון די ניקפּי וואָס שלעפּט נעבעך טראַגיש
אויף דער גאַס די פּאָר ליימענע פֿיס און פֿאַרטשעפּעט דעם ברוק;
אַ מיאוסער קיזאי מיט זײַן תּמיד פֿאַרבלוטיקטן שטערן,
ווײַל די אויגן – קיין ווײַבל ניט זען! – האַלט ער שטענדיק פֿאַרזשמורעט
און צענעריקט זיך: קאָפּ אין דער וואַנט[8]; צי אַ שטינקער מדוכיא
צי אַ שיכמי מיט צוויי זײַנע אײַזערנע אַקסל, די תּורה
און דער גלאָב, קען מען מיינען, האַלט זיך אויף אים – אויפֿן זשלאָב!

דו געדענקסט זיי, מאַריִאַ, די שווענץ? בין איך שיִער ניט געוואָרן,
זאָג איך, איינער פֿון זיי – פֿון הכנעה פֿאַר דיר, פֿון ווי אָנמאַכט, און דאָך –
פֿון באַגער נאָך אַן איינציקן קוש, וואָס דו פֿלעגסט דאָרט, דו בתולה אין עלנבויגן,
מיר דעם איינציקן, דאַכט זיך, סוועטלאַנאַ, ניט געבן, אַ בראָך!

און ווען כ׳בין שוין געהאָנגען – כּמעט שוין אַ גאָט – אויף מײַן דראָנג
אָדער פֿלי־אַפּאַראַט, אויפֿן באַרג איבער בריכת ממילא
און דעם שרעקלעכן, אויב דו געדענקסט נאָך, גיהנום, דעם טאָל,
וואָס אין אים האָט זיך אָפּגעהילכט ווילדער געברום און געבריל,
און דאָס וויען און זינגען, און טאַנצן פֿון מענגעס, המונים
אונטער מיר, ווו דורך פֿויסטן און רויטע פֿאַרריסענע קעפּ
האָב איך דיך, מאַריִאַ, דערזען – און כ׳האָב פּלוצעם, מאַריִאַ,
דערפֿילט ווי מײַן גלוסט
הייבט מיר אונטער – פֿאַר אַלעמענס אויגן! – די שמאַטע, קרע שׂטן, שדי!*

מײַן בושה, מײַן שמאַכט האָבן אויסגעפּלאַצט: אלי! למאי?

מײַן וואַכטע, מאַריִאַ, פֿאַרענדיקט זיך: 2000 יאָר
מינוס 19 יאָרהונדערטער און 83 שנים אויף דער ערד; און צוואַרטן
9 חדשים ביז איך – שוין ווידער אַ ממזר? – ווער געבוירן; און נאָך 18 יאָר
– העלף מיר מאַכן דעם חשבון – איך זאָל ווערן אַ בחור אַ חתן.
איך וועל צוגיין צו דיר... נאַר, מאַריִאַ, איך בעט דיך, דאַרפֿסט זײַן
אַ בלאָנדינקע! אין קאַושאָן אַ בלאָנדינקע – ס׳דאָך עפּעס!
אַ גדולה! כ׳וועל צוגיין צו דיר און איך וועל אַזוי שטיל,
אויף טיבעטיש, קיין רוח ניט פֿאַרשטיין זאָל, מאַריִאַ, אַ זאָג טאָן:
– אָם מאַני פּאַדמע כום, ביסט מײַן אוצר אין אַ לאָטאָס־בלום.[9]

אָם מאַני פּאַדמע כום!
אָם מאַני פּאַדמע כום!
אוי, מאַניע, ס׳כאַפּט מיך אָן...

דער וואָס רעדט אויף אַן אומבאַקאַנט לשון – רעדט צו גאָט, ניט צו מענטשן,
נאָר איך

* גאָט, צעררײַס דעם טײַוול.

האָב זעלבסט קעגן זיך, וואָס אַליין אין מײַן ליבע
בין איך בוגד געווען[10], איך, שוין דעמלט אַ בעל־מלאָכה,
אַ מסוג׳לער סטאָליער, און פֿאַר אַ נויט
ניט געשעמט זיך אַ טעסלער צו הייסן, אַ שראַנק – איז אַ שראַנק,
אַ סאַרײַ – ז׳אַ סאַרײַ, נאָר צום האַרצן
זענען מיר צוויי אַרבעט געווען:
אַ טיר און אַ בעט.

אַ בעט, לויטן כּלל, באַשטייט פֿון צוויי טיילן –
דער קאַרקאַס און דאָס אָנשטאָפּעכץ; פֿיר פּיסלעך האַלטן די רעם
און ווערן נאָך אײַנגעשטעקט אין פֿיר פֿעסטיקע קלעצער,
אַז די ליימענע פֿײַכטע פּאָדלאָגע זאָל ניט שאַטן זיי; דאָס געשטעל
איז כּדאַי מיט אַ הילצערנעם באַק אונטערשפּאַרן – אויף זיכער.
אַזאַ בעט האָט, אַזוי אַרום – די רעם מיט די זײַלן – געהאַט
אַכט גלידער. דאָס אָנשטאָפּעכץ הייבט מען אָן מיט אַ שטריק
צי אַ רימען: מ׳דאַרף באַשפּינען דעם נאַק׳טן סקעלעט, ער זאָל זײַן
האַרט און פֿעסטיק איבערגעפּלאָכטן מיטן שטריק אָדער רימען
אין דער לענג און, פֿאַרשטייט זיך, נ׳דער ברייט; צו דער ברעט
פֿון דער רעם ווערט דער שטריק, אָדער רימען, מיט אַן אײַזערנעם דראָט
צוגעבונדן, עס הייסט, דורכגעלאָזט אין די דראָטרינגלעך, שטרענג
צוגעצויגן צום האָלץ. דאָס בעט האָט אַ קאָפּזײַט, דער אָנלען האַלט אונטער
ס׳קישן בײַ נאַכט. נאָך דעם וואָס ד׳האָסט איבערגעצויגן
די רעם מיטן שטריק, אָדער רימען, מוזסטו די נעץ
פֿאַרפֿאָלסטערן מיט אַ מאַטראַץ – בײַ די אָרעמע־לײַט
פֿלעג אויסגענוצט ווערן: שטרוי, פּאַפּירוס־לוב אָדער זומפּגראָזן
פֿון פֿאַרשידענע מינים: Carex hirta,
Carex brizoides, Carex cespitosa אאַז״וו –
אָסאָקע פֿלעג וואַקסן בײַם פּלויט און הינטער דעם בית־הכּיסא.
ס׳איז פֿאַראַן געווען אָבער אַ ווערטל:
״מוך שקיך וגני״* –
לייג דיר, ווײַבעלע, אונטער דײַן טראָגזאַק און רוק זיך שוין צו...

* מסכת תענית פּרק א (דף ו, ב גמרא). (אַראַמיש) – ״ קפל את שקך ולך לישון״ (העבר׳).

אַ מײַסטער פֿלעג הייסן אַ מײַסטער אַז ער האָט געקאָנט
אַ וויג און אַ סאָפֿע אויסמײַסטרעווען; און אַ גליקבעט –
אַן ערסא דגדא*; אַ קייסערבעט און אַ פֿעלדבעטל;
אַ הענגבעט (אַ פּראָסטער האַמאַק!); אַ פּאָרטאַטיוו־בעט;
אַ שפּײַזסאָפֿע; אַ בעט פֿאַר אַ גאַנצער משפּחה וואָס פֿלעג
אויף אַ נאַכט עס אָפּדינגען – "אַז מ'איז קימען אין שטוט אַף אַ טוג־צוויי".

נו, מאַריאַ, דו נעמסט מיך? קיין אָנלייגער, זעסט, בין איך ניט.

און שוין דאָ –
הענג איך, קוק, ווי אַ היטער אין סאָד ערגעץ הויך אויף זײַן לייטער,
צי אַזוי ווי סע הוידעט זיך העט אויף דעם מאַסט דער מאַטראָס אינעם פּאַס:
– Tierra! –
צי אַן איבערגעשראָקענער טעלעפֿאָניסט אויפֿן סלופּ, און ער קוויטשעט,
שרײַט אין טרײַבל אַרײַן, אַז דער מצבֿ ז'באַקאַקט, די סטיכיי מאַכט שוין פּראָך
פֿונעם דאָרף – אַ פֿאַרפּלייצונג, אַ שטייך אָדער שניי־פֿאַל, אַ שׂרפֿה...

כ'בין דער טעלעפֿאָניסט פֿון דער דאָזיקער ערד, איך בין איר מלאך־מליץ,
איך באַצאָל מיטן קאָפּ פֿאַר איר קיום בײַם אייבערשטן האַר,
ווען עמענס שטעל־פֿאַרטרעטער כ'בין דאָ, ווײַל, איר ווייסט דאָך, דער ייִדליק
איז תּמיד אַ במקום, אַ Vice, אַן И.О**, INRI.
כ'מיין, מײַן פּאָסטן איז ניט פֿון די בעסטע, יענע יאָטן – זיי האָבן
אַ מציאה געכאַפּט, נאָר גיי רעד צו דער וואַנט אָדער העכער:
איינער היט אָפּ אַ סקלאַד מיט אויפֿרײַסוואַרג, אַ צווייטער – בליץ גיך
איז ער שוין, דער מנוול, אַ קעכער
אין דעם ריח פֿון קרויט און פֿאַרשטונקענע פֿיש אַף דער קיך.

כ'האָב עס תּיכּף פֿאַרשטאַנען, אַז כ'האָב זיך געפּאַקט, נאָך בײַם אָנהייב,
נאָך אַ קינד אויף דער באָדגאַס...

פֿינעף פֿייגעלעך האָב איך מיר קויפֿן געטרוימט,
פֿאַר צוויי פּרוטות –
אַ וועלט, אַ מלוכה!

---

* תלמוד בבלי – גמרא ו רש"י.
** אַ רוסישע אַברעוויאַטור פֿון "Исполняющий обязанности" – "שטעל־פֿאַרטרעטער".

דאָס וויכטיקסטע אין דער באַשיצונג פֿון אַן עקאָסיסטעם איז –
ניט אַרײַנמישן זיך.

דער פֿולער פֿאַרבײַט פֿונעם גופֿים־שטאָף אין די ימען געדויערט
33 מעת־לעת; פֿון געוויקס־לעבנסצײַג – 1 טאָג;
דער מענטש איז אַ סך דויערהאַפֿטיקער: דער פֿאַרבײַט
פֿון דער פֿליישלײַבער־מאַסע אויף דער יבשה פֿאַרנעמט
8 יאָר.

אַ געפֿערלעכער ווינט...

די פֿעלקער, פֿאַרשטייט זיך, מיגרירן פֿיל גרינגער און שנעלער,
איידער די קאָנטינענטן, אָבער ס׳טרעפֿן זיך מאָדנע,
אמת אויסערגעוויינלעכע זאַכן: למשל, די ייִדן
האָבן תּחילת דעם האַקנקרייץ אויף די ערבֿות אין בבֿל דערזען
און אַנטלאָפֿן פֿון אים – נאָר אין דײַטשלאַנד (צי אונטער דער ערדשאָל
איז ער דורכגעקראָכן, דער מוילוואָרף?) האָט ער תּקופֿות אויף זיי שוין געוואַרט,
מ׳האָט געזען אים אין רוים און אין אָקסוואָרד –
ווּעמען האָט עס געאַרט?

אַגבֿ, איך בין געהרגעט געוואָרן אויף אַ פּראָסטן, לאַטײַנישן קרייץ.

מיט דער צײַט אָבער איז מײַן קרוציפֿיקס געוואָרן אַן אוניווערסאַלער
עינויים־געצײַג: ווײַל אָפּהענגיק פֿון וועטער־באַריכטן: מוסאָנען, פּאַסאַטן,
גאָלפֿסטרים, קוראָשיאָ, ציקלאָנען און אַנטיציקלאָנען,
מחמת ריזיקע אַטאָם־ און הידראָעלעקטראָ־פּראָיעקטן און ־אויספּרווון, נעפּל
צי שנייפֿאַל, צי דאָס פֿאַלן פֿון אַטמאָספֿער־דרוק – צערוקט
אָדער רוקט זיך צונויף דער ווינקל צווישן מײַן באַלקן
און דעם שטאַנג, אַגבֿ: ס׳בײַט זיך דאַן אויך
דער feedback צווישן דעם רוים און דער צײַט אין דער לעפּישער, כיטרער,
העכסט רעלאַטיווער
אַלבערט איינשטיינס אַלוועלט־המוציא,
פֿון וועלכער ניט ווייניקער ווי פֿון דער טראַגיִצע שווינדלט אין מוח.

אָט ווערט ער, מײַן דראָנג, אַן עגיפּטישער קרייץ – און דער קאָפּ,
פֿיל איך, פּרעסט זיך אַרײַן אין די פּלייצעס; אָט איז ער

אַ בורגונדישער קרייץ וואָס צעציט מיר די ענדגלידער, כ׳ווער
אַ געהיימעניש, עפּעס אַן X; אָט דער גריכישער צלם –
און כאָטש נאַזנדיק לייגט מיך און שטעקט מיר אַ יאָלקע אין פופיק אַרײַן!

און דער רוסישער קרייץ[11] – הערסט, מאַריַאַ, וואָס ס׳ווערט פֿון מיר דעמלט
איז ניט איבערצוזאָגן: דער קאָפּ ווערט מיר פלאַטשיק, פֿון אים
שטעקט דער רוקנביין, דער חוט־השדרה אַרויס, ביידע לאַפּעס
זענען אויסגעשטרעקט ווײַט צו די צוויי האָריזאָנטן, די פֿיס
האַלט איך איינעם פֿאַרבויגן, דעם אַנדערן אונטערגעצויגן, און צווישן
הענגט נאָך עטוואָס אַראָפּ – נעמט באַדעקט מיך מיט פֿײַנגאָלד און שטעלט מיך
אויפֿן קופּאָל אין קרעמל, אויפֿן פּרעסלאַוונע סאָבאָר
פֿון די 12 מײַנע שליחים.



– קוקט, אַ לופֿטמענטש! – וועט טיטשען מיטן פֿינגער אין הימל דער ייִד.

ס׳מיר שוין נימאס צו טראָגן מײַן קרייץ – צו טראָגן אַ קרייץ
איז בכלל אַ נאַרישע זאַך, און כ׳פֿאַרשטיי ניט וואָס פּלוצעם
ס׳ווערט פֿאַר גבֿורות פֿאַררעכנט בײַ די פֿרומע אַדעפּטן, ווי אויך
בײַ דיסידענטן*... אַפֿילו אַ שטעקן, אַ קוליע
צו שלעפּן, אין טראַוומאַטאָלאָגיע, אָדער אַ מקל
אויף דײַן נבֿיאישן וועג – קען מען, ברידערלעך, פֿון זינען אַראָפּ;
שטעלט זיך פֿאָר: יעדער טראָגט זיך אַרום מיט זײַן אייגענעם קרייץ,
מען דערלאַנגט, מען פֿאַרטשעפּעט איינער דעם אַנדערן, פּרוווט
אין טראַמווײַ זיך אַרײַנשטופּן מיט אײַער סלופּ אויף דער פּלייצע
אָדער דורכגיין אין טאַנץ זיך – סײַדן דרייענדיק אַ כולאַכופּ! –

* אורשפּרינגלעך: קריסטן, וועלכע האָבן ניט אָנערקענט די אויטאָריטעט פֿון דער הערשנדיקער קירך – קאָנגרעגאַציאָנאַליסטן, מעטאָדיסטן, קוואַקערן, באַפּטיסטן אד״גל. אין 20סטן יאָרהונדערט – די פּאָליטישע שרײַבערס און זייערע פּרײַערס.

צי אין בעט, זײַט מיר מוחל, אַ שפּרונג טאָן צום ווײַב, איז שוין גוט? –
און אויף מאָרגן קענסטו זיך ניט אָפּטשעפּען, אַ פֿאַרשלאָפֿענער זיצסטו
און צענעמסט אָ די טאָפּל־קאָנסטרוקציע, אַרײַנקוקנדיק אין "Larousse"
אָדער "Даль" און אויספֿאָרשנדיק אַלע קרייצטיילן: באַלקאַ, ברוסאָק, קרעסטאָווינאַ,
טיטלאָ, פּאָדנאָזשקאַ, סטאָיאַק... נו, וואָס קען איך אײַך עצהן,
אַז איך בין אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פֿון קרייץ...

און פֿון קרייציקן.

איך זאָג אײַך:
די וועלט איז אַרויס פֿון געלענק*, יעדע טרער מײַנע, יעדער מײַן קרעכץ
אָדער שמייכל – אַ קאָסמישער סימן פֿאַר אײַך, ווײַל עס גייט שוין
דער פּראָצעס פֿון מענטשן־פֿאַרגעטלעכונג – להיפּוך
צו געטער־פֿאַרמענטשלעכונג, וואָס ס'איז טעות און שקר געווען!

גייט אַרויס אויף דער לופֿט, פֿאַרלאָזט די פֿאַרפֿינצטערטע, טוכלע
עקאָלאָגישע נישע, צווישן ווערעם און פֿייגל, דעם סחול
און טבון, וווּ אין חושך די פֿאַרשטויביקטע אײַערע שאַרבנס
זענען צו שפּעט געפֿונען געוואָרן, וווּ עס פֿעלט אײַך אויס ליכט
פֿאַרן אָטעם און כּוח־הדמיון פֿאַרן מוח, וואָס איז אַ ספּעציעלער,
אָבער גאָר ניט קיין זיכערער אָרגאַן, ער פֿירט, דער פּראָסטאַק,
אײַך אין באָד, אין אַן עוואָלוציע־ – זאָלט איר וויסן – פֿאַרהאַק.

ווערט געטער – אויף דער ערד און אין הימלען, גיט אָפּ אײַער שׂכל
דעם בוים און דעם גרעזעלע, אפֿשר דעם שניי און דעם שטיין,
און זאָל פֿריילעך פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿונעם נעבעכל חשיבֿות
אײַער ווונדער־באַנעם, דאָס פֿאַרגעסענע מופֿת־געשפּיר,
מיט וועלכן איר שוועבט נאָך אין שלאָף – איבער גאַסן און דעכער,
שלײַכט זיך דורך אין די זעקס טעלעגראַף־דראָטן, חידושט זיך, קושט
גרעטע גאַרבאָ, געווינט אַן אַטאָם־קריג – און אפֿשר

---

* אַ גראָבער פּלאַגיאַט! "The time is out of joint" – וויליאַם שעקספּיר, "האַמלעט".

ווען כאָטש איינער פֿון אײַך זיך פֿאַרבלאָנדזשען צו מיר, וואָלט איך אים
en passant, הייסט עס, בײַלויפֿיק אויסגעדריקט, קאָן זײַן, מײַן מיינונג
וועגן דעם, צי רבונו־של־עולם
האָט נאָך חשק צי שוין אפֿשר חרטה
אויף דער זוניקער, העלער פּלאַנעטאַרער סיסטעם, און מײַן שאָעל
איז געמעכט, אין דער טאַט:
״ניט אַלע וועלן מיר ווערן אַנטשלאָפֿן, נאָר איבערגעשטאַלטיקט״ –
(קאָרינטער, א׳ 51:15, ציטאַט)[12].

לויט טעמבראָקן[13]: די אינדיווידועלע אויפֿפֿירונג ווערט געשטעלט צו דינסט פֿון
קאָלעקטיוו־סאָציאַלער סטראַטעגיע פֿון
זעלבסט־פֿאַרהיטונג־אינסטינקט פֿון
אַלע וועלף אין דער סטײַע, געכאַפּט אייך־און־איינציקע הון.

ווילט איר פֿרעגן, פֿאַרשטיי איך, ווען איך לייען: איך לייען אין נשמות.

באַקטעריעס אין אַנטאַרקטיק, אין אײַזיקן וואַסער,
לעבן אָפּגעטיילט פֿון דער אייבערשטער וועלט דורך אַ מעכטיקן שיכט
פֿון 420 מעטער; מען טרעפֿט זיי אויך אין די הייסע
אונטערערדישע קוואַלן אין איסלאַנד און אין שמעלצאויוונס, אין סאַמע ברען,
און אַפֿילו – אין די טויט־סטערילע אַטאָם־רעאַקטאָרס.

און די שוואָמען מיט זייער סטאַבילן קאַנצעראָגען?

און ווי מען מאַרקירט דעם באַקטעריע־שטאַם צי ווי ס׳ווערן אַטאָמען סאָרטירט –
איז מײַן פֿאָלק מיט זײַן אייך־און־איינציקן גורל מאַרקירט.

איר זאָלט גאָרניט אויף דר׳ערד פֿאַר אַ וווּנדער ניט האַלטן: אײַער מיראַקאָליזם,
דער בעדויִנישער, דורכגעבלאָזענער פֿון די שוואַרצע זאַמדווינטן,
איז געפֿערלעך ווי פּעסט – פֿאַר די אומות, וואָס ווייסן ניט, אַז
די וועגן דעם בוראס ניט פֿאָרויסצוזען זענען: דרכיו
מי ימצא? אויף דער ערד
איז דער וווּנדער – אַ שווינדל, אַ ליגן: סאַקיאַ מוני – דער ״טזען״;

אַדאָלף היטלער; סאַן מאָאָן* מיט די מאַסן־חתונות זײַנע
אויף 10000 פּאַרשוינען – מאַניאַקן און קורוועס; נדבֿנים,
כּישוף־מאַכערס, אַ קלאָץ זיי אין נחת**, אויסגעפּאַשעטע פּערד! [14]

ווי מײַן אַרל, דער סטאָליער, ע״ה, פּלעגט זאָגן:
״כאָטש אַ טוג פֿאַרן טויט ווען עך זע זיי ניט הי...״.

כאָטש אַ טאָג נאָכן טויט ווען ער זעט זיי ניט דאָרט, אָנגעקומען קיין גן־עדן נצחי!

לויט ל.ב.: אַ גורל – איז דער סטאַבילפּונקט, אַ פּנים,
צי פֿאַרקערט, די מוטאַציע פֿונעם
שטאַמגען אין די ברייטע באַדינגונגען – אין זיך פֿאַרשפּרייטנדיקן אוניווערס.
אין באַדינגונגען, ווען דאָס זייפּבלעזל –
די פּילפּאַרביקע טעאָספּער ווערט צעצויגן אַזוי,
אַז רוח אלהים שוין אַליין
ניט מסוגל איז ווײַטער צו פֿירן, אין זינען צו האַלטן
אַלע זײַנע נחלאָות– הענגט ער דאָ און דאָרט אונטער אַ שומר...
און ווילט איר, צי ניין, אָבער – אָט,
איך, אַ ייִד פֿון נצרת, אויף דעם דראָנג, כ׳זאָל וויסן פֿון צרות
און פֿון וויטיק, צי כ׳ווייס נאָך, ווער איך בין –
בין איך דאָ אײַער גאָט.

SOS! SOS! SOS!

300! 300! 300!***

ווער האָט אים אָבער געגעבן די עצה, אַז פּונקט אויף אַ קרייץ אין
זײַנע הימלען אַרײַנפּליִען מוז איך – ווי אויף שטעקעלעך ס׳רײַטן
קינדער צי לצים?

ר׳איז געגאַן, ווי שמעון דערציילט, נאָך מײַן טויט און דער מערה־געשיכטע,

* Sun Syung Moon, 1920-2012 – אָנפֿירער פֿון דער נײַער טאָטאַליטאַרער רעליגיעזער באַוועגונג ״פֿאַראייניקונגס־קירך״.

** אינעם לאַטײַנישן אָריגינאַל שטייט דאָ אַ שמוציק ווערטל.

*** רוח אלהים: (ר = 200+ ו = 6+ח = 8+א = 1+ל = 30+ה = 5+י = 10+ם = 40) = 300

מיטן טרוי׳ריקן בינטל נוצרים, און זיי זעען: אַ קרייץ אויפֿן שליאַך
שפּאַנט פֿאָרויס אינעם שטויב, ווי אַ בראַווער יעפֿרייטער אין אורלויב,
און -פּוץ, נאַט אײַך! - ס׳איז גאָר ניט קיין קרייץ, נאָר אַדוינוי פֿאַר זיי
שטייט, מע קען מיטן פֿינגער אים אָנרירן, מ׳קען גאַנץ אים באַטאַפּן!

היפּנאָז?
נאַרקאָז?
למה אַני - מיר קומט עס פֿאַר וואָס?

- דאָקטער געלוויג, יורי ווי מאָי אַלעקסאַנדראָוויטש*, זוגטשע סקאָריי,
בינעך דו איצט א היגער, צי כ׳פֿלי שוין אין הימל?
אוי, מאַן אַקסל! מאַן לינקער... ס׳טיט ווײ...

שעפּט אַוועק די לאַזור, זי פֿאַרבלענדט מיר דעם מוח: אַ פּראַכט,
אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט שטראַלט און דרייט זיך טיף אונטן - מיט ימען
און געבערג, מיט וועלדער און טײַכן, מיט זאַמדן און שניי.

איך, ישוע המשיח בן־דוד, בענטש די ערד, אָבער הינטער מײַן פּלייצע
הענגט אָן דער פּלוטאָן, ס׳ברענט דאָס סיריוס־פֿײַער; די הויט
שׂרפֿעט אָפּ מיר די האַרטע אויסשטראַלונג; היימלאָזע כאַפּטעס
און חיילות, פּיראַטן אויף קאָסמישע כוואַליעס, הפֿקר־האָרדעס און באַנדעס
זוכן דורך־זיך־צר־גנבֿענען, איבערצושמוגלען צו אײַך פּונעם ווילדן אַרום:
ס׳גייט דאָס חיות זיי אויס, ס׳גייט די סלינע זײַ איבער די ליפּן
נאָך אײַער
איין־און־איינציקער ערד, נאָך דער איינציקער רויז אינעם תּהום[15].

גאַנצע נעכט כ׳מאַך די אויגן ניט צו, אונטן גלימערט און שימערט,
שפּילט מיט אַלערליי פֿאַרבן, מיט אַ פֿאָספֿאָרישן גלאַנץ,
בלינצלט, ריזלט דער ים - און דאָס ערדהײַטל, עטלעכע שיכטן:
גרינער שוואַרצבאָדן; טיפֿער - דער בלאָוויקער הומוס, נאָך טיפֿער -
פֿיאָלעטעווע לעמפּ, די גראַניטן; אָראַנזשעווע פֿענצטער
אין גיהנום - באַזאַלטן... דאָס גינגאָלד - מידבריות[16]... און נאַכער -
אין דער בלייכער פֿאַרטאָג־זאָנע עפּעס אַ בליץ, דער סעוואַן־סטאַו,
וואָס כ׳נעם אָן, על־פּי טעות, פֿאַר מײַן טרער אים - און ס׳טאָקע מײַן טרער.

---

* פֿאָדאָלסק, כירורגיע, אַפּריל 1984.

די בערג־מינעראַלן און לאַגערס פֿון קוילן, מיט זייער
פּאַלעאָנטאָלאָגיע – פֿאַרשטײנערטע חיות און וואַלד;
נאַפֿט; סיליקאַטן; קריסטאַל־סטרוקטורן
מיט עלעמענטן, וואָס זענען באַשטאַנד־קאָמפּאָנענטן
אויך אין הימל־אָביעקטן, אין דער לבֿנה און מאַרס;
אײביקע וואַסערן, וואָס נערן מײַן ירדן, מײַן וואָלגע,
מײַן מיסיסיפּי; גאַנצע פּלאַצדאַרמען פֿון געלן
אַטאָמליכט, פֿײַער־פּונקטירן, שײַן־סילועטן
פֿון קערפּערס און לײַבער; אַך, ווי סע ברענט דער ספּעקטראַלער
קאָנטור פֿון דעם אינדזל באָרנעאָ און פֿון הויכלאַנד וואַלדײַ!
אַך, ווי סע שטראַלט דער קערן־געמיש, דער מאָלעקולאַרער
אומריס פֿון אַ מאַלאַכאָווסקער מויד – שפּריצט מיט פֿונקען,
ווי בײַ אויטאָגענישער שווייסונג, און פֿאַרבלייכט אים דאָס פּנים –
דעם מאָדעליער פֿון ערדן און הימלען, אינספּיראַטאָר פֿון געטלעכע הימנען:
געלויבט איז סוועטלאַנאַ!
געלויבט איז ווערנאַדסקי!
געלויבט איז קאַטול!

הללויה!

געלויבט דער בעל־מופֿת אין אין־סוף וואָס נייט און צעטרענט – זײַן קאָפּ, זײַנע הענט!

אָבער איך בין מיר אויך עפּעס ניט קיין פּאַרטאַטשניק, כ׳קען גאַראַנטירן,
גייט פֿרעגט: גאַנץ ארץ־ישׂראל געדענקט נאָך ביז הײַנט מײַנע טירן[17].

אויף אַ ווײַסן שטיין שטייט געשריבן מײַן קינפּטיקער נאָמען –
קיינער ווייסט אים ניט,
ס׳קען אים נאָר דער, וועלכער ס׳וועט אים באַקומען.

איר, מותרות פֿון צוועלף יעקבֿס שבֿטים:
פֿאַריק־מאַכערס, בגדים־פּרעסערס, קעכערס,
פֿענצטער־פּוצערס, דאַנטיסטן, PC-פּראָגראַמיסטן, פֿאַרטרעטערס
פֿונעם הויפּט־ אָדער הילפֿס־אינזשעניר, – קריגט שוין ליב די נאַטור!
און דעם נס פֿון דער שיינער נאַטור – דעם באַניאַנבוים, אַ גאָרטן.

און מלבֿד: ״...לאָז ניט דורך דעם הייליקן טאָג פֿון די סירישע ייִדן!״[18]

תחית־המתים איז אַם בעסטן צו ווערן אַזוי:
אויף פסח, ווען די זון - - - - - - דורך - - - - - - - און
- - - - - - - - - - - פֿון קוואַנט- - - - - - - - און די מענטשן
הייבן אָן - - - - - - - - - -, אָדער - - - - - - - - - - ביַי - - - - - - - -,
אַז דער פראָך, דער נייטראָדבאַשטאַנד פלוס פראָטאָן- - - - זאָל
מיט כלאָראָפֿיל זיך - - - - - - -, מיטן - - - - - - N-עלעמענט, דעם אַזאָט
און - - - - - - - - - - - - - - -, ווען דער טאַכיאָן*
- ביידע הענט - - - - - - - -,
דערנאָך - אַרויף[19].

אויף דער נאַכט, אינעם ווינט פֿון דער זון, אינעם קאָסמישן זונווינט
ווערט מיר קיל, כ׳פֿאַל אַריַין אין אַ מעטעאָפּאַטיע**, ס׳הייסט
אין חלשות ווי טויט אָדער שטילינקע גסיסה, צי אפֿשר
אַן אומשטערבלעכקייט־שלאָף, ביַי די בריאות געוויינלעך, – און דאַן
קאָן מען פֿריַי ביַי זיי, מיט אַ בליַיער אין האַנט, אונטערקוקן
וואָס איר ווילט, אַלע געטלעכע סודות: אַ יום־טובֿ פֿאַרן נאַטוראַליסט!

ביז איצט, דאַנקען גאָט, האָט איר נאָכגעמאַכט, בלויז נאָכגעמאַלפּעט
דער נאַטור: אַן אַעראָפּלאַן – איז אַ פֿויגל... ס׳איז, מיינט איר, שוין צייַט,
די נאַטור זאָל אייַך נאָכמאַכן? אַ טעלעוויזאָר וועט ווערן
אַ זעלבסטליַיביקער מויל, אַ פּיטאָדקאָפּ?

וו׳זוי וועט הייסן דער נפֿש, פּאָדאָבנע אַ סופּער־ראַקעטע
און אַזוי דערצו קלוג, אַז אין פֿלוג
צעשפּאָלט זיך אין דריַיען דאָס קעפּל – יעדער טייל האָט זיַין ציל...
און אויך וויסן איך וויל,
וואָס סע וואַרט אויף די אוראַלטע וועזנס... זיי האַלטן ניט אויס
דעם פּראָגרעס, צו מאָל ווערט עס געפֿערלעך: די שפּערלעך
ביַים פֿויער אין הויף קניַיפּן אויס מיט די נעגלעך
די האָר ביַי די הינט; טויבן נישטערן אויף די מיסטפּלעצער, נאָר ווי חזירים,

* אַ היפּאָטעטיש טיילעכל מיט אַ שנעלקייט, וואָס שטיַיגט איבער די שנעלקייט פֿון ליכט.
** אַ קרענקלעכער צושטאַנד פֿון אַ וועזן, אַרויסגערופֿן דורך אַ שאַרפֿער ענדערונג פֿונעם וועטער.

צווישן קינדער פֿון מענטשן – יתומים, ממזרים; די דעלפֿינען דערפֿילן
אין אָקעאַן אַ סכּנה גאָר גרעסער ווי טויט, און זיך וואַרפֿן אַרויס
אויף די ברעגן; און מענטשן? יעדער – "יאָ טיביע דאַם!" –
זוכט שוין אויכעט אַ תּירוץ אַראָפּפֿלי'ן פֿון די קאַטושקעס
אין אַ פֿריילעכן זעלבסט־מאַסנמאָרד, ווי די דזשאָנסאָנס קהילה
אין גאַיאַנע – אַ לאַנד אַ גן־עדן בײַם בלויִקן ים...

אויב יענע, וואָס פֿירן אײַך, זאָגן: אײַער מלכות איז אין די הימלען! –
וועלן פֿייגל אײַך אין דער לופֿטן איבעריאָגן; און טאָמער
זאָגן זיי אַז אײַער לאַנד איז אין ים! – וועלן פֿיש אינעם וואַסער
לאָזן אײַך הינטער זיך, יתגדל ויתקדש...

וואָס נאָך? יאָ, כ'האָב שיִער ניט פֿאַרגעסן: וועגן פֿריִער דערמאָנטער
אַסימילאַציע. פֿאַר דער פֿעלקער־געמיינשאַפֿט, ווי אויך פֿאַר מײַן אייגענער נאַציע,
איז הײַנט וויכטיק ניט אָנשטעקן זיך מיט עפּעס אַן "־אַציע":
אַ': ראַקעטיזאַציע פֿון אַרומיקער פֿלאָרע און פֿאַונע.
ב': מאַטעריאַליזאַציע פֿון אַ האַלוצינאַציע נאָכן שוואָמען־סאַלאַט צי אין סאַונע.
ג': עסטעטיזאַציע פֿון אַ גוואַלדזאַמען טויט.
ד': גלאָבאַליזאַציע פֿון דער אַנטיסעמיטיזאַציע, לויט:
ניצשע,
מעסיע רענאַן,
ריינהאַרט דאָזי[20],
וואַסילי ראָזאַנאָוו,
קנוט פעדערסען (האַמסון),
אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין,
באָבי פֿישער, גויים און ייִדן – אַ גאַנצער באַרג קויט,
און איבער אים מיט זייערע נעמען ביזן הימל פֿאַרשריבן דער לופֿטיקער פלויט.
ה': אַלגעמיינע און קעגנזײַטיקע פעלענגאַציע.
ו': טראַנספּלאַנטאַציע פֿון דער פסיכיק – ווי מען זעצט אײַך איבער אַן אויג.
ז': אינפֿאַבולאַציע*, אידעאָלאָגיזאַציע
פֿון אַ קיצל, אַ קוש און אַרומנעם – בפֿרט אַז ער טויג.

* אונטערדריקונג פֿון דעם געשלעכט־אינסטינקט.

60000 קרבנות אַ יאָר, געשטאָרבענע פֿון ״ציווילע״ בראַנדווונדן, און וויפֿל
דערטרונקענע,
דערשטיקטע,
דערוואָרגענע שיכּורערהייט, אָנגעבלוטיקט צי בלאַס,
אַרויס־ און אַראָפּ־ און סתּם פֿאַר געלעכטער געפֿאַלענע
פֿונעם פֿענצטער,
פֿון אַ בויער־טורעם,
צי פּשוט ווי אַ הונט אויף דער גאַס.

ACHTUNG! ACHTUNG!

די געפֿאַר, וועלכע דראָט
דעם פֿוסגייער מצד אויטאָס אין שטאָט
האַנאָווער, איז די זעלבע ווי די סכּנות
פֿאַר אַ שווימער וואָס זיך באָדן דערוועגט
בײַם מעקסיקאַנישן ברעג און אין ענלעכע זאָנעס
מיט די אָקס־ אָדער האַמער־הײַפֿיש

איצטער פֿרעגט:
אויף וואָס פֿאַר אַן אייביק לעבן קאָן ער האָפֿן? – שוין ניט גערעדט
פֿון יענע, וואָס פֿאַלן אין שלאַכטן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד, אָדער אין בעט
שטאַרבן פֿרידלעך, גסיסהן אויס מיט אַ שמייכל, מיטן דאָקטערס דיאַגנאָז: הוא מת!
כ׳וואָלט זיי נעבעך דעם סוד פֿון תּחית־המתים אַנטפּלעקט – ווען מיר קענען זיך סודען...
פֿאַלט כּורעים, פֿאַלט כּורעים, פֿאַלט כּורעים – ווערטיקאַל הייבט אַ תּפֿילה זיך אויף,
האָריזאָנטאַל – צעגייט זיך די ליבע צו מענטשן און חיות, און פֿלאַנצן,
און בערג, און סאַוואַנעס, און טײַכן מיט לאַנגהאָריקע וואַסערמוידן...

און אַ סך מאָל חלומט זיך מיר אין מײַן בלאָוון דעליר:
דער דעלטאַפּלאַן – אָפּגעפּוילט אויף דער פּלייצע בײַ מיר,
און אין טיפֿן נאַרקאָז, אָן דעם קרייץ אין מײַן הימלישער רײַזע
כ׳פֿלי מיט אָפֿענע אָרעמס, צעשפּרייט ווי אַ ראָב, צי די ווײַסע
נחס טוביכע יונה – איך שאַר אין די רוימען: ס׳איז מיר אפֿשר געפֿינען באַשערט
כאָטש אַ פּאַסיקל ערד פֿאַר דער ערד...

פּולבאַטײַטיקער שליסל צום ייִדישן ספר INRI

[1-a] LIBER. – בוך (לאַט׳).

INRI (Iēsus Nazarēnus, Rēx Iūdaeōrum) – די לאַטײַנישע אַברעוויאַטור פֿון דער חוזקדיקער אויפֿשריפֿט אין פֿיר שפּראַכן (מתי, 37:27), וואָס אויף העברעיִש האָט די קירצונג באַטײַט: "זה הוא ישו מלך היהודים" – "דאָס איז ישו דער מלך פֿון די יהודים". בײַם ייִדישן מאָלער מאַרק שאַגאַל געפֿינט מען אָבער אויפֿן בילד קיין סימן פֿון שפּאָט – סאַמע טרויער און מיטלײַד.

די גימטריא פֿון דעם נאָמען "ישו" גיט אונדז אַ ציפֿער 316 און קען, שוין צוריק אין בוכשטאַבן איבערגעלייענט, ווערן אַן אַברעוויאַטור פֿון די ווערטער "ימח שמו וזכרו" – "זאָל דער נאָמען זײַנער און דער זכר נאָך אים אָפּגעווישט ווערן". דערבײַ וואָס די ציפֿער 300 – נאָר עטוואָס קלענער – אַנטשפּרעכט שוין אַזאַ הויכן נאָמען, אַז אַ ייִד טאָר אים אַפֿילו נישט אויף די ליפּן אַרויפֿברענגען*.

[2] **Erst macht man Abstraktionen von den sinnlichen Dingen, und dann will man sie sinnlich erkennen, die Zeit sehn und den Raum riechen.**

Friedrich Engels. Dialektik der Natur

[3] טאָפֿלער, עלווין (געב׳ 1928) אַמעריקאַנער פֿוטוראָלאָג און סאָציאָלאָג, וואָס האָט אין עטלעכע ביכער אויסגעלייגט זײַן אַנטוויקלונג־קאָנצעפּציע פֿון דער מענטשהייט־געשיכטע: נאָך דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער עפּאָכע (10.000 יאָר) און דער אינדוסטריעלער (3.000 יאָר) וואַרט אויף אונדז די טעכנאָטראָנישע תּקופֿה, וואָס טאָפֿלער באַטראַכט זי ווי אַ נײַע ציוויליזאַציע.

וועגן טאָפֿלערן, דעם אַמאָליקן TradeUnion-אַקטיוויסט, האָט זיך אַזוי אַרויסגעזאָגט בשעתּו דער רבֿ דוד ראָזען: "טאָפֿלער און אַנדערע <···> באַטראַכטן דאָס דערשײַנען און זיך צעוואַקסן כּלערליי סעקטעס, ווי אויך דאָס אַנטוויקלען זיך פֿון דער נאַרקאָקולטור און אַנדערע ענלעכע פּראָצעסן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט, ניט בלויז אַלס אַ געוויסע פּראָטעסט־פֿאָרם, נאָר אויכעט ווי אַן אָפּשפּיגלונג פֿון פּרווון געפֿינען די אייגענע אידענטישקייט אינמיטן דער הוילער פּוסטקייט".

---

* און דאָס רעשטל 16 באַטראַכט שוין אַ גאָר פֿרומער ייִד נישט ווי 6+10 (יו), נאָר אויסשליסלעך אַלס 7+9 (טז). און איר הײַנט חידושט זיך: מימונס "π"! איינשטיינס "$E=mc^2$"!

צי איז אָבער אָ דער דוד ראָזען נישט אַ זון פֿון משה ראָזענען, מײַן אַ סך עלטערן פֿרײַנד און דעם רומענישן שעף־ראַבינער, װעלכער האָט, אַגבֿ, אין אַ שמועס צו אַ מאַטרימאָניאַל־טעמע מיר ״פֿאַרגעבן די זינד״ – מיט אַ שמייכל באַמערקט: ״נו, כ׳פֿאַרשטיי, סמאָלענסק... לויטן װערטל... טאַנצט מען מיט שיקסעס...״.

[4] ״אילי, אילי...״ – אַ פֿאָנעטיש פֿאַרגרײַזטער פּסוק פֿון תּהילים (כ״ב: ״אלי אלי למה עזבֿתּני״ – ״גאָט מײַנער, גאָט מײַנער, פֿאַר װאָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזט?״, װאָס ישו האָט אויסגעשריגן פֿונעם קרייץ אויף זײַן גליל־דיאַלעקט: ״אילי, אילי, לאַמאַ סאַוואַכטואַני?״.

[5] ״אויף דעקאַרטס שטיקל חכמה״ – פֿאַר די נאַטור־באַטײַטן האָט דער פֿראַנצייזישער פֿילאָסאָף אָנגעווענדט בלויז אַזעלכע דעפֿיניציעס, װעלכע האָבן זייער יסוד אין ״צאָל״, ״פֿיגור״ און ״באַוועגונג״ – אַ מין אַלוועלטיקע קאָאָרדינאַטן־סיסטעם, װאָס רעדן װעגן איר אין אַזאַ איראָנישן טאָן, ווי סע טוט עס דער INRI־פּערסאָנאַזש, איז, ווייניקסטנס אין זײַן לאַגע, אומבאַרעכנט.

[6] ״יאַספּערס אַקסנצײַט״. קאַרל יאַספּערס (1883-1969) – פֿילאָסאָף־עקסיסטענציאַליסט. דער ציל פֿון פֿילאָסאָפֿיע, לויט זײַן קאָנצעפּציע, איז צו שאַפֿן אַ מין אַלגעמיינעם קאָמוניקאַטיוו־דרך איבער אַלע תּקופֿות און ציוויליזאַציעס. מיט אייניקע קאָפּיעס פֿון זײַנע רוי־עקזעמפּלאַרן (די ״שולד״־לעקציעס 1945-1946, אַרום 25-30 זײַטלעך) האָב איך געהאַט אַ צופֿעליקע געלעגנהייט זיך צו באַקענען אין אויגוסט 1980, אין דעם באַרימטן לייפּציגער "Auerbachs Keller" – אַ בירשענק, װוּ פֿאַוסט (ווי שפּעטער אויך געטע גופֿא) פֿלעג זיך אַ מאָל פֿאַרנעמען מיט "gnothi seauton" * און אויפֿן אָרט אָנהייבן כוליגאַנעווען באַגלײַך מיט מעפֿיסטאָ.

[7] װעגן דער אוראַלטער אָפּשטאַמונג פֿון די 70 פֿעלקערשאַפֿטן, װאָס באַוווינען בורמע, און זייער דאָרט אײַנגעשטעלטער ספּעציפֿישער ציוויליזאַציע – דאָס איז ידוע־לכּל; ס׳נאָר צו באַמערקן, אַז פּונקט אין דעם הימל־סעקטאָר איבער אָ דעם לאַנד פֿון מנאָף־משונהדיקן בודיזם און טראָפּישע מוסאָנען (די אַטמאָספֿער־אָפּזאַצן: 5000 מ״מ per annum אויפֿן פֿלאַכלאַנד און 3500 מ״מ אין די בערג) נעמט INRI בהדרגהדיק פֿאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך – דאָס איז די סיבה, פֿאַר װאָס דעם פּאַסאַזש, װעלכן ער האָט אַזוי זיס אָנגעפֿאַנגען מיט ״מיידעלע, שיקסעלע...״ פֿאַרענדיקט ער מיט גראָבע קללות און זידלערײַ, ווי ״חוצפּהניצע״ און ״זונה״.

* אַ מין אַרט זעלבסט־באַגרײַפֿונג.

[8] "Les sobriquets que leur donnait le peuple, et qui sentent la caricature..."
"די שפּיצנעמען וואָס *דאָס פֿאָלק* האָט זיי צוגעטיילט, – שרײַבט זשיל רענאַן, – און וואָס שמעקן מיט קאַריקאַטור...".

"אייניקע פֿון די פּרושים האָט *דאָס פֿאָלק* געגעבן אַ צונעמעניש *'שכמי'*, *'קרעפּטיק פּלייציקע'*, – באַמקעט אים נאָך דער הײַנטיקער רוסישער פּראָטאָיערײ פֿון די געשמדטע ייִדן אַלעקסאַנדער מען (Мень)...

אויך די גאונים אונדזערע פֿלעגן פֿון די פּרושים ניט שטאַרק האַלטן און האָבן נישט ווייניק זיי אויסגעחוזקט, אָבער רעדן פֿון דעם *"פֿאָלק"* וואָס האָט זיי כּלומרשט אָנגערופֿן *"ניקפּי"*, *"קיזאי"*, *"מדוכיא"*...

אין דער ברײַתא, ווו עס ווערט געבראַכט די רשימה פֿון אַלע *שפּיצנעמען* פֿון די זיבן פּרושים־גרופּעס און די דערקלערונגען צו זיי – who is who – ווערט, *למשל*, געזאָגט, אַז דעם שם "קיזאי" האָט קאָמענטירט דער גרויסער אַמורא רבֿ נחמן בר יצחק, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָרן 280-356, און צו יענער צײַט איז שוין נאָר אַ נאָמען נאָך די פּרושים געבליבן. נישט *"דאָס פֿאָלק"*, אַזוי אַרום, נאָר אַ געשײַטער אינטעלעקטואַל האָט אונדז זײַן כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם געריטמטן טיפּוס איבערגעלאָזט: "יענער לאָזט (זיך) בלוט בײַ די ווענט, ער פֿאַרמאַכט די אויגן כּדי די ווײַבער ניט זען, און צעקלאַפּט זיך צו מאָל דעם קאָפּ אין דער וואַנט – און עס טרעט אַרויס ס'בלוט"*.

וועגן דעם *'מדוכיא'*־טיפּ דערציילט רבֿ *שילה* פֿון נעהאַרדעא (אַרום יאָר 220 א.צ.): "דער איז תּמיד פֿאַרבויגן, ווי אַ טוקאַטש מיט וועלכן מען שטויסט אין אַ *שטייסל*". צי אָבער איז אין דעם אָפּשאַץ נישט פֿאַרבאָרגן עפּעס אַן אייפֿעמיזם?

[9] די לאַמאַיִסטישע פֿאָרמל " ॐ मणि पद्मे हूँ " און שוין אַוודאי "אוי, מאַניע..." נייטיקן זיך ניט אין קיין דערקלערונגען.

[10] "דער וואָס רעדט [...] פֿאַרלאָזן" – אַ ווילדער מיש־מאַש פֿון איבערגעדרייטע אַרויסזאָגונגען פֿון פּאַולוס (קאָרינט'1, 14:2) און יוחנן (אַנטפּלעק' 4:2).

[11] די דאָזיקע קרייצאַרטן הייסן אויך: דער לאַטײַנישער – פּאַסיאָנסקרייץ; דער עגיפּטישער – אַנטאָניוס־קרייץ, דער בורגונדישער – אַנדרעאַס־קרייץ.

אין קריסטנטום זענען באַקאַנט 18 קרייצפֿאָרמען, וואָס זיי לאָזן זיך גאַנץ לײַכט קאָמפּאַקט צו פֿאַראייניקן – מחמת זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג – אין אַ מגן־דוד־קאָמפּלעקט:

---

* "עושה עצמו כעוצם עיניו שלא יסתכל בנשים ומתוך כך מכה ראשו בכותל והדם יוצא".



© - ל.ב.

12 ״ניט אַלע וועלן אַנטשלאָפֿן מיר ווערן...״: אינטערעסאַנט איז, אַז אין פֿאַרשידענע איבערזעצונגען פֿון ברית־חדשה טרעפֿן מיר גאַנץ אַנדערע אויסטײַטשונגען פֿון דעם פֿערז:

אויף ענגליש: "We will not all *die*, but we will all be transformed"

אויף דײַטש: "Wir werden nicht alle *entschlafen*"

אין דער פֿראַנצייזישער ביבל: "Serons pas tous *morts*"

אויף שפּאַניש: "No todos *moriremos*, pero todos seremos transformados"

אויף רוסיש: "Не все мы *умрём*"

אויף רומעניש: "Nu toţi vom *adormi*"

אויף העברעיש: ״לא כלנו נישן *המות*״

אאַז״וו.

אין דעם דריקט זיך סעמאַנטיש אויס די פֿאָרשטעלונג פֿון יעדן פֿאָלק וועגן דעם טויט ווי אַן אַלגעמיין־קאָסמישן פֿענאָמען, אָדער – אַן ערדישן פֿאַנטשער, וואָס בײַ די אַשכּנזים הייסט עס: אויסציִען-די-פֿיס.

13 גיונטער טעמבראָק. דײַטשער עטאָלאָג, זײַן אַרבעט וועגן לויפֿזשוקעס Carabus Ullrichi (1941) איז געווען איינע פֿון די ערשטע אין דער סינטעטישער עוואָלוציע־טעאָריע, שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו וועלף און הינט. ציטירן אָבער פֿלעג ער אָפֿט פֿון י. וו. געטעס ״פֿאַוסט״: ״דרינגט אַרײַן פֿולקום אין לעבן פֿון אַ מענטשן...״, און דאָס שטעלט אונדז שוין אין אַ פֿארלעגנהייט.

14 אַ ניט־פֿאַרשטעלטער פּאַראַפֿראַז, זע: ירמיה, ה׳ח, ״סוסים מיזנים...״.

[15] אָט זענען די דרײַ סטראָפֿעס פֿונעם לידל, וואָס פֿאָלגט גלײַך נאָך דעם גאָר ערנסטן אַפּאָקאַליפּטישן פּאַסאַזש און שטימט בכלל ניט מיט דעם קאָנטעקסט – ניט אינהאַלטלעך און ניט סטיליסטיש:

אָן אַ שיעור רויזן בליִען אויף הערלעכער וועלט!
דו ביסט מײַן שענסטע, דו ביסט מײַן טײַערסטע, Sinnamomea!
סינאַמאָמייאַ – איך זע מײַן נשמה: זי קוועלט,
פֿראַוועט געבורטסטאָג, קוקט ווי אַ נאַרישע... מילא!

סינאַמאָמייאַ – וואָס פֿאַר אַ פֿײַערדיק וואָרט!
גאָטעניו, כ׳דאַנק פֿאַר דײַן פֿײַן־סענסיטיווער אידעע
שאַפֿן אַ וועלט, ווּ עס זאָל זיך געפֿינען אַן אָרט
אויך פֿאַר אַ בלום, און די בלום איז – סינאַמאָמייאַ!

רעדט מיר ניט מער פֿון גילגולים, פֿון לעבן און טויט –
כ׳קען אײַער יוניש* ניט, ראָמאַניש ניט, ניט אַרמיש,
כ׳קוק און הער, ווי דער הימל ראָלט זיך צונויף און ווערט רויט,
שאָרכיק, קלינגעוודיק, סימפֿאָניש, סינאַמאָמייִש...

[16] ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּרעסטאַווירן און דעשיפֿרירן דעם פֿאָלגנדיקן פֿראַגמענט:

a: דער לעבנסשטאָף, וואָס איז צעזייט אין מיליאַסן אינדיווידן – דער סוד פֿון פֿריידן און לײַדן.

b: דער ביאָגענישער שטאָף, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט און איבערגעאַרבעט דורכן לעבן־פֿענאָמען: קוילן, ביטום, קאַלכשטיינער, נאַפֿט – די קוואַלן פֿון הויכע ענערגיעס און דער סוד פֿון אַפּיקורסות.

c: דער קאָנסערוואַטיווער שטאָף: האַרטער, פֿליסיקער און גאַזאַרטיקער – דער סוד פֿון די בערגפֿייזאַזשן, פֿון מידבריות, ימען און וואָלקנס.

d: ביִאָקאָנסערוואַטיווער שטאָף – די סודות פֿון לעבן.

e: דער שטאָף, וואָס געפֿינט זיך אין ראַדיאָאַקטיווער צעפֿאַלונג – דער סוד פֿונעם טויט.

---

* קאָנטעקסטועלע אויסשפּראַך – ״איוואַניש״. ל.ב.

f: די צוזייטע אַטאָמען, וועלכע בילדן זיך פֿון כלערליי ערדשטאָפֿן אונטער דער ווירקונג פֿון די קאָסמישע אויסשטראַלונגען – דער סוד פֿון תּחית־המתים.

g: דער שטאָף פֿון קאָסמישן אָפּשטאַם – דער סוד פֿונעם עיבור.

[17] אינעם לאַטײַנישן אָריגינאַל קומט אויף אַ לאַנגער אָפּזאַץ, וואָס מיר ברענגען דאָ, אַרויסטראָגנדיק אים אינעם "שליסל" צוליב דער קאָמפּאָזיציע פֿון דעם אַלגעמיינעם טעקסט, וואָס איז אַזוי איבערגעלאָדן מיט פֿאַכבאַטײַטן און אַנדער טערמינאָלאָגיע. אָט איז דער פֿראַגמענט:

אַ טיר איז אַ חלל, דורך וועלכן אַ מענטש קאָן ניט נאָר
אַרײַן צי אַרויס־הולכן – ער קאָן אויך אַ פֿרײַנד, צי אַ פֿײַנד
אַרײַנפֿירן אָדער אַרויספּערען, אָדער ער קאָן זיך
פֿאַרשליסן און קיינעם ניט זען, צי פֿאַרשפּאַרן דאָס ווײַב.
אַ טיר פֿלעג מען שטעלן פֿון האָלץ, סע פֿלעגט טרעפֿן זיך אויכעט
אַ שטיינערנע טיר, און שוין זעלטן – אַ טיר פֿון מעטאַל;
אַ טיר מיט צווײ האַלבטירלעך; פֿון איין שטיק; אַ ברעטל פּאַניר,
וואָס צושטעלן פֿלעג מען צום דורכבראָך – אַזאַ פּרימיטיוו
פֿלעג הייסן אַלמנה־טיר: נישט קיין זאַוויסעס
און נישט קיין פֿאַרשלאָס האָט זי ניט געהאַט; אַ טיר מיט אַ שוועל;
אַ טיר מיט אַ באַנק, ווו די ווײַבלעך זיך פֿלעגן צעזעצן און קנאַקן
פּיסטאַשקעס, ווי דאָרפֿשיקסעס, און גרינדזן ביז טיף אין דער נאַכט.
אַ טיר פֿלעג האָבן געוויינלעך צווײ צאַפּנס – אויבן און אונטן –
וואָס זיי מוזן אַרײַנגעשטעלט ווערן אין שפּעלטלעך: אַ שווער שטיקל ברויט
צו פֿאַרבײַטן אַזאַ מין מאָדעל, נאָר האָסט דען אַ ברירה?
אַ צוואָק אין דער טיר – איז געווען אַ סימבאָל, אַ באַטײַטלעכער סימן.
"אַ צוואָק אין דער טיר קאָן מען ניט פֿונעם טירהאָלץ אַרויסציִען,
מע זאָל ניט צערײַסן דאָס האָלץ", – זאָגט דער למדן אונדז אָן*.

אַ צוואָק, ווען מען פֿלעגט אין דער טיר אים אַרײַנקלאַפּן, פֿלעג מען
אים געבן אַ ברכה: אַזוי ווי איר הייליקט אַ פֿאָן!

אָבער מער פֿון אַ צוואָק צי אַ פֿאָן, האָב איך ליב געהאַט פֿרוייִשע פּלאַזשעס.

---

* S. Krauss. „Talmudische Archäologie“, S. 339. Leipzig, 1911

[18] אָווידי נאַזאָן. ״אַרס אַמאַטאָריאַ״ (ליבע־לערע), בוך 1, פּערז 75:

"nex te praetereat Veneri ploratus Adonis, cultacue Iudaeo septima sacra Syro..."

[19] ״תּחית־המתים איז אָם בעסטן צו ווערן אַזוי...״ דער טעקסט איז געשעדיקט. אייניקע טעקסטאָלאָגן, צו וועלכע ס׳האָט זיך געווענדט דער איבערזעצער, זענען ביַי דער מיינונג, אַז אַרויסגייענדיק פונעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער סטראָפע, איז זי פון אָנהייב אָן ניט געווען לעזבאַר. די ביאָניקער גלייבן אָבער, אַז ס׳איז דאָ יאָ ״אויסגעשריבן״ געווען אַן אמתער ״רעצעפּט״, וועלכן ס׳האָט שפּעטער, קאָן זיַן מיט אַ כּיוון, עמעצער קאַליע געמאַכט – אַ קריסט אַ פאַנאַטיקער אָדער עפּעס אַן אַטעיִסטישער צענזאָר. דער מיקולינער גלת, אַגבֿ, איז איבערגעציַיגט, אַז דאָ האָט זיך אַריַינגעמישט גאָטס האַנט.

[20] Reinhart Pieter Dozy (1820-1883) – אַ האָלענדישער איסלאַם־פאָרשער. דער זעלבער דאָזי, וועגן וועלכן עס דערמאָנט אין אַ בריוו צו קאַרל מאַרקסן זיַין פעטער ליאָן פיליפּס: ״...דער גרעסטער אָריענטאַליסט אין אייראָפּע דערוויַיזט (ס׳איז זיַין אַנטדעקונג), אַז אונדזערע אורעלטערן אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ, האָבן קיין מאָל ניט עקסיסטירט: די בני־ישׂראל זענען געווען געצן־דינערס און האָבן אומעטום מיט זיך אַרומגעשלעפּט אַ שטיין אינעם אָרון־קודש״. זאַלטבאָמעל, 18 יוני 1864.
אויף וואָס דער זעקס און פערציק־יאָריקער, גרייַסטריַיפער מאַרקס האָט אים מיט אַ מין קלוגן שמייכל געענטפערט: ״...פון זינט דאַרווין האָט דערוויזן, אַז אַלע קומען מיר אַרויס פון דער מאַלפּע, קאָן שוין מער, דאַכט זיך, גאָרנישט אומוואַקלען אונדזער שטאָלץ אויף די אָבֿות. אַז דער חומש איז אָנגעשריבן געוואָרן ערשט נאָך דעם צוריקוואַנדערן פון דער בבֿל־געפענקעניש, דאָס האָט אויפגעקלערט נאָך ספּינאָזע...״. לאָנדאָן, 25 יוני 1864.

ג

...dans la lignée des Kulbak, Markish et Sutzkever

Dès ses débuts, l'originalité de Berinski (le yiddish est la langue de création qu'il a privilégiée, bien que le russe fût sa première langue) se manifeste par une liberté d'écriture, une verve, une insolence et un sens de l'invention dans une prosodie émaillée de calligrammes, qui rappellent les audaces des Futuristes, mais se situent plus précisément dans la proximité de la génération russe des années 1980 qui s'affranchit des conventions. Il affirme de plus en plus fortement sa sensibilité et son appartenance à la création yiddish, dans la lignée des Kulbak, Markish et Sutzkever. L'ironie, l'humour, l'alacrité critique, touchant entre autres les aberrations écologiques, les références à l'actualité, une culture qui embrasse cinéma, technologie, science ou philosophie, confèrent d'emblée à son œuvre une vitalité et une force singulières qui la placent au premier plan de la modernité et du renouveau poétique en Yiddish.

Charles Dobzynski

...פֿונעם זעלבן שטאַם ווי קלובאַק, מאַרקיש, סוצקעווער

באַלד פֿון זײַן התחלה (ייִדיש איז דאָס לשון וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אויבן אָן, זײַן ערשטע דיכטונגשפּראַך איז געווען רוסיש), האָט בערינסקי אַרויסגעוויזן זײַן אָריגינעלקייט. זי אַנטפּלעקט זיך אין אַ פֿרײַ שרײַבן, אַ קוואַלנדיקן כּוח־הדיבור, אַ געוואַגטקייט, אַ חוש פֿאַר המצאָות, און דאָס אַלץ קריגט בײַ אים אַ קלאַנגיקע געשטאַלט, טיפּאָגראַפֿיש באַשײַנט מיט קאַליגראַמען, וואָס דערמאָנט די העזה פֿון די פֿוטוריסטן, און דאָך שטייט זי נאָענט צום רוסישן דור פֿון די 80ער יאָרן, וואָס האָט זיך אָפּגעטרייסלט פֿון די אָנגעוואָרפֿענע פֿאָרמען און פֿאָדערונגען. וואָס ווײַטער באַטאָנט ער שאַרפֿער זײַן געפֿילדשותּפֿות, זײַן עכטע אָנגעהעריקייט צו דער ייִדישער שאַפֿונג, ווי אַ דיכטער פֿונעם זעלבן שטאַם ווי קולבאַק, מאַרקיש, סוצקעווער. זײַן איראָניע, הומאָר און וויציקע קריטיק וואָס באַרירן אַלע אַקטועלע טעמעס, למשל עקאָלאָגיע, ווי אויך זײַן קולטור וואָס כאַפּט אַרום קינאָ, טעכנאָלאָגיע, וויסנשאַפֿט אָדער פֿילאָסאָפֿיע, פֿילן אָן זײַן שאַפֿונג מיט אַן אײַנציקאַרטיקער לעבנסקראַפֿט און שטעלן זי אַרויס אויפֿן ערשטן פּלאַן פֿונעם הײַנטצײַטיקן פּאָעטישן אויפֿלעב אין ייִדיש.

ייִדיש: יצחק ניבאָרסקי

RELICTA

I

דעם יונגן העלד, וועלכער איז אומגעקומען
הינטערן דאָרף טשערנושקי[1]

אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוון געווידמעט

און טויט?... נאָר אָט זעט, ווי דערהויבן
עס שוועבט זײַן נשמה! זי שוועבט
און קוקט מיט פֿאַרגליווערטע אויגן
אין רוים מיט פֿאַרנעפּלטע שויבן
אויף אַלץ, וואָס פֿון נידער און אויבן
זיך הייבט, – ווו זײַן יוגנט מיט גלויבן
און לעבן איר שוואַנענליד וועבט.
ס׳איז אומקום פֿאַראַן – ווי אַ גבֿורה.
ניט פּשוט געבראַכט אים צו קבֿורה –
אַ מעטאַמאָרפֿאָזע פֿון מוט,
וואָס שפּרודלט אין פֿויגל־געזאַנגען,
איןביימער, אין גראָזן, אין זאַנגען,
וואָס ער איצטער נערט מיט זײַן בלוט.
אין אויסברוך פֿון מײַנע געדאַנקען,
אין ליד, וואָס אָן אויפֿהער ניט רוט.
ס׳איז פּונקט ווי צום לעבן דער אומקער!
אַ קינד פֿון דער דאָרפֿישער וואָר,
ווי האָט ער באַגריַפֿט עס, אַז אומקום,
אַז טויט – איז דער דויער פֿון דאָר?

מיט וועלכע אַזעלכע אינסטינקטן
אומשטערבלעכקייט האָט ער דערשפּירט, –
ווי פֿאַלנדיק וואַסער אַ שפּרונג טאָן,
באַהעפֿטן זיך אין סטאַלאַקטיטן

---

[1] די ערשטע ייִדישע פּובליקאַציע (״ס. ה.״, נומ׳ 3, 1981) – דרײַ לידער פֿון ל. ב. אין חיים ביידערס איבערזעצונג פֿון רוסיש. דער דאָזיקער ״דעביוט״ האָט צוגעגעבן דעם מחבר קוראַזש אַ פּרוּוו טאָן צו שרײַבן אויף ייִדיש.

און צושטיין צו זיי, ווי אַ שיכט,
וואָס העלדנמוט שטענדיק געבירט?

אָ, בלוט, וואָס צו אייביקייט פֿירט!

און איך, ווען געבראַכט כ׳וואָלט מײַן לעבן
אַלס קרבן, אַלס שטאָף פֿאַר אַ קראַפֿט, –
צי וואָלט עס אַ קיום געגעבן
פֿאַר וואָרצלען, וואָס לעכצן נאָך זאַפֿט?
און מעג איך חלומות זיך וועבן? –
שוין שפּעט זיך צו לערנען, צו שטערבן –
ווּ נעמט מען דעם כּוח, וואָס שאַפֿט?
די האַרבסטיקע קעלטן פֿאַרציִען
מײַן לעבן, און כ׳טרוים ניט פֿון גליק,
און בושלען אויף דרום שוין פֿליִען –
ניט אומקערן וועסט זיי צוריק.
און טויִקע ווינטן זיי טראָגן
אויף פֿליגלען מיט טערקל־געשריי,
די וואַסערן רוישן און יאָרן...
און פֿול איז דאָס האַרץ מײַנס מיט וויי.



געפֿינען זשע ווּ זאָל איך קענען –
די צײַט ווּ באַהאַלטן דיך האָט,
דעם קוואַל פֿון דײַן מוט, דײַנע גענען,
מײַן שלאַכטמאַן, מײַן יונג, פּאַטריִאָט?
אין וועלכע דאָרט ליגט מעזאָזאָיען
די קראַפֿט, וואָס זי האָט דיך געשטאַרקט?
צי ערגעץ דו זוכסט זיך פֿאַרטרויען
דײַן חבֿרטע זשאַנע ד׳אַרק?
אין חושך טעקטאָנישן טאַנצן
אַ יאַט מיט אַ מיידל – איר הערט?
און ס׳פֿינקלען מיט שטערן די סלאַנצן[1],
און פֿול איז מיט לעבן די ערד.

---

[1] ברענשיפֿער (רוס׳).

אַ ליבע־געשפּרעך

– שענק אַ סאָלאָוויי מיר, ליבער, רויזן אַ בוקעט.
– נאָר קיין פֿייגל און קיין בלומען האָב איך ניט, ניט בעט.

– ים־וואַסער אַ זשמעניע שענק מיר – האָסט עס מן־הסתּם?
– אָבער ווּ, מײַן ליבע, נעמען זאָל איך דאָ אַ ים?

– שענק אַ שטיינדל, וואָס עס פֿינקלט מיט קאָלירן שיין.
– אַך, מײַן ליבע, ווּ געפֿינען זאָל איך אַזאַ שטיין?

– עפּעס כאָטש – פֿון האַרץ אַ שטיקל פֿלאַם גיב מיר אַהער...
– אַלץ איז דײַנס, און בלויז ניט איך, ניט דו – ניטאָ שוין מער.

*

– מאַמע, עפּעס לאַכסטו, מאַמע, כ׳קאָן עס ניט פֿאַרשטיין...
– גאָרניט. ס׳איז די פּוסטע עלטער, זונעניו, ניט מיין.

– מאַמע, עפּעס שווײַגסטו, מאַמע, כ׳קאָן עס ניט פֿאַרשטיין...
– קום, כ׳וועל אויף די הענט דיך נעמען, איך בין יונג, ניט מיין!

– מאַמע, ביסט פֿאַראומערט, מאַמע, כ׳קאָן עס ניט פֿאַרשטיין...
– לאָמיר, זונעניו, אַ טאַנץ טאָן, כ׳בין נאָך יונג, ניט מיין!

– מאַמע, עפּעס וויינסטו, מאַמע, כ׳קאָן עס ניט פֿאַרשטיין...
– ברענג מיר, פּעטערקע, אַ פֿויגל, כ׳בין אַ קינד, ניט מיין!

– מאַמע, מאַמע, כ׳בין דײַן זון דאָך, ווי איז דאָס געהערט?

ניט קיין קינדהייט, ניט קיין עלטער, בלויז אַ בערגל ערד...

פֿון די ערשטע אייגענע פּראָבעס אויף ייִדיש

האַרבסט 1981. מיט אַכט לידער, וואָס איך האָב אויף קאַטאָוועס אָנגעשריבן – אין איין אָוונט – אויף ייִדיש, בין איך אַרײַן צו באָריע סאַנדלערן, וואָס האָט געוווינט אויף דעם זעלבן עטאַזש אין אונדזער סטודענטן־הויז פֿונעם מאָסקווער ליטעראַרישן אינסטיטוט, – און ער האָט זיי אַלע גאַנץ ערנסט און באַגײַסטערט אויסגעהערט.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט מיך אויסגעהערט בײַ זיך אין דר׳הײם – אויכעט ערנסט, אָבער אָן קיין סימן פֿון ענטוזיאַזם – מויני שולמאַן, דער ייִדישער (לויט מישע לעוו) ״גרויסער בקי פֿון קינסטלערישן וואָרט״), וועלכער האָט מיר געגעבן ״אַ פֿרײַנדלעכע עצה״: קיין מאָל קיינעם דאָס מער ניט לייענען און ניט קאָמפּראָמעטירן זיך ווי אַ רוסישער פּאָעט.

דער דריטער, ווער ס׳האָט זיך מיט די טעקסטן באַקענט (שוין אויף פּאַפּיר, אָפּגעקלאַפּט אויף אַ קירילישער מאַשינקע), איז געווען אַהרן ווערגעליס – און מײַן ״קאַטאָוועס טרײַבן״ האָט זיך פֿאַרצויגן, זעט איר הײַנט, אויף לאַנגע יאָרן...

ל.ב. עכו, 1.2.2014

*

גרינע יאָרן, בלויע יאָרן,
רויטע, פֿליסיקע קאַיאָרן,
האָניקפֿאַרבן, צויבערגליק –
כ׳קוק אַרום זיך... אויף צוריק...
כ׳וויל דערפֿילן וו׳זוי זיי ווייען –
שוואַרצע וועלדער, ווײַסע שנייען,
פֿרילינג, יענע לעבנסצײַט,
קינדהייט, לאַנגע אייביקייט.

וואָלף־ראָנדאָ

דער וואָלף איז אַלט. אין וואַלד, פֿאַר נאַכט
קוקט ער אַרויף, אויף הויכע ביימער,
און פּינטלט. און אַז ער פֿאַרמאַכט
די אויגן, זעט ער זיך אַליין: ער –
יונג, אויסגעהונגערט, אַ פּאַק ביינער
אין געלער פֿעל, נאָר פֿול מיט פֿרייד

אין בייזן בלוט. דער וואַלדוואָלף שטייט
און קומט צו זיך צוריק: אַ שיינער
פֿאַרגעגנגלער־שלאָף... דער הונגערגײַסט
דעם זקן רייצט – ער רײַסט דעם גראָבן
שיכט באָדן־עסנוואַרג און בײַסט
די לופֿט מיט קאָמערן, מיקראָבן...

אַ לאַנגער "מר־ר־ר־ר"... ס'איז פֿליישׂ!... נאָר ס'האָבן
די פֿיס שוין אָפּגעזאָגט... ער דרייט,
קלאַפּט מיט דער צונג, און שפּירט אין מאָגן,
ווי ס'ברענט די זון דאָרט און פֿאַרגייט.

גאָלדענער סאָנעט

פֿונעם אָסטאַנקינער טורעם פֿאַלן גאָלדענע בלעטער,
און מיט צעגאָסענעם גאָלד איז די ערד שוין באַדעקט,
אפֿשר געבליבן איז נאָך ניט באַגילדעט אַ מעטער,
וווּ דער פֿאַרבלאָנדזשעטער הונט שטייט אין וואַסער און לעקט.

גאָלדענע לופֿטן... ווי ס'הערט זיך דאָס בלעטערגאָלד, שמעקט!
און ווי פֿאַרצויבערט פֿאַרקוקט זיך דער הונט – עפּעס רעדט ער,
מאַכט מיט די ליפּן און שעלט אויס דעם ווינט, וואָס וועט שפּעטער
אויסקערן סקווערן און סעדער – און בילט אויפֿגערעגט.

מענטשן פֿאַרזינקען אין גאָלד שוין כּמעט ביז די קני, און
גאָלדענע פֿייגל צעשפּרייטן די פֿליגל און פֿליִען,
און פֿון די דזיובן אַ טראָפּן אַ גאָלדענער פֿאַלט.

גאָלדענע שקיעה. אין גאָלד, מיט מאַגנעטישע מיִען
דרייט זיך די ערד. און עס שוועבן, ווי בלעטער, און גליִען
הויך אַרום טורעם פֿילם־קאַדערס – גאָלד און געוואַלד.

לעצטער רעגן

גייט שוין אַרויס פֿון די שטיבער און הערט
אפֿשר דעם לעצטן רעגן אויף דר׳ערד,
אַ שטילן, ווי ס׳חלשן יונגע אַלמנות.

קלאַנגלאָז צעפּיקן זיך דינינקע סטרונעס
ערגעץ אין הייך, צווישן הימל און ערד.
טויט שטומע וויכערס אין צווישנרוים ווייען,
בלויע און געלע, פֿאַרפֿלאָכטן אין צווייען.

ס׳וואַרטן די אויגן, די נשמה באַגערט
זען, וואָס עס קומט איצטער פֿאָר אויף דער ערד,
וואָס פֿון אונדז מענטשן דאָ נאָך אַ מאָל ווערט.

*

איר באַמערקט ווי ער פֿאַלט? עפּעס ניט ווי אַ שניי.
גרויסע שנייעלעך שווימען אַרום, צווישן זיי
הענגען ווײַסע נשמות, אַזוי פֿרעמד און אָרעם,
ווי מעדוזעס אין ים נאָך אַ שטורעם.

ווײַסע זעלן. זיי ווייסן נאָך ניט וואָס צו טאָן.
פֿליִען אַנגסטלעך און לאָנטשען זיך, רירן אונדז אָן
בײַ די ברעמען... אָט שיט ער – אָט שיטער...

פּסח־שני. פֿונעם ווײַטן יופּיטער.

*

מערבֿ איז פּרעכטיק, און מיזרח איז שיין.
שטיי איך מיר שטיל אויפֿן גלאָבוס אַליין.

דער האָריזאָנט – אַ מין לופֿטבלוי־פּאַרענטש.
עמעצער לויפֿט אין דער ווײַטנס... אַ מענטש?

העל איז דער האַרבסט, און דער פֿרילינג איז גרין.
פֿייגל מיגרירן אַהער און אַהין.

דאָס איז מײַן לעבן, און דאָס איז מײַן אָרט.
דאָ אויף דער ערד, ווו מען הערט ניט קיין וואָרט.

מאָסקווע, 1981

II

דער דײַטשער אורטעקסט פֿון דעם געדיכט ״נאַכט בײַם וואַנזעע״
פֿון דער פּאָעמע ״FST און RF״

*

Nacht am Wannsee. Erstes Brandenburgisches Konzert.

Weiße Möwenstriche. Konzept
von 'nem Welt- oder Weltliebe-Raum.

Déjà vu: der Erkenntnisbaum.

Dorothea.

Paradies? Allerdings – kein KZ.
Brandenburgisches – immer – Konzert.

Wieder Adam und Eva.

HALLELUJA!

GLORIA!

SLAVA!

Dorothea, ein ewiges Scheingericht wurde
deinem dunklen Stammbaue beschert –
s'muss doch etwas vom Rohstoff noch bleiben
von eurem ersten Konzert
einer wahnvollen Seele – tiefster Unterwelt Strahlentrophäe.

Erothea.

Goldner Kitsch
mit dem Mond in dem Urwald, s'fehlt bloß das Gequietsch –
einer wilden teutonischen Fee.

Bach. Europe. Wannsee.

אַ צעטל אין אָנדענק פֿון שמיל בערינסקי — פֿון זײַנע פּאָעטישע פּרוון

* * *

אײנער אַלײן
אין אַ קאַמער אַ גרויסער
כ'ליג ווי אַ שטיין,
כ'זע נעט דעם דרויסן.

כ'זע ניט קײן הימל
און זע ניט קײן שטערן...
כ'כאַפּ ווידער אַ דרימל...
ווען וועט אַ סאָף ווערן?

אין קאַמער איז פֿינצטער —
איך ליג ווי אַ טויטער,
איך הער קלינגען די שומרים.

אַזוי גײען אַוועק טעג און נעכט,
עס פֿאַלט אָן אַ שרעק —
ווו נעמט מען אַ ביסעלע רעכט?

דער קאַם
די מאַכטמאָוועס צוביסלעך פֿאַרלירט...
איך בין איזאָלירט.

אין קעשענעווער טפֿיסה, 1932

* * *

אַ קאָל פֿון דזשמבולאַנד לאָזט זיך הערן
לאַנד אײַן, לאַנד אויס, אין יעדער שטאָט,
אַז אַ פֿעטער מוז זיך פֿלאַמען
פֿון דער געבענדיקע רײַכסטאַג.

לאַנגע רויטע צונגען פֿלאַמען,
ס'רויכט דאָס פֿעטער איבעראַל,
ס'שטייט אין ווינקל וואו דער ליובע
מיט אַ פֿלעשל פֿון מעטראַל.

די האָר צעטאַפּלט,
דאָס פּנים בלאַס,
דאָס העמד צעריסט ער
אויף זיך פֿון קאַס.

אויף אַ קאַנאַפּע ליגט זיך גערינג,
גלעט דעם זיצער מיט דער האַנט,
און דער זייגער זינגט אים אונטער
מאַנאַטאָניש פֿון דער וואַנט.

פֿעברואַר 1933

אַ סימכע אָן מוישען

גאָט אַ סימכע האָט געמאַכט
צו דערמאָנען זײַנע קינדער,
אַ קוויטע האָט מען אים צוגעבראַכט,
ער זאָל באַווײַזן וווּנדער.

אויסגעטרונקען האָט ער די
און אָפּגעווישט די ליפּן,
און געשיקט דעם מלאך: "פֿלי
די ציטאַרע ריפּן".

אַנטדעקט איז די אַרמע,
ער זאָל זי ליב באַקומען,
לעם זיך האָט ער די צוגעזעצט
און האָט די צוריקגענומען.

און געטרונקען האָט ער נאָך
אַ קוויטע נאָך אַ קוויטע,
און קײן וווּנדער ניט באַוויזן —
און פֿאַרגעסן מוישען.

* * *

שפּיל מיר, פֿידלער, אויף דעם פֿידל,
רײַב דעם סמיטשעק, שפּיל אַ לידל.
גיב אַ ניגון, פֿול מיט לײַדן,
אין די נאַכטן צו פֿאַרטרײַבן.

ווי אַ דוינע זאָל דאָס קלינגען,
כ'זאָל פֿון טרויער נאַכטן, זינגען
זאָלן פֿון'ם האַרץ זיך גיסן הערן,
ווי אַ רעגן, מײַנע טרערן.

* * *

לאַנג, טאַמעלען דורך די פֿענצטער
קריכט די פֿינצטער.
פֿילכט, ווי ס'ריקט זיך אָן די נאַכט
מיט איר קאַלטער שווערער מאַכט.

די 87 לשונות, דיאַלעקטן און מונדאַרטן, אין וועלכע ס׳איז איבערזעצט געוואָרן דאָס
אַרײַנפֿיר־געדיכט פֿון די ″23 בעטהאָווענס פּרעלודן און פֿוגעס בײַם ים″ –
″דער סטערעאָעפֿעקט פֿון דעם מעטשעט דזשומאַ־דזשאמי אין יעוופּאַטאָרישן האַפֿן″
(לויט מ. דעפּנערס לייסטער[1])

די רשימה פֿון איבערזעצונגען אויף:

Albanisch; Arabisch; Armenisch; Aserbaidschanisch; Baskisch; Belarussisch; Bosnisch; Bretonisch; Bulgarisch; Burisch [Afiikaans]; Chinesisch; Dänisch; Deutsch; Englisch; Esperanto; Estnisch; Finnisch; Französisch; Friaulisch; Galizisch; Georgisch; Griechisch; Grödnerisch; Hebräisch; Igbo; Irisch-Gälisch; Isländisch; Italienisch; Japanisch; Jenisch; Judeo-Espanyol [Ladino]; Karelisch; Katalanisch; Koreanisch; Kornisch; Korsisch; Kroatisch; Kurdisch; Lateinisch; Lettisch; Litauisch; Luxemburgisch; Maltesisch; Manx; Mazedonisch; Mittelfränkisch; Niederländisch; Niedersorbisch; Norwegisch; Obersorbisch; Okzitanisch [Langue d'oc]; Ostfriesisches Platt; Papiamento; Persisch; Piemontesisch; Polnisch; Pomesanisch [Prußisch]; Portugiesisch; Puter [Oberengadinisch]; Gurbet-Romani; Rumänisch; Rumantsch-Grischun; Russisch; Sardisch; Saterfriesisch; Schottisch-gälisch; Schwedisch; Sechsämterdialekt; Serbisch; Siebenbürgisch; Sizilianisch; Slowakisch; Slowenisch; Spanisch; Surmeirisch; Surselvisch; Sutselvisch; Tschechisch; Tschetschenisch; Türkisch; Ukrainisch; Ungarisch; Unterfränkisch; Vallader [Unterengadinisch]; Walisisch; Walserdeutsch; Westfriesisch.

---

[1] ″די 87 לשונות, דיאַלעקטן און מונדאַרטן...″ – אַ קאָלעקציע איבערזעצונגען, אַ בײַלאַגע צו דער ″אַנטאָלאָגיע פֿון ל. בערינסקיס ייִדישער דיכטונג″, איבערזעצט אויף דײַטש און אַרויסגעגעבן פֿון מעליטאַ דעפּנער (Melitta Depner): "Selbstverlag", קיצינגען 2005. די פֿולע 4־בענדיקע אויסגאַבע (מיט 3 הוספֿות־העפֿטן) געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון געטע־אוניווערסיטעט, פֿראַנקפֿורט־מײַן, אין דער פּאַריזער מעדעם־ביבליאָטעק א″אַ.

III

בײַם צוגרייטן די דאָזיקע אויסגאַבע איז אין די פֿריִער שוין פּובליקירטע טעקסטן אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַ שלל סטיליסטישע, לעקסישע און אָרטאָגראַפֿישע ענדערונגען, צו מאָל אויך בכּיוון ניט־נאָרמאַטיווע – מחמת דער קאָרעקטאָר פֿונעם בוך איז דערויף אײַנגעגאַן, פֿײַן פֿילנדיק די פּאָעטיקשפּילערישע און איראָניש־פּערסאָניפֿיצירנדיקע ניואַנסן. פֿון טיפֿן האַרצן באַדאַנק איך מיך דאָ בײַ אײַך, אונדזער יונגער בר־דעת אליעזר ניבאָרסקי!

ל. ב.

ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען צו די פֿראַגמענטן פֿון אַרויסזאָגונגען וועגן ל. בערינסקיס שאַפֿונג

קירצונגען

ל.ב. – לעוו בערינסקי.

״פֿ-ס״ – ״פֿאָרווערטס״, אַ ייִדישע צײַטונג (ניו־יאָרק).

״ל.נ.״ – ״לעצטע נײַעס״, אַ תּל־אָבֿיבֿער ייִדישע צײַטונג.

"В-О" – "Вести-Окна", אַ תּל־אָבֿיבֿער רוסישע צײַטונג מיט אַ קולטוראָלאָגישער בײַלאַגע.

"К-Н" – "Конец недели", אַ תּל־אָבֿיבֿער רוסישע צײַטונג.

מרדכי צאַנין. *אַן אולטראַמאָדערנער דיכטער*. פֿון דעם וואָרט בײַם צוטיילן ל.בערינסקין דעם איציק מאַנגער־פּרײַז, 16.11.1997.

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים. פֿון *״מיט לעוו בערינסקיס ליבע־לידער״*. ״לעבנס־פֿראַגן״, נומ׳ 525.

גריגאָרי קאַנאָוויטש (Григорий Канович). *אַ וווּנדערלעכער פֿישפֿאַנג אין ווענעציע*. פֿון דער רוסישער פּובליקאַציע אין דער "В-О", תּל־אָבֿיבֿ, סעפּטעמבער 1996.

ישׂשׂכר פֿאַטער. *אַ פּאָעט אַ שפּינגײַסט*. פֿון ״די הערש סעגאַל־פּרעמיע – און דער פּרעמירטער לעוו בערינסקי״. ״ל. נ.״ 27.3.1992.

מיכאל קרוטיקאָוו. *אַ ליטעראַרישע דערשײַנונג*. פֿון דעם אַרטיקל ״אין גלות צווישן צײַט און אייביקייט״. ״פֿ-ס״, 27.5.2011.

יצחק ניבאָרסקי. *צום קבלת־פּנים לכּבֿוד דעם פּאָעט*. פֿון דעם וואָרט צו ל. בערינסקיס לייענונג אין דער מעדעם־ביבליאָטעק. פּאַריז, אַפּריל 2014.

אהרןווערגעליס. *אַ נײַער ייִדישער פּאָעט*. פֿון דעם פֿאָרוואָרט צו ל. בערינסקיס בוך ״דער זוניקער ווועלטבוי״, מאָסקווע 1988.

אַנדריי יענדרוש (Andrej Jendrusch). *אַ ווײַטגרײַכיקער קרײַזבויגן*. פֿון דעם פֿאָרוואָרט צו ל. בערינסקיס בוך ״Experimente mit Weltelementen״, בערלין, 1998.

יורגען סערקע (Jurgen Serke). *אַנטפּלעקונג אין דער פֿאַרהילונג*. אַן עסיי צום אַלבאָם ״רענדסבורגער מיקווה״. שלעזוויג, 1994.

שלמה וואָרזאָגער. *אַן אײגענער גאַנג*. אַ קורצע קאָמפּילאַציע פֿון די דרײַ עסייען וועגן ל. בערינסקיס שאַפֿונג אין דער צײַטונג ״ל. נ.״, 13.3.1992, 15.3.1996, 11.10.1996-14

יורגען רענערט (Jurgen Rennert). *״פֿאַר מיר גרענעצט עס מיט אַ וווּנדער...״* בערלין, 30.4.1995.

סאַבינע צאַפּלין (Sabine Zaplin). *דער דיכטער איז...* פֿונעם אַרטיקל
"Der Dichter ist ein Tramp", "Süddeutsche Zeitung", 29.9.1999.

שאַרל דאָבזשינסקי (Charles Dobzynski). פֿון דעם נאָכוואָרט צו דער אַנטאָלאָגיע ״Le miroir d'un peuple״, פּאַריז, 2000.

וואַלערי דימשיץ (Валерий Дымшиц). *״אַ בדור אין די דורות...״. פֿון דעם אַרטיקל צו ל. בערינסקיס* געבוירן־דאַטע (75) ״Настоящий еврейский поэт״. זשורנאַל "Народ Книги в мире книги" – ״עם הספר עם הספר״, 109 №

צו די אילוסטראַציעס

די גאַנצע פֿיגוראַטיור־גראַפֿיק און די ווידעאָ־קאָמפּילאַציעס געהערן דעם מחבר.

אַלע קאָלירבילדער ווערן אין בוך רעפּראָדוצירט ווי שוואַרץ־ווײַסע קאָפּיעס.

דער בוכטאָוול און די ״מערידיאַן״־צייכענונג אויף דער ז׳ 7 (לויט די עסקיזן פֿון דעם מחבר) געהערן דעם מאָלער זאַכאַר שערמאַן (טאָראָנטאָ).

די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם מחבר אויף ז׳ 5 געהערט דעם ״וועסטי״־קאָרעספּאָנדענט אליהו געשבערג (תּל־אָבֿיבֿ).

דאָס בילדל אויף דער ז׳ 28 געהערט דעם מאָלער סערגיי טיונין (אין דעם בוך ״די שאַפֿונגען פֿון קאָזמאַ פּרוטקאָוו״ (Сочинения Козьмы Пруткова. Москва, 1987).

דער קאָלאַזש־פּאָרטרעט פֿון דעם מחבר אויף דער ז׳ 283 איז גענומען געוואָרן פֿון ל. בערינסקיס אַלבאָם־אויסגאַבע "Rendsburger Mikwe", שלעזוויג־האָלשטיין, 1994.

די רעפּראָדוקציעס צום לידער־ציקל ״23 בעטהאָווענס פּרעלודן און פֿוגעס בײַם ים״ זענען גענומען געוואָרן פֿון דער אויסגאַבע
"Machines et inventions approuvées par l'Académie royale des sciences, depuis son établissement...", Paris, 1735.
ל. בעטהאָווענס אונטערשריפֿט איז דאָקומענטאַר־אויטענטיש.

די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דעם מחבר אויפֿן אינעווייניקסטן טיטלבלאַט, ז׳ 143, און פֿון דער פּאָעמע־העלדין, ז׳ 262, געהערן דעם פֿאָטאָ־קינסטלער איליאַ קייטעלגיסער (מאָסקווע); אויף דער גאָר אַלטער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון יאָר 1905, ז׳ 313, שטייט מיטן בוך אין דער האַנט מײַן באָבע ״ריווקע״, וואָס איר מיידל־נאָמען איז געווען סימע, סימע פּאָדפּיסקאַ.

דעם מחברס פֿאָטאָגראַפֿיע אויף דער ז׳ 318 איז גענומען געוואָרן פֿון דער מינכענער "Süddeutsche Zeitung"; אַלע אַנדערע פֿאָטאָגראַפֿיעס זענען פֿון דעם אויטאָרס אַרכיוו.

דער בילד־פֿראַגמענט אויף דער ז׳ 326 איז גענומען געוואָרן פֿון אירענע פֿרענקעלס (פֿילאַדעלפֿיע) אילוסטראַציעס צו דער פּאָעמע ״לופֿטבלומען״.



אינהאַלט

די טעקסט, אָפּגעמערקטע מיטן צייכנדל ☼, זענען ניט אַרײַן אין
די פֿריִערדיקע ביכער פֿון דעם מחבר און זענען נאָר פּובליקירט
געוואָרן אין אַלמאַנאַכן, זשורנאַלן און צײַטונגען.
*די טעקסטן, אָפּגעמערקטע מיטן צייבנדל *, זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין די*
לעצטע יאָרן אָדער אָפּגעלעגן - צוליב כּל־מיני
אויסערלעכע סיבות - לאַנגע יאָרצענדליקער "אין שופֿלאַד" און ווערן
דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל.
ל.ב., זומער 2015

~ ~ ~

א'

אויף די בבֿלישע וועגן

מרדכי צאַניִן. אַ יידישער דיכטער אין יידיש - - - - - - - - - 6

די פֿריילעכע וועלט

אַך ,אַ פֿרייעכע וועלט שטראַלט און דרייט זיך..." - - - - - - - - 9
וו. ט. ר. – וויסנשאַפֿט־טעכנישע רעוואָלוציע - - - - - - - - 10
אַ גליקלעכער חלום - - - - - - - - - - 11
די ראַקעטיזאַציע און דער צאָרן פֿון דער שטילער נאַטור - - - - - - 12
אויפֿן גרינעם בולוואַר - - - - - - - - - - 13
דער אָסטאַנקינער טורעם - - - - - - - - - - 14
אַ טרוים - - - - - - - - - - 15
דער פֿינצטערער שאָו - - - - - - - - - - 16
מיטל־עלטערלעכע קאָסמאָגאָניע. גראַוויור - - - - - - - - 17
דער שוואַרץ־רויטער שוואָם - - - - - - - - - - 18
"אַ יינגעלע לאָזט אָפּ דעם גרינעם באַלאָן..." - - - - - - - - 18
נײַער גן־עדן - - - - - - - - - - 19
דאָס פּלאָגן מיט זוניקן ליכט - - - - - - - - - - 20
עקספּערימענטן מיט די אייביקע וועלט־עלעמענטן - - - - - - - - 21

מזוזה — 22
וויזיט — 23
האַרבסט — 24
קרעדאָ — 25
זעונג — 26
אַליין בײַם רול — 27
פֿילאָסאָפֿיע — 28

MITHUS JUDAICUS

צו דער קוואַנט־טעאָריע. ליכט — 29
מײַן אַנטדעקונג — 30
מײַן עלטערער ברודער — 31
אונטער דער זון — 32
דער געבענטשטער וועג חנוכס — 33
באָטאַנישע שטודיעס — 34
MITHUS JUDAICUS — 35
לויטן ווערטל — 37
אויף די בבֿלישע וועגן — 38
רוימישער קינעמאַטאָגראַף — 40
הייזעריקע שלענג — 42
עלעגיע בײַם ריבינסקער ים — 43
PANTA REI — 44
אַ מעשׂהלע — 45
פֿאַר אַ נויט — 46
סטאַניסלאַוו – דער תּנך־לייענער — 47

אַ שפּאַציר מיט דער גאַנצער משפּחה

גענעזיס — 49
מינהגים — 50
נאָסטאַלגיע — 51
פֿון דער אייביקער קינדהייט — 52
מיר בענקען נאָך קינדהייט און שלום — 53
אַזכּרה — 54
דרעקוץ — 55
אַב אָוואָ — 56
ENFANT PERDU — 57
צו דער גראַוויטאַציע־לערע :אַ. וו. — 58
אַ מין וואַלד יעקבֿס לייטערס — 59
ווי אַזוי מײַן מאַמע האָט ביז הײַנט ניט געזען סידי טאַל — 60
יובֿל — 61
אַ קאַטאַסטראָפֿע אויף דער פֿולער לבֿנה נאָך מאַרק שאַגאַלס פּטירה — 62

מיטן בוים אין דער מיט – – – – – – – – – – – – – – – – – – 63
אַ שפּאַציר מיט דער גאַנצער משפּחה – – – – – – – – – – – – – – 64
פּראָיעקט פֿון אַ דענקמאָל מײַן טאַטן בעת זײַן אייביקן לעבן – – – – – – 65

CALYSTEGIA SEPIUM

רבֿקה באַסמאַן בן־חיים. מיט לעוו בערינסקיס ליבע־לידער – – – – – – – 66
אָדע – 67
דאָס צוזאַמענטרעף־אָרט – Figueras – – – – – – – – – – – – – – – – – 68
דער קלאַנג פֿונעם קײַלעכבליך בײַ טאָג אויפֿן פֿעלד מיט זונבלומען – – – – – 69
De profundis – 70
אינעם גראָז, אין גן־עדן, אויף דר'ערד – – – – – – – – – – – – – 71
איר זאָלט זיך ניט קושן, שפּאַצירנדיק אויף דער אײַזנבאַן – – – – – – – – – 73
אַ שׂרפֿה – 74
בײַם טיש – 75
וועגן בורשטין־טאָטעם – – – – – – – – – – – – – – – – – – – 76
ליעטע – 77
דער 10טער רוימישער לעגיאָן – – – – – – – – – – – – – – – – – – 78
"נאָך אַ נאַכט איז פֿאַרגאַן אונטערן ווילדן געשטערן סוועטלאַנאַ..." – – – – – 79
דאָס "E" פֿון דער שיינער נאַטור – – – – – – – – – – – – – – – – – 80
לעצטע נײַעס – 81
שיין איז די לאַנדשאַפֿט בײַ אונדז – די סעדער אין רוסלאַנד..." – – – – – – 82
האַרבסטיקער עקל, די ליבע – – – – – – – – – – – – – – – – – 83
איר מאַן איז ניט מסכּים – – – – – – – – – – – – – – – – – – – 84

דער קאַנאַריק

געבורט – 85
עס שפּריצט בלוט – 85
אויף איין בליץ – 86
"אַן עבֿירה די צײַט ,אַן עבֿירה די לופֿט וואָס איך לעב..." – – – – – – – – 87
ווער עס קאָן – 88
אַ פֿערז פֿון ווערגילי – 89
בקעת העצמות – 90
דער קאַנאַריק – 91
ליבע – 92
"די ערשטע ליבע, זאָגט ער, האָט פֿון אים געמאַכט אַ פּאָעט..." – – – – – – 93
קינדער־ליבע – 94
דער מאַמעס מזל – 95
פֿראַנצייזישע סערענאַדע – – – – – – – – – – – – – – – – – – – 96
פּאַנורג – 96
שפּעטער ראַנדעווו – 97
יאָרצײַט – 98

פּראָמענאַד — 99
וואָלוול, אָן אַ בילעט — 100
דאָס ליכטיקע שטאַרבן בײַ טאָג, אויף דער באַלטיק, בײַ נידאַ — 101
דער לעצטער בליק — 102

23 בעטהאָווענס פּרעלודן און פּוגעס בײַם ים

"דער דאָזיקער ציקל..." — 104
דער סטערעאָעפֿעקט פֿונעם מעטשעט דזשומאַ־דזשאַמי... — 105
נײַער בראשית — 106
דער טיגער הייסט הײַנט מורוראָאַ — 107
אַ פּרימאָרגן אין קלאַסישן סטיל — 107
טעראַפּיע — 108
אין די שטראַלן ווי גראַטעס — 109
די פֿינפֿטע דימענסיע — 110
שעזלאָנגען — 111
"אַ מעטאַפֿאָר טראַכט מען ניט אויס. זי הענגט אין דער לופֿטן..." — 111
ליקוי־חמה — 112
ריפּן, אײַנגעבוירענע קראַנקשאַפֿט — 113
אַ בילדקאַרטל פֿונעם שפּיטאָל פֿאַר מלחמה־אינוואַלידן — 114
סיטרא־אַחרא — 115
אויפֿשריפֿט אויף דער אינעווייניקסטער זײַט פֿון אַן אַמפֿאָרע־שטשערבל — 116
די קאָרטע — 117
נישעס — 118
"יעדער טראָפּן, וואָס פֿאַלט..." — 119
אײַער ל. ב., דער מעלקער — 120
נאַוויגאַטאָר — 121
"אָנהייב מײַ איז געפֿאַלן אַ שניי..." — 122
אַ מעלדונג צו דער הימלישער מס־הכנסה — 123
תּמיד געפֿינט זיך אַ שיף..." — 124
פּישפּאַנג אין ווענעציע — 125
גריגאָרי קאַנאָוויטש. אַ ווונדערלעכער פּישפּאַנג אין ווענעציע — 126

די זײַטיקע טיר

נײַער מיטאָס — 127
ליכט־גראַוויטאַציע – אונדזער אייביקע רעאַנימאַציע — 128
קינדערנעכט אין אַ וועלטאַל, וואָס הוידעט און שלײַדערט אַ קינד — 129
דאָס זיסע אומענדלעכע לעבן — 130
אַ גוט־מאָרגן! — 131
"כ'גיב נאָר אַ טראַכט – און די גאָלדענע, געלע מאַראַנצן..." — 132
אין דער ראָזעווער באָד — 133
מענטשן אָן פֿליגל — 134

TV:פּייזאַזש־82 — 135
מאַסקאַראַד ★ — 136
אַ מיקראָטראַקטאַט צו דער מורא־טעאָריע און ענלעכע זאַכן — 137
פֿרידלעכע רויבערס — 137
די זײַטיקע טיר — 138
וועגן קעץ — 139
די ערשטע סימנים — 140
צו דער וועלן־טעאָריע. דעות — 141
לעסבאָס — 142

ב'

פֿאַרלירט ניט מײַן שפּור

ישׂשׂכר פֿאַטער. אַ פּאָעט, אַ שייגנײַסט — 144

אייראַזישע אַנונגען

אייראָפּעיִשע פֿעלדער ۞ — 145
צו דער געץ־אינזשענערישער קאָנפֿערענציע: וועגן נעז־קאָנקורענציע ★ — 146
אַ באַוווסטע געשיכטע, וואָס האָט ניט קיין שײַכות צו שפּײַכלערס ۞ — 148
"ווען איך געווין דעם פּרײַז "אל־על..." ۞ — 149
רוימישע בעדער ۞ — 150
אַפֿגאַנישע עלעגיע — 150
"מײַן זון מיט זײַן 'עוזי'..." ★ — 151
אין הויף בײַ דעם קעניג ★ — 152

פֿונעם זיבעטן שטאָק

אויפֿרוף — 153
קאָמעט Halley ۞ — 154
מײַן מאַמע ליגט אין קימפּעט ★ — 155
דער בלאָז־אָרקעסטער, אויגוסט 1980, אינעם לײַפּציגער פּאַרק... ۞ — 157
טוריזם־86 ۞ — 158
דער כאָר פֿון די אויסגעשטאָרבענע דינאָזאַווערן ۞ — 159
ווילדער ספּאָרט ۞ — 161
מיטל־עלטערלעכע פֿאַנטאַזיעס ۞ — 162
פֿונעם קורגאַן ۞ — 163
צו דער נאַטור פֿון די חפֿצים ۞ — 164
"אַ לופֿטיק בולבעלע אין קאָפּ..." — 165
Et lux perpetua ۞ — 166

פֿונעם זיבעטן שטאָק ❂ — 168
פֿאַראַפֿראַז — 169
בנות־חלומות ❂ — 170
און איר נעבעך... ❂ — 171
מיכאל קרוטיקאָוו. אַ ליטעראַרישע דערשײַנונג — 172

וועלטמאָדעל – קאַושאָן: Big-Bang, קלאַסנקאַמף, לאַפּאַצאָן

40 יאָר פֿרידן — 174
ייִדישער פּאַציפֿיזם — 175
ענטראָפּיע — 176
דער אָנגעוווירענער אידעאַל — 177
תּחית־המתים, אָדער ליאָוועס פֿאַרזוך זיך צו טרענקען ❂ — 178
אַ שמועס מיטן בלויזן פֿאַנטאָם... — 179
מײַן, קאָן זײַן, געניאַלע דערפֿינדונג — 180
צוויי פֿאַרשוינען — 182
טשימישליע, 1960 ❂ — 183
אַנטיקוואַריאַט — 184
מושבֿ־לצים — 185
מיטן פֿולן מויל בלוט ❂ — 186
סטרעס ❂ — 187
פּונקט געטראָפֿן ★ — 188
דאָס געבעט פֿון דעם יונגן נאַטוראַליסט — 189
אין דאָרף — 190
אויף דער שטילער דעליאַנקע — 191
מען אײַלט זיך, מען ווייסט ניט — 192
נחומס מעשׂה וועגן זײַן הימל־רײַזע ❂ — 193

אַ נימאסע טבֿע, דאָס לעבן

קאָלומב — 195
ADIO ❂ — 196
וועגן ווערטער און נעמענער ★ — 197
אין זשום ★ — 198
אַ צרה ★ — 198
אונדזער טויטזינד, דער איינציקער קוש ★ — 199
קרומער מישפּט ★ — 200
פֿון גאַסט ★ — 201
אַ נימאסע טבֿע ❂ — 202
וועגן גאָלדענע זאַכן ❂ — 203
SECOND HAND ★ — 204

REQUIEM AETERNAM

ווייענאָ★ — 205
טאָפּלינג ☼ — 206
בים־באָם★ — 206
קאָנסום ☼ — 207
דער בונט פֿון דעם ווײַנשטאָק – פֿון דער ביטערער לאָזע...☼ — 208

Autumn Cannibalism:

"כ'וואַרט, מײַן גאָט, ווען דו וועסט מיך פֿאַרנעמען..." ★ — 209
"שפּײַסט זיך אויס אויפֿן לעבן..."☼ — 209
☼Requiem aeternam — 210
צום בורא★ — 211
אַ שווײַגנגעשריי אין מאָביל־טעלעפֿאָן ☼ — 212
אַהרן ווערגעליס. אַ נײַער ייִדישער פּאָעט — 214

מאָסקווער מערידיאַן

__*פֿון דעם ציקל "C'est si bon!"*__

וואַרט אויס! — 215
Weekend,שבת־פֿאָרשונגען ★ — 216
מיידלעך ★ — 217
דער ערשטער דונער ★ — 218
איך וויל, איר זאָלט וויסן — 219
"ווי מוסולמענער באַגראָבן אין זאַמד אַ גיאַור..." — 220
סיאָמקע — 221
רויטע קוילן — 222
דער, מיטן רויטלעכן פֿלעק★ — 223

"ווער איז ער?"

"ווי שעמט ער זיך ניט?"

אַ סוד — 224
פֿעניקס — 225
"כ'לייג זיך שלאָפֿן..." — 225
"מײַן ספּיטש בײַם אַנטהילן דעם פּאָסטאַמענט...★ — 226

שליחות

יצחק ניבאָרסקי. צום קבלת־פּנים לכּבֿוד דעם פּאָעט — 227
"וויפֿל טײַערע פֿרײַנד פֿון בני־דור..." ★ — 228
אַ נסיון־נסיעה★ — 229
אַן אָפֿענער בריוו צום רעדאַקטאָר ☼ — 230

אַן אָפּענער ענטפֿער קיין טשערנאָוויץ ★ 231
"וואָס לייענסטו, דו יידישער לייענער..." 232
די שירה־נשמה ★ 233
"לײדיקע פֿלעשער קומען אײניקע מאָל נאָך צו ניץ..." 234
סופֿרות. רײַכע שלעפּערס ۞ 235
די נאַכט פֿון דערהרגעטע דיכטער ۞ 236

פֿון דעם ציקל "שפּעטער סעזאָן"

פֿאַרן פֿענצטער 237
"ס'פֿאַלט אַראָפּ פֿון די צווײַגן אַן עפּל..." 237
"מײַן טעלעפֿאָן שטייט בײַ מיר אויפֿן פֿענצטער..." 237
אין פֿאַרחלומטן פּאַרק 238
"איך געדענק די קינדערשפּיל..." ۞ 238
"הײַנטיקס יאָר איז קיין האַרבסט ניט געווען..." 238
מאָינקע־קוילער 239
"איך וואַרט אויף משיח. נעמט אָוועק די דערשראָקענע קינדער..." 240
"כ'זאָג זיך אָפּ פֿון הײַנט און אויף ווײַטער..." 241
"אַ שאָטן פֿון אַ בלימל שטעקט אין שניי..." 242

POEMETTI

מוינאַקי, אין די ריזיקע שלײַמבעדער 244
צו גאַסט בײַ דעם פּעטער רחמיאל 247
פֿרעסקע "קיום" 249

HYMNORIUM:

אַ הימען פֿאַר מײַן ערשטער געליבטער 251
צווייטער הימען פֿאַר מײַן ערשטער געליבטער 252
דריטער הימען פֿאַר מײַן ערשטער געליבטער 253
דעפּאָ 255

פּאָעמעס

אַ בריוול פֿון אַ. סוצקעווערן 257
אַנדריי יענדרוש. אַ ווײַטגרייכיקער קרײַזבויגן 258
שיק מיר אַ בשׂורה 259

דער לעצטער עקספּאָנאַט. אַשכּנזישע טרילאָגיע:

שלמה וואָרזאָגער. אַן אייגענער גאַנג 276
רענדסבורגער מיקווה 277
יורגען סערקע. אַנטפּלעקונג אין דער פֿאַרהילונג 284
RF און FST (עלפֿטע מכּה) 285

לופּטבלומען 315

סאַבינע צאַפּלין. "דער דיכטער איז. . . " — 316

ספּר INRI — 333

ג'

שאַרל דאָבזשינסקי. "*...dans la lignée des Kulbak...*" — 364

RELICTA

דרײַ לידער אין חיים ביידערס איבערזעצונג פֿון רוסיש: 365

דעם יונגן העלד, וועלכער איז אומגעקומען הינטערן דאָרף טשערנושקי
אַ ליבע־געשפּרעך
"מאַמע ,עפּעס לאַכסטו, מאַמע, כ'קאָן עס ניט פֿאַרשטיין..."

פֿון די ערשטע אייגענע פּראָבעס אויף ייִדיש

גרינע יאָרן ,בלויע יאָרן..." — 368

וואָלף־ראָנדאָ — 368

גאָלדענער סאָנעט — 369

לעצטער רעגן ۞ — 370

איר באַמערקט ווי ער פֿאַלט? עפּעס ניט ווי אַ שניי..." — 370

מערבֿ איז פּרעכטיק, און מיזרח איז שיין..." — 370

דער דײַטשער אורטעקסט פֿון דעם געדיכט "נאַכט בײַם וואַנזעע" — 371

אַ זײַטל אין אָנדענק פֿון שמיל בערינסקי – פֿון זײַנע פּאָעטישע פּרוּוון — 372

די 87 לושנות, דיאַלעקטן און מונדאַרטן, אויף וועלכע עס איז איבערזעצט געוואָרן "דער סטערעאָעפֿעקט פֿונעם מעטשעט דזשומאַ־דזשאַמי" — 373

ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזונגען צו די אַרויסזאָגונגען וועגן ל. בערינסקיס שאַפֿונג — 374

צו די אילוסטראַציעס — 375

LEV BERINSKI
P.O.B. 6677
AKKO 2472120
ISRAEL

l.berinsky@yandex.ru

berinskyskype1

פֿאַר קיינעם קיין מדריך ניט, בײַ קיינעם קיין תּלמיד,
קיינעמס קיין מיטלויפֿער, – אַזוי שפּרײַזט ער דורך
לעבן און ליטעראַטור, דער וווּנדערלעכער פּאָעט
לעוו בערינסקי.
מיט זײַן אײַנגעשלאָסנקייט אין אַ צייל אויטענטישע
קולטור־קאָנטעקסטן – אין דעם רוסלענדישן,
ישׂראלדיקן, מיזרח־ און מערבֿ־אייראָפּעיִשן, –
מיט זײַן אייגן־מחברישן בילינגוויזם
און איבערזעצערישער פֿילשפּראַכיקייט,
פֿילט ער הײַנט אויס
– איינער אַליין און דער איינציקער –
די שליחות, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן
פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, און מיט וועלכע ז'האָט,
דאַכט זיך, אויפֿגעהערט זיך צו ספּראַווען.

וואַלערי דימשיץ. "אַ ייִדישער ממשדיקער פּאָעט"